STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09309

FUN ZIKH UN FUN YENEM

H. Perlmuter

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. פערלמוטער

פון זיך און פון יענעם

פֿאַר מײַן טײַערן פֿרײַנד [redacted]
[illegible] חבֿר.
[illegible]
[illegible]
באַהבֿת נפֿשי האמתּה!
ה. פערלמוטער
מאַנהעטן דעם 5-טן יוני 1987

דאָס בוך דערשיינט צו דער צייט ווען די ווייניקע פון אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען אַרויס לעבעדיקע פון די דייטש־נאַצישע טויטן־לאַגערן קומען קיין ירושלים אָפּמערקן דעם 36־סטן יאָרטאָג פון זייער באַפרייאונג. ווידמע איך עס דעם אָנדענק פון די מיליאָנען קדושים וועלכע האָבן נישט זוכה געווען צו „טאַנצן אויף היטלערס קבר".

איך ווידמע עס אויך דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין יינגסטן ברודער ירחמיאל, טראַגיש אומגעקומען אין בליענדיקן עלטער פון 19 יאָר און מיין איינציקער שוועסטער רייזל מירעלע, פלוצים געשטאָרבן אין עלטער פון 13 יאָר. זאָל דאָס בוך אויך זיין אַ נר־תמיד צוקאָפּנס פון זייערע קברים אויפן לאָדזשער בית עלמין — צו זייער 50־סטער און 60־סטער יאָרצייט.

ה. פערלמוטער

ה. פערלמוטער

פון זיך
און
פון יענעם

תשמ״א — פּאַריז — 1981

כמו הקדמה

ווען איך, אַ פּשוטער ייִד, וואָס האָט נישט געטראַכט צו ווערן אַ שרייבער, האָב מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר צוריק גענומען די פּע־דער אין האַנט, בכדי אויף אַ כּמשמעותדיקן אופן צו דערציילן וועגן די ייִדן פון מיין אומגעבראַכטן שטעטל, האָב איך עס געטאָן צוליב אַ שטאַרקן אינערלעכן דראַנג דערצו. אַ דראַנג, פון וועלכן עס איז אויף קיין אַנדער אופן נישט מעגלעך געווען צו באַפרייען זיך.

איך דערמאָן זיך אָבער אויך, אַז נאָך פאַר דעם, ווי כ׳האָב אָנגעהויבן שרייבן און באַשרייבן די אַלע מיר גוט באַקאַנטע גע־שטאַלטן צווישן די פינף הונדערט ייִדישע משפחות פון מיין אומ־געקומען געבוירן־שטעטל, האָב איך, ווי פיל אַנדערע על פּי נס אָפּ־געראַטעוועטע פון היטלער־גיהנום — געוווסט, אַז ס׳איז מיין חוב, ממש אַ חוב, צו דערציילן דאָס געזעענע און מיטגעמאַכטע אין דער צייט פון חורבן. עפּעס האָט מיר אָבער געשטערט דערין...

קיין גענויעם דין וחשבון פון דעם אין וואָס עס באַשטייט דער „עפּעס", וועלכער האָט מיר געשטערט שרייבן וועגן דער טראַגישער צייט פון דער שואה, האָב איך זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן. ערשט, האַלטנדיק מיט אַ ציטערדיקער האַנט דאָס בוך „מיין סטערצעוו", וועלכעס האָט שפּעטער געדאַרפט ווערן מיין ערשטלינג־בוך, האָב

איך אָנגעהויבן פילן, אין וואָס עס איז באַשטאַנען די מניעה, וואָס האָט פריער מיר געשטערט שרייבן וועגן אוישוויץ און וועגן אַנדערע טויטפאַבריקן. איך האָב געלייענט און איבערגעלייענט „מיין סטער־צעוו", מיט אַ געפיל ווי עס וואָלט נישט געווען מיינס, נייערט, אַז די געשטאַלטן פון מיין שטעטל, דאָס יידישע שטייגער־לעבן דאָרט, האָבן אַליין זיך געגעבן אַ תיקון און אַזוי אַרום מיך באַפרייט פון אַ חוב.

די „שטערונג" איז פאַרביי. איך האָב גענומען שרייבן וועגן דעם, וואָס איך אַליין, און פיל אַנדערע יידן, האָבן דורכגעמאַכט אין די פייניקונגס־לאַגערן. אויב כ'האָב נאָך געהאַט וועלכע עס איז ספי־קות, צי איך בין געגנוג באַרופן עס צו טאָן, זענען זיי פאַרביי נאָך דעם, ווי אַ צאָל פני פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן (נאָכן אי־בערלייענען „מיין סטערצעוו") כמעט אַלע, ווי מען זאָגט בפה אחת, געמאָנט ביי מיר, אַז איך זאָל שרייבן.

צוליב די דערמאָנטע סיבות, ווי אויך בכדי מקיים צו זיין די צוואה פון מיינע אומגעקומענע אחים לצרה, בין איך געוואָרן אַ מחבר פון אַ צווייט בוך — „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ".

□

די „געשיכטע" פון מיין דריט בוך, אַזוי ווי איך זע זי היינט (און מיר זעען דאָך אין יעדער צייט און אין יעדן עלטער אַ ביסל אַנדערש), איז פון אַן אַנדערן מין: ראשית — בין איך שוין געווען מער זיכער אין זיך, שוין נישט אַזוי שטאַרק מורא געהאַט צו האַלטן די פעדער אין האַנט; שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ שטיקל פון יענעם וועג וועלכן עס מוז דורכגיין יעדער מחבר־אָנפאַנגער, און ספּעציעל אַזאַ, וואָס הייבט אָן שרייבן אין מיין עלטער. דאָס איז דער וועג וואָס ציט זיך פון מאָמענט, ווען מען הייבט אָן פאַרשרייבן די קאַרט־לעך פאַפיר, ביי זיך אין די אייגענע ד' אמות, ביז צו יענעם מאָמענט, ווען דאָס בוך דערשיינט און ווערט אַ רשות הרבים.

ווען איך בין צוגעטרעטן שרייבן מיין דריט בוך, האָב איך שוין גוט געוווסט וואָס איך וויל, אפילו אָפּגעגעבן זיך אַ חשבון דערפון, אַז ערגעץ טיף אין מיין נשמה האָט זיך געמוזט פון לאַנג שוין אויס־באַהאַלטן (פאַר מיר אַליין) אַ ווילן צו שרייבן. ווייל אויב נישט, פון וואַנען איז צו מיר, זיינער צייט געקומען אַן אידייע צו זאַמלען דאָקומענטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו יענעם וווּנדערפולן שטורמישן אויפברויז ביי געוועזענע יידישע קאַצעטלער אָנצוהייבן שפּילן יידיש טעאַטער, און דאָס דווקא אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד?

די צוויי סיבות, דאָס מיינט דאָס אייגענע ביסל זיכערקייט און מיין טעאַטער־אַרכיוו, האָבן מיטבאַשטימט, אַז ס'זאָל געבוירן ווערן מיין דריט בוך — „בינע־מאַסקעס". לויט דער באַצייכענונג פון לוי שאַליט איז דאָס געווען דאָס נויטיקע בוך, דער וויכטיקסטער שטיין אין מיין טרילאָגיע־בנין.

□

און איצט? פאַרוואָס דעצידיר איך זיך איצט אויף אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך, וואָס אפילו ביים שרייבן די כמו הקדמה ווייס איך נאָך אַלץ נישט גענוי וועלכן נאָמען דעם צו געבן. סיבות זיינען פאַראַן פאַרשידענע. ערשטנס, האָט זיך ביי מיר אָנגעזאַמלט אַ גרעּ־סערע צאָל אָפּהאַנדלונגען, רעצענזיעס און בריוו געווידמעטע מיינע פריערדיקע ביכער, און לויט מיין איבערצייגונג האָבן די דאָזיקע עסייען און בריוו נישט בלויז אַ פּערזענלעכן ווערט פאַר מיר — נייערט, ווען זיי ווערן צוזאַמענגענומען, אויך אַ דערקענטעניש־ווערט און אַ חשיבות פאַר דער גאַנצער חורבן־ליטעראַטור.

ווען איך האָב די אַלע רעצענזיעס און בריוו געוויזן מיינע פריינט, האָבן אַלע מיר גע'עצה'ט אַרויסצוגעבן זיי אין אַ בוך־פאָרם. און דאָך האָב איך לאַנג זייער לאַנג, נישט געקאָנט באַשליסן. ערשט,

ווען דאָס זעלבע האָט געהייסן טאָן דער באַקאַנטער עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער לייזער פּאָדריאַטשיק, האָב איך ענדלעך פעסט־גענומען דעם באַשלוס.

און דאַן זענען אויפגעקומען גאַנץ אַנדערע פּראָבלעמען: ווי אַזוי למשל, קאָן איך געבן מיין נאָמען צו אַ בוך, וואָס פּאַקטיש איז די גרעסטע טייל געשריבן געוואָרן פון אַנדערע, און דאָס על פּי רוב פון וואָגיקע יידישע פען־מענטשן? אַזאַ זאַך וואָלט געקענט טאָן אַן אינסטיטוציע, אָבער נישט איך — דער יחיד. באַדאַרף מען עס בכן נעמען בלשון „יהללך זר", און ווי אַן „אומר בשם אומרים".

צוהילף איז געקומען אַ געוויסער רעאַלער צושטאַנד, וועלכער האָט אונטערגעזאָגט: „אויב, הערשל, ביי דיר זענען נישט געבליבן אין פּאַרמעג קיין עקזעמפּלאַרן פון דיינע פריערדיקע דריי ביכער, און דערפילן דעם פּאַרלאַנג פון דיינע פריינט אַרויסצוגעבן אַ צווייטע אויפלאַגע, קאָנסטו נישט, איז אפשר ווערסטו אַרויסנעמען צו איין קאַפּיטל פון יעדן פון דיינע פריערדיקע ביכער און געבן זיי די מעגלעכקייט, אַז זיי זאָלן צוזאַמענלעבן ביינאַנד מיט די רעצענזיעס וועגן זיי, טאַקע צווישן די טעוועלעך פון איין בוך?".

וכך הווה, איך האָב זיך דעצידירט. אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ, נאָך נישט די לעצטע דאגה. עס איז נאָך געבליבן די פראַגע — וועלכע קאַפּיטלעך? גיך האָב איך געפונען אַן אויסוועג: עס וועלן זיין יענע קאַפּיטלעך, וואָס האָבן מער־וויניקער אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער.

ווען דער יצר־טוב האָט שוין געהאַט אָפּגעטאָן דאָס זייניקע, האָט זיך גענומען אַריינמישן דער שרייבערישער יצר־הרע: „אויב שוין יאָ נאָך אַ בוך, פאַרוואָס זאָלסטו אויך נישט פאַרעפנטלעכן עטלעכע דערציילונגען פון די, וואָס האָסט געשריבן נאָך דעם, ווי דו האָסט אַרויסגעגעבן דיין דריט בוך בינע־מאַסקעס"?"

אַזוי איז, סוף כל סוף, געבוירן געוואָרן דער פּלאַן און דער סדר פון דאָזיקן בוך.

□

פאַר קאָנען אַרויסגעבן אַזאַ בוך, ווייל איך אויסדריקן מיין טיפסטן דאַנק אַלע די פון מיינע לייענער, וועלכע האָבן צו מיר געשריבן, און אַלע יידישע פען־מענטשן, וואָס האָבן זיך געגעבן די מי אָפּצושאַצן מיינע פריערדיקע ביכער, אַזוי מיינע פריינט, ווי די וואָס איך קען נישט פערזענלעך. איך וויל אויך דערמאָנען מיט יראת הכבוד יענע יידישע שרייבער, זיי זאָלן זיין אָפּגעשיידט, וואָס זענען שוין אויפן עולם האמת, און וועמענס אָפּהאַנדלונגען אָדער בריוו גייען אריין אין דעם בוך.

מיט די פּאָר ווערטער, גלויב איך צו האָבן פאַרענטפערט זיך, פאַר דעם מוט אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך, וואָס דאַרף צומאָל אויך זיין אַ מין „זה חלקי מכל עמלי".

ה. פּערלמוטער

פּאַריז, פעברואַר 1981.

☆

סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי

דאָס פּנים פון דער צייט

מיכאַל מילבערגער האָט שוין געפורעמט און פורעמט ווייטער סקולפּ־טורן פון באַרימטע מענטשן, אַזוי פון יידן ווי נישט יידן — פון פּאָליטיקער, געלערנטע, שרייבער, שוישפּילער, מלוכה־פּרעזידענטן און נאָבעל־לאַורעאַטן. ער האָט אָבער נישט אָפּגעזאָגט זיך צו מאַכן סקולפּטורן פון נישט באַרימטע מענטשן, אויב זיי האָבן נאָר דורך זייער שווייגן, שטילקייט אָדער ליידן, צו־געצויגן דעם קינסטלערס אויפמערקזאַמקייט.

דער ביוסט פון הערשל פּערלמוטער, געגאָסן אין בראָנדז, (פּאַריז 1979) געהערט טאַקע צו די דאָזיקע ווערק פון מיכאַל מילבערגער. און דווקא דאָס דאָזיקע ווערק אינספּירירט צו רעפלעקסן איבערן מהות פון דער קונסט.

און וואָס איז זי באמת ? אַ דאָקומענט, אַ צייגעניש, אַן איבערגעבן — און אויב יאָ, וואָס גיט זי איבער ? די ענלעכקייט, דאָס אייגנטימלעכע פון די אויסערלעכע־ ווי נשמה־אייגנשאַפטןביים געגעבענעם מאָדעל ?

איך ווייס וועגן הערשל פּערלמוטער, אַז ער איז געווען אַ קאַצעטלער, געפּייניקט געוואָרן אין די היטלערישע לאַגערן; אַז ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע משפחה; אַז ער איז אַ באַשיידענער מענטש, אַ מחבר פון דריי ביכער זכרונות, אַז ער האָט ליב טעאַטער. אָבער נישט די דאָזיקע אייגנשאַפטן זיינע, געפין איך אָפּ אין דער סקולפּטור פון מילבערגער.

דער דאָזיקער ביוסט, דאָס פּנים פון מאָדעל פּערלמוטער, אַנטפּלעקט אַלץ אויף וואָס עס איז אויסגעשטעלט געווען דער מענטש פון דעם יאָר־

הונדערט, אָדער ריכטיקער פון דער ערשטער העלפט פון דעם יאָרהונדערט, וואָס איז איבערפולט געווען מיט שחיטות, מיט בלוט, מיט ליידן אָן אַ מאָס.

און אָט — אַ ניצול־געוואָרענער פון דער צייט, פון וועלכנס פּנים מען קאָן אַראָפּלייענען די ליידן, דעם ווי און די אויסגעמאַטערטקייט.

דאָס געזיכט פון דאָזיקן ליידנדיקן מענטש וועט איבערדויערן די צייט: אין דער דאָזיקער סקולפּטור וועט מען קאָנען מכיר פּנים זיין דאָס פּריוואַטע לעבן פון מאָדעל, וועלכעס האָט אָבער אויפגעהערט צו זיין דאָס אייגנס פון דעם יחיד — דער נאָמען פון וועלכן עס איז הערשל פּערלמוטער.

דאָס וואָלט אָבער נישט מעגלעך געווען אָן דער מייסטערשאַפט פון מיכאל מילבערגער.

ה. פערלמוטער

פון זיך

אַן אַכט־יאָריקער מלמד

אַ גאַסט פון אַמעריקע

חוהלע

אויפן וועג קיין אוישוויץ

אויף דער ראַמפּע

צום עמק הבכא

אַקטיאָר

אַרויס פון לאַגער און
אַריין אין לאַגער

אַ פאַרשטערטער סדר

וואַקאַנסיאַדע

מיטן נשיא זלמן שזר
אין האָטעל „אילת״

ישראל אין די גורלדיקע
מלחמה־טעג

אַן אַכט־יאָריקער מלמד

ווער ס׳האָט נישט געלערנט ביי מענדל דעם דרדקי מלמד, וועט קיין ריכטיקע עברי נישט קענען, פלעגט מען זאָגן אינעם שטעטל.

מענדל מלמד איז געווען אַ ייד אַ הדרת־פנים, מיט זייער אַ שיינער צוויי־שפּיציקער לאַנגער גרויער באָרד און מיט בלויע מילדע אויגן. ער האָט אויס־געזען אינגאַנצן ווי משה רבנו, אַזוי ווי מען פלעגט אים זען געמאָלט אויף ביל־דער מיט די לוחות אין האַנט. מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז די שכינה האָט ממש גערוט אויף זיין פּנים. ער האָט געהאָט נאָך אַ מעלה: ער איז נישט געווען קיין קפדן, ווי דער שטייגער איז געווען ביי מלמדים אין יענער צייט. דערפאַר האָבן אים זיינע תלמידימלעך ליב געהאַט. אָפט פלעגט ער געבן וועמען פון זיי אַ ראש־חודש־רעטעכל פונעם אייגענעם גערטנדל, וואָס ער האָט אַליין באַאַר־בעט, וועמען אַ שטיקל איילזאַמען, וועמען אַ צוקערל. אַ חוץ דעם איז ער טאַקע געווען אַ גרויסער מומחה אינעם פאַך. ביים איינלערנען דעם קמץ־אלף האָט ער באַנוצט אַן אייגענעם אופן, און ס׳איז אים אַ סך לייכטער אָנגעקומען ווי ביי אַנדערע. פאַר יעדן מין לערנען האָט ער געהאַט אַ באַזונדערן ניגון, און דערמיט אים צוגעגעבן אַזאַ טעם, אַז ס׳איז גיכער און בעסער אַריינגעדרונגען אין די קליינינקע מוחלעך פון די קינדערלעך.

ווען ס׳איז געקומען צו אקדמות, האָט מען געלערנט מיט אַזאַ חשק, אַז די קלאַנגען האָבן פאַרשאָלט דאָס גאַנצע געסל. ווען מען האָט געלערנט די סדרה, ווי די ברידער פאַרקויפן יוספן קיין מצרים פאַר אַ קנעכט און ווי ער ווערט דאָרט שני־למלך, האָט דאָס אַרויסגערופן ביי אונדז אַזאַ שפּאַנונג און רחמנות, אַז טרערעלעך האָבן זיך באַוויזן אין אונדזערע אויגעלעך. איז דערי־

בער קיין וואונדער נישט, אַז דער, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט זיין „שולע", איז געווען אַ גאַנצער קענער.

ווען מענדל מלמד איז געשטאָרבן, איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען איינגעהילט אינעם טיפסטן טרויער, גלייך ווי ס'וואָלט נפטר געוואָרן דער צדיק הדור.

ביי דער לוויה זיינען אַלע זיינע תלמידים, קליין און גרויס, געגאַנגען פאַר דער מיטה מיט סידורימלעך אין האַנט און געזאָגט „יושב בסתר". געקומען זענען אפילו זיינע שונאים, ווי אַ שטייגער דער קלישטשעווער מלמד מיטן חדר, מיט וועלכן מיר האָבן יעדן ל"ג בעומר מלחמה געהאַלטן און יעדעס מאָל באַזיגט, אַדאַנק טאַקע דער גוטער „סטראַטעגיע" פון מענדל מלמד, וועלכער האָט געזאָרגט, אַז זיין „אַרמיי" זאָל זיין גוט „באַוואָפנט" בחרבו ובקשתו, דאָס הייסט מיט אַ פיילנבויגן געמאַכט פון אַ שירעם־דראָט, אַ שווערד געשניצט פון אַ דאַך־שינדל, און ער האָט אָפט מיט אונדז געמאַכט „מאַנעווורעס", געוואָלט פאַר יעדן פרייז געווינען די „שלאַכט". אויך זיי — די „באַזיגטע" — האָבן מיט דרך־ארץ באַגלייט דעם רבין צו זיין אייביקער רו און געזאָגט דעם „צדק לפניו יהלך".

ווען מענדל מלמד איז געשטאָרבן, בין איך אַלט געווען אַכט יאָר. כ'האָב שוין געלערנט ביי גמרא־מלמדים פונעם שטעטל. מיין לעצטער, דער גרעסטער רבי, ר' ישראל שאַיע, האָט נאָר געלערנט מיט דערוואַקסענע בחורים, נגידישע קינדער, וועמענס עלטערן האָבן זיך געברוגזט אויפן רבין. ס'איז זיי נישט אָנגעשטאַנען, הלמאי זייערע בחורים זאָלן לערנען מיט אַזאַ שנעק. ר' ישראל שאַיע האָט זיי, ווי כ'האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, געענטפערט מיטן פסוק פון פרק: „אל תסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו" (קוק נישט אויפן קריגל, נאָר וואָס איז אינעווייניק). ביי מיר, האָט ער זיי געזאָגט, איז פאַראַן דער יש בו, בין איך דעריבער ראוי צו לערנען אינאיינעם מיט אָט די חתן־בחורים. דערביי האָט ער זיי אויך איבערגעגעבן וועגן מיר און וועגן מיין חבר איטשע שלמהס, אַז ווי נאָר מיר לערנען צום ערשטן מאָל אַ שיעור, זענען מיר

אים באַלד תופס, און אויף צו מאָרגנס לערנען מיר עס שוין אין דערבייאיקן צימער אויף אויסגוויינטיק.

ער האָט נאָר נישט געוווּסט, אַז חזרנדיק דאָרט דעם שיעור, האָבן מיר אין איינוועגס גאַנץ געשמאַק געקנאַלט אַן אָקעלע.

ווען דער רבי האָט מיר אַמאָל נאָכן לערנען געזאָגט, אַז ער וויל זען מיין פאָטער, בין איך מסתמא געוואָרן בלייך ווי קאַלך. ווער ווייסט — האָב איך געטראַכט — צי דער רבי האָט זיך נישט עפּעס דערוווּסט וועגן אונדזערע מעשים טובים, וואָס מיר טוען דאָרט אינעם צווייטן צימער, און צוליב דעם הייסט ער דאָס רופן מיין פאָטער. וואָס טוט מען? נישט פאָלגן דעם רבין, איז דאָך נאָך ערגער. האָב איך בלית ברירה עס געזאָגט מיין פאָטער אַזוי, אַביסל אונטער דער נאָז, און געבעטן אין האַרצן, ער זאָל דאָס נישט דערהערן.

מילא, וואָס איך האָב איבערגעלעבט ביז מיין פאָטער איז צוריקגעקומען, איז איבעריק צו זאָגן. נאָר אַז מיין פאָטער איז צוריקגעקומען און כ׳האָב באַמערקט אַ שמייכל אויף זיין פּנים, איז מיר לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה. ער האָט דערציילט דער מאַמען, אַז וועדליק ר׳ ישראל שאַיע קאָן איך זיך שוין מיין שטעטל אַליין באַשטיין. דאָס הייסט, אַז לויט אים דאַרף איך שוין גיין לערנען אינעם בית־המדרש אַליין.

ווען איך האָב דאָס דערהערט, בין איך געוואָרן באַהערשט פון אַ טאָפּל־טער פרייד: ערשטנס, וואָס כ׳האָב זיך אומזיסט געשראָקן און צווייטנס, וואָס כ׳וועל ווערן אַ פרייער מענטש. כ׳וועל קאָנען לערנען ווען איך וויל, וואָס איך וויל, און ווי איך וויל. איינמאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פון „מורא רבך״. כ׳האָב צוגעזאָגט מיינע עלטערן, אַז כ׳וועל זיי נישט אָפּנאַרן, נאָר לערנען מיט חשק.

ווען די בחורים אין בית־המדרש האָבן דערזען דעם „פּאַרשוין״, וואָס וויל ווערן זייער קאָלעגע, האָבן זיי געקייכט פאַר געלעכטער: גרויס בין איך

געווען ווי אַ גענעץ. אַז כ׳האָב געוואָלט אַרויסנעמען אַ גמרא אָדער אַ ספר פון די אלמערס, האָב איך זיך געמוזט אַרויפשטעלן אויף דער באַנק, פון דער באַנק אויפן טיש — און דאָס האָט זיי שטאַרק געקיצלט. אַזוי איז דאָס אַנגע־גאַנגען שיינע עטלעכע טעג. ערשט ווען זיי האָבן מיך געזען קנעלן איבער דער גמרא גאַרנישט אויף קאַטאָוועס, האָט איינער פון די יונגעלייטלעך, אפשר פאַר לאַנגווייליקייט, צי גאָר כדי צו זען אויב איך ווייס טאַקע וואָס איך לערן, מיך צוגערופן צו זיך און פאַרגעלייגט מיר זאָלן לערנען צוזאַמען. איך בין שטאַרק נתפעל געוואָרן, וואָס גראָד ר׳ יעקב קוטנערס איידעם האָט עס מיר פאַרגע־לייגט.

ר׳ יעקב קוטנער איז געווען זייער אַן אָנגעזעענער ייד אין שטעטל. אויף אים האָט מען געקאָנט זאָגן: תורה וגדולה במקום אחד, צו גאָט און צו לייט. אַ רייכער שניט־סוחר, אַ נגידישער מענטש, ממש די איידלקייט אַליין. דערצו אַ גרויסער למדן. האָב איך זיך דעריבער געמעגט גרויסן דערמיט, וואָס פאַר זיין איידעם האָט געפּאַסט מיט מיר צו לערנען.

דער יונגערמאַן איז, ווייזט אויס, אויסן געווען טאַקע צו זען, אויב איך ווייס באמת וואָס איך לערן. ער האָט זיך גענומען מיט מיר אַזוי פּשטלען און מיר שטעלן אַזעלכע קשיות, אַז כ׳האָב געמיינט, כ׳געפין זיך ביי אַ ריכטער אויף אַ קרייץ־פאַרהער. ער האָט געגלעט דערביי זיין קליין בלאָנד בערדל און זיין בלייך איידל פּנים האָט זיך אָפט צעשמייכלט. זעענדיק, ווי כ׳בלייב אים נישט שולדיק קיין תירוץ, האָט ער מיך אויף צומאָרגנס ווידער פאַרבעטן צו לער־נען צוזאַמען.

אַז די בחורים און קעסט־איידעמלעך, וועלכע האָבן זיך ביז איצט גע־ווילט אויף מיין חשבון, האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי אויסגעגלאָצט די אויגן. סטייטש? יעקב קוטנערס איידעם פאַרבעט מיך גאָר צום לערנען? נישט צו פאַרשטיין. וויסנדיק אָבער, אַז „פון זיין שחיטה מעג מען עסן", האָבן זיי אויך געפּרוּווט דאָס נאָכצוטאָן, ס׳איז שוין געווען ביי זיי פּשוט ווי אַ פאַרמעסט, ווער פון זיי וועט מיך האָבן צום לערנען.

איז דערגאַנגען אַ קלאַנג צום רב, אַז ס׳איז פֿאַראַן אין בית המדרש אַ ייִנגל אַ מתמיד, אַ פֿייערדיקער קאָפּ, וואָס כאָטש ער דערגרייכט קוים צום טיש, קאָן ער זיך פֿאַרמעסטן מיט די, וואָס קוועטשן די גמרא איבערן טיש. מיט איין וואָרט: ס׳וואַקסט אַן עילוי.

ווען דער רב האָט זיך איבערצייגט, אַז ס׳איז אַזוי, איז ער געפֿאַלן אויף אַ המצאה: היות זיין אייניקל, הלל, וועט, ווי דער שטייגער איז ביי רבנים, אויך אַמאָל דאַרפֿן ווערן אַ רב, און ער האָט אָבער, לא עליכם, זייער אַ שווערן קאָפּ צום לערנען, לכן בעט ער מיך, איך זאָל מיט אים לערנען צוזאַמען, וועט ער אפשר אַזוי אַרום גיכער תופס זיין וואָס ער לערנט. ער האָט אויך באַמערקט, אַז איך רייכער שוין אַ פּאַפּיראָסל, האָט ער מיר תיכף געגעבן אַ „קאָנטע״, אַ ביסל טערקישן טיטון, וואָס ער פֿלעגט זיך ברענגען פֿון די וואַרעמע בעדער אין אויסלאַנד, וווהין ער איז יעדן זומער געפֿאָרן.

דעם טיטון האָט דער רב גענוצט צום טיילן כיבוד און נאָר יום־טוב פֿאַר זיין לאַנגער ליולקע, וואָס האָט געגרייכט ביז צו דער ערד. איך האָב, וואָס אַן אמת, שוין גאָר וואַזשנע פֿאַרצויגן אַ סיגאַרעטל (אויב כ׳האָב נאָר געהאַט), מ׳האָט טאַקע אויף מיר געטייטלט מיט די פֿינגער, און עטלעכע האָבן אפֿילו מיט באַדויערן צוגעברומט, אַז ס׳וואַקסט אַ גנב. מאָדנע: ביי אַ טייל האָט עס געהייסן, אַז ס׳וואַקסט אַן עילוי, און ביי אַנדערע, אַז ס׳וואַקסט אַ גנב... ביידע זאַכן זענען ב״ה נישט מקוים געוואָרן.

דאָס ביסל טיטון, וואָס כ׳האָב באַקומען פֿונעם רב, האָט מיך שטאַרק דערפֿרייט. קודם־כל דערמיט וואָס כ׳האָב דערזען דעם ערשטן שכר פֿאַר מיין לערנען. ס׳איז מיר גאַנץ גוט צונוץ געקומען אויך. ס׳לערנט זיך גאָר אַנדערש, ווען דו ווייסט און פֿילסט, אַז אין וועסטל־קעשענע ליגט עפּעס צום רייכערן, און דערצו נאָך טערקישער טיטון, אַ מתנה פֿון רב. כ׳האָב זיך טאַקע מיט ברען גענומען צום לערנען מיט זיין אייניקל הלל. דאָס איז מיר, אגב, גאָרנישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. כאָטש ער איז געווען עלטער פֿון מיר, איז אָבער דער קאָפּ

זיינער געווען אַזוי טעמפּ, אַז ער האָט גאָרנישט געקאָנט פאַרנעמען. כ׳בין פּשוט אָפּטמאָל געווען אויף אים אין כעס און נישט געקאָנט משיג זיין, ווי אַזוי ער, אַ רבס אַן אייניקל, וואָס זיין טאַטע איז אויך אַ רב, צוויי ברידער זיינע, מלך און יעקב, האָבן אויך שוין היתר־הוראה — זאָל נישט קאָנען באַנעמען דעם פּשט פון דער גמרא. כ׳האָב זיך נישט איין מאָל געטראַכט, אַז דאָס ביסל טיטון האָב איך מיר כשר פאַרדינט.

ס׳איז געווען אַ זומערדיקער פרימאָרגן. די ביימער פון די אַרומיקע צע־בליטע גערטנער האָבן פאַרשמעקט מיט זייער ריח, וואָס איז אַריינגעדרונגען דורך די אָפענע פענצטער אין בית־המדרש אַריין, ווו ס׳איז שוין דווקא נישט געווען אַזוי שמעקנדיק... ס׳האָט אַ ביסל דערפרישט די לופט, און דערמיט צוגעגעבן חשק צום לערנען. אין אָט דעם פרימאָרגן האָט זיך באַוויזן אין בית־המדרש אַ ייד, אַן אָרעמדאָר פון אַ דערבייאיקן דאָרף, ווו ער איז געווען דער איינציקער יידישער איינוווינער, געהאַט דאָרט אַ שפּייז־געוועלבל, אַ שטיקל קרעטשמע. אַחוץ דעם האָט ער אויך פאַרמאָגט דריי דערוואַקסענע בנים, וועלכע האָבן, נעבעך, נישט געקאָנט קיין צורת אלף, געוואַקסן ריינע גוים. האָט ער געהאַפט דאָ אין בית־המדרש, ווו ס׳שוויבלט און גריבלט מיט תורה, צו געפינען עפּעס אַ בחור אַ שטיקל מלמד פאַר זיי. געזוכט און גענישטערט ביי די טישן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים טיש, ווו כ׳בין געזעסן און „גע־אַקערט" מיטן רב׳ס אייניקל, הלל. אפנים, אַז כ׳בין אים שטאַרק געפעלן גע־וואָרן. מיר האָבן גראָד געלערנט מיט אַזאַ התמדה, אַז מיר האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. ער האָט זיך צוגעהערט און געקוקט, ווי מיר לער־נען און פאַר קנאה אונדז אויפגעגעסן ממש מיט די אויגן. ער האָט זיך נאָכ־געפרעגט ווער איך בין און דעם זעלביקן טאָג נאָך, זיך געוואָנדן צו מיינע עלטערן, זיי זאָלן באַוויליקן מיך צו שיקן צו אים אויפן דאָרף ווי אַ מלמד פאַר זיינע קינדער. ער איז גרייט צו געבן יעדן חודש דערפאַר כך וכך מיינע על־טערן, אַבי זיינע זין זאָלן אויך קאָנען לערנען די הייליקע תורה... דערצו וועל איך אַרומגיין ביי אים אין מילך און האָניק, ס׳וועט גאָרנישט פעלן. מיינע על־

טערן איז דער עסק שטאַרק געפּעלן געוואָרן און זיי האָבן זיך צו אים צוגע־כאַפּט מיטביידע הענט.

ס׳איז געווען מלחמה־צייט פון פערצן־אַכצן. אין שטוב איז מיט פּרנסה געווען נישט שטאַרק פויגלדיק. מיין פאָטער האָט נישט געוווסט מיט וואָס מפרנס צו זיין דאָס הויז־געזינד, וואָס איז באַשטאַנען פון זיבן נפשות: טאַטע־מאַמע, איך מיט נאָך דריי ברידער און אַ שוועסטער. זיין פּרנסה איז דעמאָלט באַשטאַנען פון דעם, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפּט אַביסל נאָדלען, אַביסל פאָדעם און דערמיט אַרומגעקראָכן איבער די דערפער צו באַקאַנטע און אומ־באַקאַנטע פויערים. דערפאַר האָט ער איינגעהאַנדלט ביי איינעם אַ שטיקל פּו־טער, ביי אַ צווייטן אַ ביסל קאַרטאָפל, אַ ברויט, אָדער אַביסל גרויפּן, אַמאָל בעבלעך. כ׳געדענק ווי איצט, ווי מיר האָבן אַלע מאָל געוואַרט אויפן טאַטן ווי אויף משיחן, ער זאָל שוין וואָס גיכער קומען און אונדז באַפרייען פון הונ־גער. ווען ער איז געקומען מיט אַ לעבל ברויט, האָבן מיר זיך דערויף גע־וואָרפן ווי די היישעריקן און דער טאַטע האָט פאַר זיך געלאָזט קוים אַ כזית. אָרעמער טאַטע, נעבעך! וויפל צער האָט גענאָגט דיין געווייטיקט האַרץ, צו־זעענדיק ווי דיינע קינדער חלשן ממש נאָך עסן און דו האָסט זיי נישט וואָס צו געבן. און ווי גרויס איז געווען דיין פרייד, ווען מיר האָבן זיך געקוויקט מיט אַ לייטישן מאָלצייט. און צו דעם אַלעם ביסטו פאַר זייטיקע מענטשן תמיד געווען לוסטיק, פריילעך, כדי קיינער זאָל נישט וויסן וועגן אונדזער שלעכטער לאַגע.

כ׳דערמאָן זיך יענעם פריטיק צו נאַכטס, ווען ביי לייטן האָט מען גע־פּראַוועט די שבת־סעודה מיטן גאַנצן קנאַק און מיר זענען געזעסן ביי די קליינע שבת־ליכטלעך ביים טיש, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געפונען אַ טרוקן שטיקל ברויט, מיט שוואַרצער ציקאָריע. כ׳געדענק, ווי מיר האָבן מורא געהאַט, אונדזערע חברים זאָלן נישט קומען צו אונדז, ווי דער שטייגער איז געווען, און זען אונדזער שבת־טיש. האָסטו דעריבער געהייסן פאַרשליסן פאַר זיי די טיר ביז מיר וועלן ענדיקן דעם „מאָלצייט״, כדי נישט צו ווערן פאַרשעמט. און

טאַמער איז דאָס נאָך געווען ווייניק, האָט דאָס טעפּל „קאַווע" ביים אַראָפּנעמען עס פון קיך זיך איבערגעדרייט און אויסגעגאָסן. דאָס ביסל בידנע „קאַווע" האָבן מיר אויך נישט געטרונקען, און אַ צווייטס האָט מען דאָך נישט געקאָנט אויפקאָכן, ס'איז געווען שבת. מיין טייערע מאַמע האָט געזען דערין גאָטס שטראָף און זיך דערביי יאָמערלעך צעוויינט, און מיר אַלע האָבן מיטגעוויינט.

דעריבער זענען מיינע עלטערן טאַקע געווען איבערגליקלעך פונעם אַרענדאַרס פאָרשלאָג, וויסנדיק אַז מיר וועט כאָטש קיין עסן נישט פעלן און זיי וועלן נאָך יעדן חודש באַקומען אַביסל געלט פאַר שכר־לימוד.

ווען איך האָב דערהערט דעם פּלאַן, בין איך פון אָנהייב געווען מלא שמחה. עפּעס אַ קלייניקייט, אַני הקטן, קוים אַכט יאָר אַלט, וועל גאָר ווערן א רבי, לערנען מיט תלמידים באַלד טאָפּלט עלטער פון מיר. ס'האָט מיך אויך געלאָקט דאָס אַרויספאָרן אין דער „וועלט" אַריין, זיצן ווי אַ פּריץ אויף אַ ברייטשקע מיט אַ פּאָר קנאַקעדיקע סוסים. איך האָב ביז דעמאָלט קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אַרויסצופאָרן פונעם שטעטל, און דאָ מיט אַמאָל אַזאַ גליק. מען האָט דעריבער לאַנג נישט געטראַכט, מיר פאַרפּאַקט אַ קלומיקל מיט אַ פּאָר זאַכעלעך און — היידא! מיר פאָרן.

ס'האָבן מיך אָבער פאַרפאָלגט מיין מאַמעס טרערן, וואָס כ'האָב באַמערקט אויף די וויעס פון אירע אויגן ביים געזעגענען זיך מיט מיר. און ווי נאָר מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון שטעטל, איז מיך באַפאַלן אַ בענקשאַפט נישט אויסצוהאַלטן. ס'האָט זיך מיר אַזש געוואָלט אויסשרייען צום אַרענדאַר: ר' ייד! דרייט אויס דעם דישל און פאָרט צוריק! כ'האָב זיך אָבער דערמאָנט אין מיינע עלטערן, וואָס האָבן דערין געזען אַזאַ גליק און הילף פאַר מיר, ס'האָט מיך באַהערשט אַ געוואַלדיקער רחמנות אויף זיי. כ'האָב זיך אויך געשעמט פאַר מיינע חברים, וועלכע האָבן מיך אַזוי שטאַרק מקנא געווען און פאַר זיך אַליין אויך. פאָרט געוואָלט ווייזן, אַז כ'בין אַ „מענטש". האָב איך זיך אָנגענומען מיט כוח נישט אויסצוברעכן אין אַ געוויין און זיך באַמיט צו פאַרטרייבן פון זיך די בענקשאַפט.

אַן אַכט־יאָריקער מלמד

ס׳האָט שוין אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט. אַלץ אַרום איז געווען אַזוי שטיל. ס׳האָט זיך בלויז געהערט דאָס סווישטשען פון די פייגעלעך. דער ריח פון די סאָסנע־ביימער און פון פריש־געשניטענעם גראָז אויף די פעלדער איז אַריינגעדרונגען אין אַלע איברים, ממש פאַרשיכורט. בין איך אַזוי איינגע־שלאָפן מיט מיינע קינדערישע געדאַנקען.

ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, בין איך שוין געווען אויפן אָרט. כ׳האָב נישט באַוויזן זיך אומצוקוקן ווו איך געפין זיך, אָפּגעגעסן גלייך אָוונטברויט. האַלב שלאָפנדיק, האַלב וואַכעדיק בין איך אַריין אין צימער, וואָס מען האָט מיר אָנגעוויזן, זיך געלייגט שלאָפן און פּטור.

וויפל דימיונות און חלומות ס׳זענען מיר אין יענער נאַכט אַדורך אין מיין קינדיש מוחל — ווייסט איין גאָט.

אויף צומאָרגנס, שוין אַן אויסגעשלאָפענער און אַ געדאַוונטער (כ׳בין דאַכט זיך, געווען דער איינציקער אינעם דאָרף, וואָס האָט געקענט דאַוונען) — האָט מען מיך אָוועקגעזעצט ביים טיש צוזאַמען מיטן גאַנצן געזינדל עסן פרישטיק, כדת וכדין, דערלאַנגט מיט דער פולער האַנט אַזוי ווי אַן אַרענדאַר קאַן: קעז, צוואָרעך, סמעטענע, אייער, מילך, פּוטער, ברויט מיט מאָן און קאַ־פּער. אַלץ האָט מיר זייער גוט געשמעקט. נאָר אַז איך האָב באַטראַכט מיינע תלמידים, דריי יונגען ווי די בערן, גרויס ווי די היידאַמאַקעס, וואָס האָבן כסדר אָנגעשפּיצט זייערע אויגן אויף מיר, איז מיך באַפאַלן אַן אימה. איך זאָל דאָס זיין זייער רבי? ס׳האָט מיר פאַרשלאָגן דעם אַפּעטיט צום עסן און כ׳האָב גאָר־נישט געקאָנט נעמען אין מויל אַריין. קיינער פון די מיטעסער האָט נישט גע־ווּסט פאַרוואָס.

כ׳האָב זיך אָנגעטאָן דעם גרעסטן כוח אויף גובר צו זיין די שרעק און זיך גענומען צו דער מלאכה, דאָס הייסט צו לערנען מיט מיינע בחורים. איך האָב אָנגעהויבן פון אַלף־בית, וואָס איז פאַר זיי געווען שווערער פון האַלץ־האַקן.

מילא, קיין גרויסע למדנים וואָלטן זיי פון מיר שוין סיי ווי נישט אַרויס. כ׳וואָלט שוין אויך דעם אויך באַשטאַנען. ס׳וואָלט שוין אַלץ ווי ס׳איז מיטגע־גאַנגען ווען נישט דאָס בענקען. די בענקשאַפט אַהיים האָט מיך נישט געלאָזט רוען. אַלע ווײַלע זענען מיר געקומען פאַר די אויגן מײַנע טײַערע עלטערן, מײַנע ברידער און שוועסטער, צו וועלכע ס׳האָט מיך געצויגן כאָטש אַ וואָרט פון זיי צו הערן, אַ ווײַלע זיך צוטוליען צו זיי. ס׳האָט מיך אויך געצויגן צו מײַנע חברים. כ׳האָב אפילו געבענקט נאָך מײַן תלמיד מיטן טעמפּן קאָפּ, דעם רב׳ס אייניקל, הלל. דערצו נאָך האָט דער יצר־הרע נישט אויפגעהערט אין מיר צו בורטשען: נאַר איינער, שוטה וואָס דו ביסט! צו וואָס האָסטו עס באַדאַרפט? וואָס האָסטו דאָ מ׳שטיינסגעזאָגט? דרייסט זיך אַרום פּוסט און פּאַס, האָסט צומאָל נישט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. ס׳פּאַסט דאָך נישט פאַר דיר ווי אַ רבי צו שטיפן מיט די דאַרפשיקסלעך, ווי דאָס טוען דײַנע תלמידים. באשר דו האָסט דאָ בעסער צו עסן? ביסט אינדערהיים אויך נישט געשטאָרבן פון הונגער.

אין אַ זונטיק גאַנץ פרי, ווען אַלע זענען נאָך געשמאַק געשלאָפן, האָב איך אויף גיך צוזאַמענגענומען מײַנע בידנע זאַכלעך, פאַרפּאַקט אינעם קלוי־מיקל און אַרויסגעשאַרט זיך פון הויז, קיינער זאָל מיך נישט באַמערקן, און אָן „אַ גוטן טאָג״ בין איך אַנטלאָפן אַהיים.

ס׳איז גרינג צו זאָגן אַהיים. ווי ווייס איך דעם וועג? פרעגן האָב איך מורא געהאַט, מען זאָל מיך נישט צוריקברענגען צום אַרענדאַר מיט די בנים. מחמת דורך דעם שטיקל צייט, וואָס איך בין דאָרט געווען, האָבן מיך כמעט אַלע פון דאָרף שוין געקאָנט ווי דעם „נאָוטשיטשעל או שלאָמקאָ״ (לערער ביי שלאָמקען). אַלע זענען זיי דאָך געקומען צום אַרענדאַר אין קלייטל עפּעס וואָס אײַנקויפן: ווער אַביסל נאַפט, ווער זאַלץ, און ווער צוקער אָדער זייף און זיי האָבן מיך דאָרט אַלע מאָל געזען. ווידער זיך לאָזן סתם אַזוי, איינער אַליין אין וואַלד אַרײַן (דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען אַרומגערינגלט מיט לויטער וואַלד) — איז מיך באַפאַלן אַ פּחד, כ׳זאָל נישט פאַרבלאָנדזשען. וואָס זשע טוט מען

פֿאַרט? אפשר צוריקגייך צום אַרענדאַר און אים זאָגן דעם גאַנצן אמת אַזוי און אַזוי, אַז כ׳האָב, חלילה, צו אים מיט זיינע בנים גאָרנישט, כ׳וואָלט דאָ גע־בליבן, נאָר די בענקשאַפט אַהים צערייסט מיין האַרץ? אָבער ניין! דאָס נישט! אַלץ יאָ, נאָר נישט צוריק צום אַרענדאַר.

ווי איך שטיי אַזוי פֿאַרצווייפֿלט און פֿאַרזונקען אין מיינע קינדערישע מחשבות, איז פּלוצים ווי אַ מלאך פֿון הימל מיר אַקעגנגעקומען אַן אַלטער פּויער, וועלכן כ׳האָב צום ערשטן מאָל געזען. האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז אים מעג איך זיך אָנפֿאַרטרויען און אים באַלד אַ פֿרעג געטאָן: „גדזשע דראָגאַ דאָ שטשערצאָוואַ?״ (ווו איז דער וועג נאָך סטערצעוו?), ער האָט מיך פֿאַרוווּנדערט אָנגעקוקט, ווי איינער זאָגט, וואָס טוט דאָ אַזוי פֿרי דער קליינער יאַטל? אָבער פֿאָרט מיר אָנגעוויזן דעם וועג צום שאָסיי, וואָס פֿירט אין מיין שטעטל.

פֿון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען צו מיר כוח צו גיין צו פֿוס אַ וואָסערע דרייצן קילאָמעטער אין אַ הייסן זומערטאָג אָן עסן און אָן טרינקען — איז מיר נאָך עד היום שווער צו פֿאַרשטיין. נישט אַנדערש, נאָר דער געדאַנק, אַז כ׳גיי צוריק אַהיים, האָט מיך געטראָגן ווי אויף די פֿליגלען פֿון ווינט.

אַריינקומענדיק אין שטוב, בין איך מיט מיינע לעצטע פֿאַרבליבענע כוחות אַרויפֿגעפֿאַלן אויף דער מאַמעס שויס און האָב זיך שטאַרק צעוויינט.

קיינער אין שטוב האָט מיך נישט אַזוי פֿאַרשטאַנען ווי מיין האַרציקע, טייערע מאַמע.

אַ גאַסט פון אַמעריקע

וואָס ווייסט איר סאַרע האַרמידער און קאָכעניש ס׳האָט זיך געטאָן אין שטעטל, ווען ס׳איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אַ ליאַדע טאָג דאַרף קומען אונדזער פעטער מענדל פון אַמעריקע.

קומען האָט ער אייגנטלעך געזאָלט, אַלס דעלעגאַט פון אַמעריקאַנער יידישן הילפס־קאָמיטעט צו העלפן די געליטענע פון דער מלחמה פערצן־אַכצן. יידן פון שטעטל האָבן דערין געזען ממש אַ ישועה פון זיין ליבן נאָמען...

איידער וואָס, ווען, איז אונדזער שטוב אויפגעגעסן געוואָרן מיט די אויגן פון קנאה צוליבן גרויסן גליק וואָס דערוואַרט אונדז. „נישקשה, נישקשה, מיט זיי שוין אויסגעזאָרגט... זיי וועלן זיך שוין איינמאָל דעם בייליק איינרייבן... אַ שוואַרצע גבורה צו האָבן אַזאַ מזל״ — פלעגן נישט פאַרגינער צוזיפצן און אונטערקרעכצן.

פאַרשפרייט די נייעס איבערן שטעטל האָט פייוול איטשעלעס. מיין פאָטער האָט זיך מיט אים שואל־עצה געווען, ווי אַזוי איינצוואָרדענען דעם קבלת־פנים פאַרן גאַסט, און אַזוי אַרום האָט ער אים דעם ערשטן מגלה געווען דעם סוד.

ווי נאָר פייוול איטשעלעס האָט דאָס דערהערט, איז ביי אים תיכף געבוירן געוואָרן אַ גאָניאַלער געדאַנק, דהיינו: דער קבלת־פנים פאַרן גאַסט, דאָס הייסט פאַר מיין פאָטערס לייבלעכן פעטער, זאָל נישט אַנדערש, נאָר פאַרקומען ביי אים אין שטוב. פאַרוואָס עפּעס גראָד ביי אים? ער ווייסט שוין פאַרוואָס. איז ער דאָך פייוול איטשעלעס, דער ממונה איבער דער תלמוד־תורה, וואָס

האַלט זיך אין בויען און קען נישט פּאַרטיק ווערן מחמת ס׳פעלן „ממתקים״. איז טאַקע דער פעטער אייערער — זאָגט ער — ווי פון הימל צוגעשיקט אַהער. בכן, וויל ער אויסנוצן דעם שעת־הכושר און אים מאַכן אויפעפענען דעם טייס־טער פאַרן דאַזיקן הייליקן ענין. דאָס וועט ער קענען דערגרייכן, טענהט ער ווייטער — נאָר אויב ער וועט דעם בעל־דבר, דעם אַמעריקאַנער גאַסט הייסט עס, האָבן ביי זיך אין הויז.

ס׳טייטש ? — בלייבט מיין פאָטער נשתומם פון פייוול איטשעלעס פּלאַן — וואָס פאַלט דיר איין ? — פרעגט ער אים פאַרחידושט — נעמען אַן אייגע־נעם פעטער, וואָס קומט צו מיר אַזש פון אַמעריקע, און אים גאָר וואַרפן אַ פרעמדן אין קאָפּ אַריין ? ווו איז שוין אַזוינס געהערט געוואָרן ? ראשית, ווי פּאַסט עס מיר פאַרן פעטער ? און, וואָס וועלן מענטשן זאָגן דערצו ? סאַרע פנים וועל איך ביי זיי האָבן ? זיי וועלן דאָך מיר די אויגן אויסדראַפּען. און וועלן טאַקע גערעכט זיין אויך.

פייוול איטשעלעס, אַ ייד אַ חריף, ווערט אָבער קנאַפּ נתפּעל פון מיין פאָטערס, דוכט זיך ריכטיקע קשיות. אים אַרן ווייניק, זאָגט ער, אַזעלכע מע־שיות וואָס דער פעטער וועט דערצו זאָגן, און נאָך ווייניקער, וואָס מענטשן וועלן זאָגן. דאָס אַלץ זענען שטותים. ס׳שטייט בפירוש געשריבן „ותלמוד־תורה כנגד כולם״, און די אַלע טענות ומענות זענען קעגן דעם — בלאָטע !

פאַרשטייט זיך, אַז זיין פּשטלען זיך מיט פסוקים, און אפילו זיין געשליפן צינגל, האָט אים ווייניק געהאָלפן. מיינע עלטערן האָבן זיך געגרייט אויפצו־נעמען דעם פעטער דווקא ביי זיך אין שטוב. און דאָ ערשט האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנג מיט בקשות ביי מיין פאָטער, אַז ער זאָל זיך משתדל זיין ביים פעטער, בעת יענער וועט נעמען טיילן די דאָלאַרן, און אויספועלן פאַר יעדן אַ וואָס גרעסערן מתנת־יד.

דער ערשטער איז געקומען צו לויפן אַ פאַרסאַפעטער ישראל אַרן, מיין פאָטערס אַ ידיד פון אַלעקסאַנדערער שטיבל. — „דו ווייסט דאָך אַמבעסטן, יוסף

— זאָגט ער צו מיין פאָטער — ווי דאָס וועט מיר צונוץ קומען ביים חתונה מאַכן מיין עלטסטע טאָכטער". ווייטער איז געקומען דער קלישטשעווער מלמד, וואָס איז בטבע נישט געווען קיין גרויסער רעדער, ווייל מער ווי ביים קנעלן מיט זיינע חדר־יינגלעך דעם חומש־רשי, פלעגט ער זעלטן אויסרעדן אַ וואָרט. כל ימיו געווען אַנגעכמורעט, אַ קאַרגער אויף ווערטער און דאָ קומט ער צו לויפן הענדום־פענדום צו מיין פאָטער כמעט מיט אַ וואָרענונג: „יוסף, זאָלסט נישט קוקן אויף קיין ציגל". ראַפּטום אַרויסגעשאָסן און פאַרשווינדן. אין פלוג האָט מען אפילו נישט פאַרשטאַנען די כוונה פון זיין „טיפן זאָג", ביז מען האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט געמיינט דערמיט מרמז צו זיין, אַז היות ער פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ געמויערטע שטיבל פון ציגל, זאָל דאָס נישט גענומען ווערן אין אַכט, און ער זאָל דערפאַר נישט באַטראַכט ווערן פאַר אַ גביר, וואָס ס'קאָן זיין אַ מניעה צו באַקומען זיין חלק דאָלאַרן פונעם אַמעריקאַנער גאַסט.

בייניש שוסטער איז געקומען פשוט מיט אַ געוויין: „ר' יוסף קרוין! זעט אַז כ'זאָל געהאָלפן ווערן און אויף די עלטערע יאָרן פּטור ווערן פונעם שוס־טער־בענקעלע, פון די קאָפּיטעס, צוזאַמען מיט די סמאָלע־דראָטוועס, וואָס מאַכן אַ תל פון מיינע קראַנקע אויגן. און מאָדנע, דעם דאַזיקן בייניש שוסטער פלעגט מען זעלטן פאַרשטיין וואָס ער זאָגט, ער פלעגט נישט רעדן, נייערט שנאָפּלען מיט דער נאָז, פאַנפען און בורטשען ווי אַ קוואַקע, אָבער גראָד יענע ווערטער מכוח דעם פעטערס דאָלאַרן פאַר אים, האָט ער דווקא אַרויסגע־בראַכט גאַנץ דייטלעך. א פנים, אַז דאָלאַרן פאַרמאָגן אין זיך אַזאַ מין כוח, אַז זיי זיינען מסוגל אפילו אַ שטומען צו מאַכן רעדן...

פאַפקען דעם קאַלך־קרעמער האָט תמיד געפּייניקט אַ שטאַרקע אַסטמע. זי איז אים ממש דערגאַנגען די יאָרן. ווען זי פלעגט אים אַ נעם טאָן, פלעגן די שטוב־מענטשן זיין זיכער, אַז ס'קומט ביי אים די מינוט פון יציאת־נשמה, און מען איז געלאָפן ברענגען די חברה־קדישא. אויך ער האָט זיך מטריח גע־ווען און געקומען בעטן ביי מיין פאָטער, ער זאָל למען־השם אין אים נישט פאַרגעסן. און דער עיקר, ער זאָל טראַכטן וועגן זיין אַסטמע. בשעת מעשה

האַט ער דערלאַנגט, אַלס מוסטער, אַזאַ פּאַרציע הוסטן, אַז ער האָט שיער נישט אויסגעהוסט פון זיך די נשמה.

שמואל נחום האָט בקרוב געדאַרפט צושטעלן זיין זון לאַזער צום פּריי־זיוו. איז ער געקומען בעטן מ׳זאָל האָבן גאָט אין האַרצן און אויך אים אין זינען האָבן. „איך, האָט ער איינגערוימט מיין פאָטער אַ סוד אויפן אויער, דאַרף עס נישט אַזוי ווייט פאַר זיך אַליין, נאָר גיכער פאַרן פּאָוויאַטאָווע דאָקטער. וואָס זיצט ביי דער קאָמיסיע. מען דאַרף אים „אָפּסמען״... אַ מגפה אויף אים, רבונו של עולם, ער וויל דאָך נישט אַנדערש, נאָר אַ גאַנצן הונדערטער. פאַר־קרענקען זאָל ער עס, טאַטע אין הימל״.

בקיצור, יעדער איינער וואָס איז געקומען מיט זיין „פּעקל״ און בקשה האָט פאַרשטייט זיך באַקומען פון מיין פאָטער אַ בטחונדיקן צוזאָג (אַ ברירה האָט ער געהאַט?). און עולם איז צופרידן אַהיים צו זיך, וואַרטן מיט אומגע־דולד אויפן אַמעריקאַנער גאַסט, וואַרטן ממש, ווי אויף משיחן...

דערווייל האָבן מיינע עלטערן אַריינגעבראַקט אין דעם עסק די פאַר גילדן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. קודם כל האָט מען באַדאַרפט אַביסל אויסטראַיען די שטוב, אויסמאָלעווען, קויפן נייע גאַרדינען, אַ גרויסן בליץ־לאָמפּ. ביי בייביש־טישלער האָבן זיי געלאָזן פאַריכטן די צעבראָכענע שטולן, ביי וואָלף טישלער צוגעקויפט עטלעכע נייע, און אויך אַ געבעטן שטול, וואָס אויף אים זאָל זיצן טאָקע דער פעטער. וואָס דאַרף מען זיך דען אייגנטלעך זשאַלעווען? ווי זאָגט איר? — דער פעטער וועט שוין פאַר אַלעם פאַרגיטיקן... און פאַר־וואָס טאָקע נישט? קומט ער דאָך בסך הכל אַהער צוליב דעם, יאָ צי ניין? נאָר פאַראיינגוועגס האָט מען טאָקע אויך שוין אַביסל אויסגעפּוצט די שטוב־מענטשן. ווי זאָגט מען עס: „אַז מען כאַפּט זיך נישט אַוועק, האָט מען נישט...״ און זאָל דער פעטער זען, אַז מיר גייען דאָ נישט אַרום קרוע־בלוע.

הכלל, מיין פאָטער האָט זיך באַשטעלט ביי העניעך פּיעטרושקע אַ נייע זשופּיצע פון עכטן טאַמאַשאָווער שטאָף, ביי הערש בער היטל־מאַכער אַ טוכן

היטל און די קאַמאַשלעך געלאָזן פּאַריכטן טאַקע ביי בייניש שוסטער. יענער האָט זיך באַמיט זיי אויסצומייסטערן פלאַי־פלאַים. ממש דערביי באַוויזן זיין גאַנצן טאַלאַנט... איין קלייניקייט! צו ר׳ יוספן דאַרף דאָך קומען דער פעטער פון „גאָלדענעם לאַנד״...

מיין מוטער האָט זיך געלאָזן אויפנייען ביי דבורה־זקנס אַ יום־טובדיק קלייד און אין בעלכאַטאָוו באַשטעלט אַ שפּאָגל ניי שייטל. מען האָט אויך נישט פאַרגעסן אין אונדז קינדער. די טאַנדעטנע שניידער — „די קעצלעך״, ווי מען האָט זיי גערופן — האָבן פאַר אונדז אויפגעשטעלט נייע צייגענע כאַלאַטלעך. מיט איין וואָרט, ס׳וועט זיין יום־טוב אין דערוואַכן...

ויהי היום, ווען ס׳האָט זיך דערנענטערט דער טאָג ווען דער גאַסט האָט געזאָלט קומען, איז דאָס שטעטל, קאָן מען זאָגן, געגאַנגען ווי אויף רעדלעך. מיט עטלעכע טעג פריער האָט מיין מאַמע געלאָזט רופן צו זיך שיינדלען מרדכי לייביש׳ס, די אָנגרייטערין אויף יידישע שמחות, וועלכע האָט געשמט מיט איר טאַלאַנט אין דער גאַנצער געגנט. זי איז געווען אַ בריה צו מאַכן אַזוינע געשמאַקע מאכלים, אַז דער קייסער אַליין וואָלט זיך נישט געקרעקט מיט זיי. — שיינדל, האָט צו איר געזאָגט מיין מאַמע, זאָלסט אונדז אָנגרייטן אַ מאָלצייט מיט אַלע פּיטשעווקעס. ווי ס׳פּאַסט טאַקע פאַר אַזאַ ס׳גאל גאַסט וואָס קומט צו אונדז און אויך פאַר די פּאַרנעמסטע לייט פון שטעטל, וואָס וועלן זיין פאַרבעטן צו דער מאָלצייט.

הגם מיינע עלטערן זענען שוין געוואָרן לייטישע בעלי־חובות פון דעם אויסטראָיען די שטוב מיט די שמאַכטעליאַקעס און נייע מלבושים פאַר יעדן פון אונדז, האָבן זיי וועגן הוצאות אויף אָנגרייטן די גבירישע סעודה זיך פונ־דעסטוועגן נישט באַדאַרפן שוואַכן דעם קאָפּ. פאַרקערט, די הענדלערקעס פון שטאָט האָבן באַוואָרפן די שטוב מיט כל הגוטס. איין קרעמערקע איז געקו־מען צו לויפן מיט אַ פעטע גאַנדז אונטערן אָרעם און געזאָגט צו מיין מאַמע: „לאה קרוין, טוט נאָר אַ קוק איר זאָלט מיר געזונט זיין, בלויז שמאַלץ, בנאמ־

נות אין גריוו...״ אַ צווייטע האָט געברענגט אַ קושל אייער און געשווירן זיך, אַז זיי זענען „נאַרוואַס פון די הינער אַפּויער.״ אַ דריטע מיט אַ קוואָרט פּוטער, פריש פון שקאַפּעק אַרויס. היינט ערשט בעריש עליס, ער האָט גאָר געשטעלט זיין גאַנץ שפּייז־קרעמל צום רשות פון מיין מאַמען מיט שיינדלען די אָנגרייטע־רין, זיי זאָלן נעמען דערפון וויפיל נאָר זייער האַרץ גלוסט און באַגערט. „מאַך זיך נישט קיין זאָרגן וועגן געלט, לאה — האָט ער געזאָגט צו מיין מאַמען — הלוואי זאָל איך אַזוי בטוח זיין מיט אַלעם גוטן, ווי כ׳בין ב״ה אויסגעזאָרגט מיט דיר״. משמעות אַז ער האָט אויך דערביי אין זינען געהאַט דעם פּעטערס טייסטער...

דער שטעטלשער פישער איטשע מאיר פאַרעך, האָט זיך געלאָזן צו די טייכן, פאַנגען פיש ספּעציעל לכבוד דער שמחה.

איטשע חזן האָט איינגעזונגען מיט די משוררים אַ ברוך־הבאדיקן זמרל, בגילה ורנה אויפצונעמען דעם פּעטער ביים אַריינקומען אין אונדזער שטוב. (קענטיק אויך געפעלן צו ווערן דעם גאַסט, יענער זאָל דערפאַר דערלאַנגען מיט דער גאַנצער האַנט). הערשל שעפּס, דער בעל־עגלה פון שטעטל, האָט גע־וואַשן און גערייניקט זיינע סוסים, געפוצט די בריטשקע בכדי אַ קעגן צו פאָרן דעם גאַסט, אַזוי ווי ער פלעגט עס טאָן פאַר אַ חתן אינעם חופּה־טאָג.

איך אַליין, מיט מיינע קינדערישע השגות, וואָלט דעמאָלט כ׳לעבן אַלץ מוחל געווען, אַבי מ׳זאָל אויך מיך מיטנעמען אויף דער בריטשקע אַקעגנצופאָרן דעם פּעטער. כ׳האָב ממש גע׳חלשט זיך אַביסל אויסצויאָזדען און זען אַ וועלט פאַר זיך. איז אָבער די צרה וואָס איך בין געווען דער גלאַוונער סאָפּראַן אינעם דורכן חזן צוגעגרייטן כאָר, און ער האָט בשום אופן נישט דערלאָזט דערצו. באשר בכן, כ׳קען נאָך אויפן וועג חלילה צוקילן די כלי, דאָס מיינט מיין סאָ־פּראַן, און ס׳וועט ווערן אַ תל פון זיין גאַנצער האַראָוואַניע... וואָס שייך דעם, ווי אַזוי ס׳האָט אויסגעזען אין יענעם טאָג ווען דער אַמעריקאַנער פּעטער איז אָנגעקומען אין שטעטל און איז אַריין אין אונדזער שטוב? יונג און אַלט,

קינד און קייט, זענען געקומען צו לויפן ווי אויף אַ בייז ווונדער. דאָס גאַנצע געסל ווו מיר האָבן געוווינט איז כהרף־עין פול געוואָרן מיט נייגעריקע אויגן, צו זען דעם אותו־האיש, דעם וואַזשנעם גאַסט פון אַמעריקע, וואָס געפינט זיך אין אונדזער שטוב. און אַז די ווינטשאָוואַניעס וואָס זענען געפלויגן זענען איבערגעשטיגן איינע די אַנדערע, מילא פון דעם איז שוין אָפּגערעדט.

איינער, למשל, האָט זיך געווינטשן „צו פאַרמאָגן כאָטש אַ צענט חלק פון דעם, וואָס מיינע עלטערן וועלן אַראָפּשלונגען פונעם פעטערס קומען". אַנדערע, זענען שוין באַשטאַנען צו פאַראיבריקן עס דעם קומענדיקן יאָר, וואָס בלויז די קייסערלעכע סעודה קאָסט אָפּ. „אויף אַ גבירישע חתונה זעט מען דאָך נישט אַזוינס". „מאַכט זיך נישט קיין צרות," האָט צוגעהאָלפן אַ זייטיקער ייד אַ בעל חשבון און מומחה אויף נישט פאַרגינערײ — „דער עסק וועט זיי האָבן גוט געלוינט"... בשעת מעשה איז ביים עולם אָנגעגאַנגען אַ דינגעניש און אַ טרעפעניש וועגן דעם וויפל למשל ס׳באַדאַרף אָפּקאָסטן אַזאַ מין מאָלצייט מיט אַזוינע מעדני־מלך און דערביי זיך פאַרכלינעט פון די גוטע ריחות פון געבראָטנס און געקאָכטע פיש, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אונדזער הויז אין געסל אַריין. דער עיקר די שפּאַרעניש און נייגיר איז אָבער געגאַנגען איבער די הויך פון דער „מטבע", וואָס דערוואַרט אונדז...

הלמאי זאָל איך לייקענען? מיר, איז — וואָס אַן אמת, פון ערשטן אויגנבליק אָן דער פעטער נישט געפעלן געוואָרן. עפּעס איז ער נישט געווען דאָס וואָס איך האָב געמיינט. אין מיין דמיון האָב איך זיך אים אויסגעמאָלט אַ הויכן און דיקן, מיט אַ לייטישן גראָבן בויך. און געווען איז ער פונקט דאָס פאַרקערטע, אַ קליין, דאַר און כמעט צעבראָכן מענטשל. און ווען נישט די גראָבע ציגאַר אין זיין מויל, דער האַרטער קאַפּעליוש און דער שטעקן מיטן זילבערנעם הענטל וואָס ער האָט געטראָגן, וואָלט איך געקענט שווערן, אַז ער איז גאָרנישט קיין אַמעריקאַנער, נאָר עפּעס אַ יידל פונעם דערבייאיקן שטעטל... אָדער טאָקע דער סאַמאָראָדנער „מנחם מענדל" וועגן וועלכן כ׳האָב געהערט דערציילן. איך האָב נישט פאַרשטאַנען און געפרעגט זיך אין האַרצן: מה רעש? וואָס איז די

גראַטשקע? דאָס איז ער גאָר אינגאַנצן? הזאת נעמי? צוליב אַזאַ נעבעכדיק פּעטערל באַדאַרף מען דאָס מאַכן אַזאַ פּאַמפּע? און דערפאַר איז אַ וועלט אונדז אַזוי שטאַרק מקנא? די אמתע כוונה, וואָס אַלע אינעם שטעטל האָבן דערפון געוווּסט און געטראַכט, דהיינו, אַז די גאַנצע „חתונה" איז נישט צוליב דעם פּעטער נאָר צוליב דעם פּעטערס דאָלאַרן, מיט וואָס ער וועט באַלד מזכה־זיין דאָס שטעטל, איז צו מיין קינדערישן שכל נישט דערגאַנגען.

און עס איז געקומען די שמחה אַליין. אַלע געסט (פּייוול איטשעלעס בתוכם) זיצן ביי די געדעקטע טישן און מען פּראַוועט די סעודה כיד־המלך. איטשע חזן האָט נאָך די „מי שברך'ס" פאַרן גאַסט און פאַר אַלע אַנדערע חשובי העיר געזונגען, ווי זיין טבע איז געווען, זאָגן ווערטלעך, דערציילן פריילעכע מעשיות און חכמהלעך. און דער עולם האָט זיך משמח געווען, טאַקע נישט צו גלייכן, ווי אויף אַ גבירישע חתונה. ערשט נאָך דער סעודה, ווען, ווי ס'ווערט געזאָגט ס'איז שוין געווען „כטוב לב המלך ביין" און דער גאַסט איז געווען גוט אויפגעלייגט, האָט פּייוול איטשעלעס, וועלכער האָט נישט פאַרגעסן אין די קניידלעך דאָס מיינט אין דעם פּעטערס דאָלאַרן פאַר דער תלמוד־תורה, געפּרוּווט אַ טאַפּ טאָן דעם דופק ביים גאַסט, מכוח דער ברייטער נדבה פאַר דעם הייליקן בנין... נו, נו, פּלוצעם איז נישטאָ געדאַכט, אַלעמען פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. פון פּעטערס תשובה איז מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז ער איז גאָרנישט אַזאַ סגאַל אַמעריקאַנער, ווי מען האָט זיך פאַרגעשטעלט אין דער פאַנטאַזיע. ער איז נישט דער גרויסער גביר מיט אַ געשוואָלענעם טייסטער דאָלאַרן, צו ברענגען מיט זיי די ישועה פאַרן שטעטל. ער איז אַ פּשוטער שליח פון זיינע לאַנדסלייט אין אַמעריקע, וועלכע האָבן אים אַלס גבאי פון זייער שולעכל דאָרט, געשיקט אַהער צו זייערע קרובים און פריינט צו זען און הערן, ווי אַזוי עס גייט זיי דאָ נאָכן איבערלעבן די שרעקלעכע מלחמה. תוך כדי דיבור, נישט צו פאַרלירן קיין צייט (אַמעריקאַנער האָבן דאָס פיינט!...) ער מוז נאָך היינט אָפּפאָרן פון דאַנען, בעט ער רופן צו זיך די אַלע יידן, וואָס זענען ביי אים געווען פאַר־

שריבן אין זיין נאָטיץ־ביכעלע, בכדי ער זאָל זיי איבערגעבן אַ גרוס און צוריק־פירן פון זיי אַ גרוס.

מיט אַ מאָל זענען אַלע געבליבן בשתומם, איי אַן אומגליק! נאָך מער פון אַלע אַנדערע, פּייוול אי־טשעלעס. די דיבורים פון פעטער זענען אויף אים געפאַלן ווי אַ באָמבע. „אַזוי גאָר, האָט ער ביטער אָפּגעזיפצט, אַ פאַלשער אַמעריקאַנער הייסט עס, „אם כן למה זה אנוכי", וואָס איז דאָ פאַראַן צו באַלעמוטשען? — האָט ער זיך געזאָגט, און איז אַוועק ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער. דאָס זעלביקע אויך אַלע אַנדערע, ביי וועלכע די גליקן פונעם אַמעריקאַנער מיט זיינע דאָלאַרן זענען צערונען און צעפלויגן געוואָרן ווי אַ זייפן־בלאָז.

דאָס שענסטע פון שענסטן איז אָבער געווען דאָס, וואָס ביז דער סאַמע לעצטער מינוט פאַרן פעטערס צוריקפאָרן, האָט מען ביי אונדז אין שטוב גע־טראַכט מיט זיכערקייט: „וועט, וועט, נאָר אונדז וועט דאָך דער פעטער נישט איבערלאָזן מיט ליידיקע הענט און אַוועקפאָרן. „דאָס מגלה־סוד זיין וועגן זיין נישט גבירישקייט איז ביים פעטער זיכער געווען אַן אָנשטעל, אַזאַ אַמערי־קאַנער שפּיצל, כדי די יידן אין שטעטל זאָלן אים נישט וועלן מעלקן ווי אַ קו און וועלן פון אים ציען דאָלאַרן." מיינע עלטערן, ווי מען זאָגט, האָבן נאָך גע־לייגט „דאָס לעבעדיקע אויפן טויטן", ווידער געהייסן הערשל שעפּס שפּאַנען פערד און בריטשקע אויף צו פירן דעם פעטער צו דער באַן־סטאַציע.

ביים געזעגענען זיך מיט אונדז האָט דער פעטער זייער שטאַרק און האַרציק געדאַנקט פאַר דעם גרויסאַרטיקן קבלת־פּנים, פון וואָס ער איז גע־רירט ביז גאָר, געמאַכט וואַזשנע קאָמפּלימענטן מיין מוטער, פאַר די זייער גע־שמאַקע באַטעמטע מאכלים וואָס זי האָט לכבוד אים צוגעגרייט. „שוין לאַנג, לאַנג, לאַנג, האָט ער, אַזוינע מעדנים נישט געגעסן..." און אונדז די קינדער, האָט ער דערלאַנגט לעצט־געלט יעדן אַ... קניפּל אין בעקל אַריין.

דאָס דאָזיקע קניפּל זיינס, האָב איך אַ לאַנגע צייט געפּילט אויף מיין בעקל. בעת כ'האָב עס אָנגערירט, האָט זיך מיר געדוכט אַז ס'ברינט מיך ווי

מיט אַ געברענטע קויל. ווי אַזוי מיינע עלטערן האָבן זיך דעמאָלט אַרויסגע־
קאָפּעט פון דעם פּעקל חובות אין וועלכן דעם פעטערס גאַסטן האָט זיי אַריינ־
געטריבן, ווייס איך עד היום נישט. איינס האָבן זיי פּאָרט פּאַראיבריקט: גע־
האַט ביי זיך אַ גאַסט פון אַמעריקע.

☆

חוהלע

1

דאָס איז געווען אין די צוואַנציקער יאָרן. צוויי יידן פונעם שטעטל, חיים לעזער קאָפּלס און עליע יאָמעס, האָבן זיך מיישב געווען אַלץ צו פאַרקויפן מיט האַק און פּאַק און זיך אַריבערפּעקלען קיין ארץ־ישראל.

חיים לעזערן האָט מען גערופן מיט אַ צונאָמען: „נישטאָ", ווייל וואָס מען איז געקומען קויפן אין זיין שפּייז־געוועלבל, האָט ער אַלע מאָל געענט־פערט — נישטאָ! ווען מ'האָט אים געפרעגט וואָס איז די מעשה, וואָס ער האַנדלט נאָר מיט „נישטאָ", זאָל ער האָבן געענטפערט, אַז ס'איז אים לגמרי נישט ניחה זיך צו פאַרנעמען מיט נישטיקע מסחרים.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַ דרייקאָפּ, אַ לופט־מענטש, אַן אמתער מנחם מענדל. האָט דעריבער פון אָנהייב קיינער נישט גענומען ערנסט די גאַנ־צע מעשה מיט זיין פאָרן קיין ארץ־ישראל. (ער איז אגב נאָך אַ שטיקל צייט צוריקגעקומען). וואָס שייך עליע יאָמעס, וואָס איז געווען אַ גוטער קאָמאָשן־שטעפּער, געהאָט פרנסה בריווח, געפירט אַ שיין הויז — האָבן אַלע זיך גע־וווּנדערט צוליב וואָס ער טוט עס. ווי נעמט דאָס אַ מענטש מיט די אייגענע הענט אַ פרנסה און וואַרפט זי אין גאַס? נישט אַנדערש, נאָר דער ווילטאָג האָט זיך אין אים צעבריקעוועט.

ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי מיינען עס טאַקע ערנסט און ס'איז שוין געווען באַשטימט ווען און ווי אַזוי זיי פאָרן, האָט די ציוניסטישע אָרגאַ־

ניזאַציע אויסגעפּועלט ביי דער סטאַראָסטווע אַ דערלויבעניש פאַר אַ פייערלע־כער געזעגענונג צו זייער אָפּפאָרן.

מיר איז נאָך ביז היינט פאַרבליבן איינגעקריצט אין זכרון די יומטוב־דיקייט, וואָס האָט איינגעהילט דאָס שטעטל אין יענעם טאָג. יידישע קינדער האָבן געטראָגן בלוי־ווייסע פענדלעך. אַ כאָר פון דעם חזנס משוררים האָט זיך באַטייליקט אין די פייערלעכקייטן.

כ׳דערמאָן זיך, ווי אין מאָמענט, ווען מען האָט אַרויסגעטראָגן די בלוי־ווייסע פאָן פון חיים לעזערס ווינונג, וואָס האָט זיך געפונען אין זעלבן הויז ווי די פּאָליציי־קאָמענדאַטור, האָט דער כאָר געגעבן אַ זינג אויף דעם „דגל מחנה יהודה״ און די פּאָליציי מיטן קאָמענדאַנט בראש האָבן געקוקט דערויף ווי אויף אַ בייז ווונדער.

אַ קאָמענדאַנט איז געווען ביי אונדז אַזאַ, אַז פאַר זיין בלויזן אויסזען פלעגט אָנפאַלן אַ פּחד. גרויס איז ער געווען ווי דער שור הבור, גראָב ווי אַ העל־פאַנט, זיין אויסגעפּרעסענע מאָרדע, וואָס אונטער איר האָט זיך קוים אַרויס־געזען דער קאָלנער פון מונדיר, איז געווען ענלעך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער צו זיין הונט נעראָ. מיט איין וואָרט — דער אשמדאי אַליין. אָבער אין אָט דעם טאָג איז ער געווען אָנמעכטיק. מיט ביטערניש האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי די זשידקעס „באַוויען״ זיך, פּאַראַדירן מיט זייערע זשידאָווסקע פענער פראַנק און פריי אין מיטן העלן טאָג, און דווקא פאַר זיינע אויגן.

מיר האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן. ס׳האָט אויסגעזען ווי משיח וואָלט געקומען און מיר אַלע וואָלטן געגאַנגען מיט אים קיין ארץ־ישראל.

די נישט־יידישע איינוווינער פון און אַרום שטעטל האָבן געקוקט דערויף מיט שטוינונג, נישט געוווּסט וואָס ס׳קומט דאָ אַזוינס פאָר. ווען זיי האָבן דער־זען, ווי זייערע זשידקעס גייען מיט פענער און זינגען, זענען זיי געוואָרן נבהל ונשתומם, און מיט נייגער געפרעגט: וואָס איז דאָס אַזעלכעס? אויף

דעם האָבן מיר זיי שטעכיק געענטפערט: „אידזשעמי דאָ פּאַלעסטיני״ (מיר גייען קיין ארץ־ישראל). דאָס איז געווען אַ ווונק אויף זייערע העצערישע אויס־רופן „זשידזשי, דאָ פּאַלעסטיני!״.

צוריקגייענדיק פונעם פּאַראַדנעם באַגלייט, איז מען באַהערשט געווען מיט אַ געפיל פון פרייד און פון אומעט. אַ פרייד — פון איבערלעבן אַזאַ טאָג, ווען צוויי יידישע משפחות האָבן זוכה געווען צו פאַרלאָזן דעם דורות־לאַנגן גלות און זענען געפאָרן זיך באַזעצן אינעם לאַנד פון די אבות. אַ זאַך וואָס מען האָט וועגן איר געקאָנט בלויז חלומען; און אַן אומעט — וואָס משיח איז נאָך דערוויל נישט געקומען און מען מוז זיך צוריק אומקערן יעדערער צו זיינע טאָג־טעגלעכע אַרבעטן און זאָרגן.

ביי עליע יאָמעס, וואָס האָט געפירט אינעם שטעטל אַ קאַמאַשן־שטעפּעריי, האָט אויך געאַרבעט מיין עלטערער ברודער, פריער אַדורכגעמאַכט ביי אים די לער, און דערנאָך געאַרבעט אַלס געזעלן. מילא, וויפל געזונט און טרערן ס׳האָט געקאָסט מיין טייערער מאַמען, וואָס איר קינד איז געוואָרן (דער איינציקער אין דער גאַנצער משפחה) אַ בעל־מלאכה — איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. זי האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט אָט דעם געדאַנק, אָבער באין ברירה געמוזט מסכים זיין. מחמת לערנען האָט ער סיי־ווי־סיי נישט געוואָלט, מאַ וואָס קאָן שוין פון אים ווערן? פאַרפאַלן, זאָל שוין זיין אַ בעל־מלאכה.

צו דער אַרבעט, וואָס אַן אמת, האָט מיין ברודער דווקא יאָ געטויגט, זי ליב געהאַט. די קונים זענען געווען זייער צופרידן פון אים. דער מייסטער עליע יאָמעס האָט אים געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד, זייער אָפּט אים פאַרבעטן צום מיטאָג־עסן, און אפשר גאָר געטראַכט אים נעמען שפּעטער פאַר אַן איידעם. האָט ער טאַקע אים דערפאַר, פאַרן פאָרן קיין ארץ־ישראל, איבערגעלאָזט אַלס מתנה דעם וואַרשטאַט מיטן הכל שבהכל. דאָס האָט געגעבן שיין פרנסה. ער איז געווען שטענדיק באַלאָדן מיט אַרבעט. מיינע עלטערן האָבן איצט אפילו געוואָלט אַז אויך איך זאָל זיך נעמען צו דער מלאכה. אָבער איך האָב צו דעם

קיין גרויסן חשק נישט געהאַט. מיר האָט בעסער געשמעקט צו שפּילן טעאַטער. ס׳האָט מיך דערצו געצויגן ווי אַ מאַגנעט.

צו אונדז איז גראָד געקומען אויף דאַטשע אַ באַקאַנטער פון לאָדזש, דוד שוואַרצבערג. אין לאָדזש האָט ער אָנגעפירט מיט אַ טעאַטער־סעקציע ביי די לינקע פּועלי־ציון, האָבן מיר אויסגענוצט די געלעגנהייט ער זאָל ביי אונדז געבן עפּעס אַ פאָרשטעלונג. ער איז מסכים געווען און איינגעשטעלט מיט אונז אַ קליין־קונסט פאָרשטעלונג, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי פאַרשידענע אַקטן: „די אַמנעסטיע" פון הערמאַן הייערמאַן, „איך באַשולדיק" פון משה בראָדערזאָן און „דער זיידע" פון ש. אַנ־סקי.

איך האָב אָנטיילגענומען אין אַלע דריי איינאַקטערס, עוסק געווען דערביי יומם ולילה, נאָר אין זינען געהאַט מיינע ראָלן.

שוואַרצבערגן איז געפעלן געוואָרן, ווי כ׳נעם זיך צו דער זאַך אַזוי ערנסט און ער איז מיט מיר געוואָרן באַפריינדט. ער האָט אָפּטמאָל געפּרוווט ווירקן אויף מיינע עלטערן, זיי זאָלן באַוויליקן מיך מיטצושיקן מיט אים קיין לאָדזש, ווו ער זעט פאַר מיר אַ גוטע צוקונפט ביים טעאַטער. מיט מיינע פעאיקייטן, האָט ער געזאָגט, וועל איך ווערן אַ לייט. מיין פאָטער האָט דערפון זיך אויסגעלאַכט .מיין פאָטער פלעגט, וואָס אַן אמת, זייענדיק אַ טיש־זיצער ביים אַלעקסאַנדער רבין, פונדעסטוועגן אַריינכאַפּן זיך בגניבה אינעם טעאַטער, זען מיך שפּילן, געשעפּט נחת. ער האָט אָבער נישט געוואָלט איינגיין דערויף, אַז איך זאָל ווערן אַן אָפיציעלער „אַקטיאָרשטשיק", און צו דעם נאָך שיקן אין דער פרעמד. איך וואָלט עס גריילעך יאָ געטאָן, מיר איז דאָס דווקא יאָ געפעלן.

דער דאָזיקער פּלאַן האָט מיך שטאַרק גערייצט, אָבער טאָן עס קעגן ווילן פון מיינע עלטערן, האָב איך נישט געוואָלט. מיין פאָטער האָט עס נישט פאַרדינט. געצנוג שוין, וואָס ער האָט מיר בכלל דערלויבט מיינע „מעשים טובים": מיטאַרבעטן אין דער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, ווו ס׳קומען זיך צונויף יינגלעך מיט מיידלעך („שיך מיט שטיוול" — ווי ער פלעגט דאָס באַצייכענען)

ווי מען לייענט טריפה־פסול, און גאָט ווייסט וואָס נאָך סאַראַ „מצוות" מען טוט דאָרטן. אין אַנדערע שטיבער האָט זיך איבער די זעלביקע ענינים געטאָן חושך. אַ סך פון מיינע חברים זענען דערפאַר אויסגעשטאָנען געברענטע צרות פון זייערע עלטערן. האָב איך דערשטיקט אין זיך דעם געדאַנק פון אַוועקפאָרן, ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. דערפאַר זיך באַמיט אויפן אָרט אָפּצוגעבן וואָס מער צייט און כוח דעם טעאַטער. כ'האָב דעריבער מיין גאַנצן חוש אַריינגעלייגט אין מיינע ראָלן און קיין אַנדער אַרבעט האָט מיך נישט אינטע־רעסירט. ווען ס'האָט אַפילו געטראָפן, אַז כ'האָב בעל כרחי זיך שוין יאָ צו־געריירט צו מיין ברודערס אַרבעט, האָב איך עס געמאַכט אַזוי, אַז מ'האָט מיך באַלד דערפון באַזייטיקט.

מיט שוואַרצבערגס צוריקפאָרן קיין לאָדזש האָב איך געזען, אַז מיין „טעאַטער־קאַריערע" איז געענדיקט. דאָס האָט מיך ווייט נישט געפרייט. איז אָבער פאַראַן אַ גמרא־ווערטל: „בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו" (אין דעם וועג, וואָס אַ מענטש צילט צו גיין פירט מען אים). מאַכט זיך און ס'קומט צו אונדז אויף אַרבעט אַ יונגערמאַן, איטשע אַבראַמטשיק. מיר האָבן אים גע־קענט פונעם דערבייאיקן שטעטל בעלכאַטאָוו ווי אַ פּעאיקן בחור פאַר טעאַ־טער. איז נישט אַנדערש, נאָר ס'האָט זיך אים פאַרוואָלט מיט אונדז שטעלן דעם „דיבוק" פון ש. אַנ־סקי. מיין שמחה איז געווען אין לשער! אַ קלייניקייט, ווידער האָבן אַ געזיכערטן „דזשאָב", זיין פאַרנומען מיט פּראָבן, שפּילן לייטישע ראָלן. ס'איז מיר פאַרגעלייגט געוואָרן „חנן", וואָס כ'בין שוין כמעט געווען אַ „געשפּילטער", און אויך דער מיראָפּאָלער צדיק. הכלל, ס'איז געווען ליהור־דימדיק ווויל.

די פאָרשטעלונג האָט געזאָלט פאָרקומען חול־המועד סוכות. כ'דערמאָן זיך דערביי אַ מעשה, וואָס האָט געשמעקט מיט סכנות־נפשות: קאָסטיומען וואָס זענען אָממייסטן באַשטאַנען פון זשופּיצעס, טלית־קטנס, ווייסע זאָקן, קיטלען. טליתים, האָט יעדער פון אונז צוגעזאָגט צו באַזאָרגן. ווער ביים פאָטער, ווער ביי אַ קרוב אָדער סתם ביי אַ באַקאַנטן יידן, דאָס ערגסטע איז געווען מיט אַ

שופר אַרויסצוטרייבן דעם דיבוק, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט אַרויסלקחענען פון ארון קודש אין שול. די מיסיע האָט מען מיר אָנפאַרטרויט.

אַריינקומענדיק אין שול, האָב איך באַמערקט דאָס וואַקסענע נשמה־ליכט, וואָס איז געוואָרן אָנגעצונדן אין יום־כיפור און פאַרבליבן ביז הושענא־רבא. איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אַז כדי צו געבן דער בינע דעם כאַראַקטער פון אַ שול, אין איינוועגס אויך דאָס ליכט מיטצונעמען. ווען אהרן שמש האָט דערזען, אַז דאָס נשמה־ליכט איז פאַרשווונדן פונעם אָרט, איז ער אַריין צום רב, און אים איבערגעגעבן וועגן די געשעעניש. בליץ־שנעל האָט זיך די זאַך צעטראָגן איבערן שטעטל. מען האָט דערין געזען נישט קיין גוטן רמז, און יעדער האָט גענומען ציטערן איבערן גורל פון זיין נשמה. איך האָב מורא געהאָט די מענטשן אינעם טעאַטער זאָלן נישט באַמערקן דאָס נשמה־ליכט אויף דער בינע, און נישט מאַכן קיין טרעוואָגע און שטערן די פאָרשטעלונג. איך האָב געציטערט, מען זאָל זיך נישט אַמאָל דערוויסן, אַז דאָס איז מיין שטיקל אַרבעט. כ׳האָב שוין חרטה באַקומען אויף דעם גאַנצן עסק, זיך געטראַכט, אַז מ׳וואָלט געקאָנט ארויסטרייבן דעם דיבוק אָן נשמה־ליכט אויך. נאָר אַלץ איז יאָהאָיש אדורך בשלום, און באַלד נאָך דער פאָרשטעלונג האָב איך צוריקגעשטעלט דאָס וואַקסענע נשמה־ליכט דאָרט, פון וואַנען כ׳האָב עס גענומען.

דאָס מזל האָט מיר צוגעשפּילט. קוים האָט זיך געענדיקט איין טעאַטער־אַרבעט, איז באַלד אונטערגעקומען, ווי פון הימל צוגעשיקט, אַ צווייטע.

קומט אין שטעטל אָן אורח. אַן אויסטערלישער מין אורח, דעם אמת געזאָגט. זיינע פולע רויטע בעקלעך, דער דיקער קאַרק, האָבן גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גביר איידער פון אַ נדבה־קלייבער. און נישט איין נגיד וואָלט זיך געווונטשן זיין אויסזען. אַז ער האָט זיך באַוויזן אין די יידישע הייזער בעטן אַ נדבה, איז ער געוואָרן בעסער באַהאַנדלט ווי די געוויינלעכע שנאָרערס. מיט באַדויערן פלעגט מען צושאקלען, נעבעך אַ יורד, אַן אָפּגעקומענער גביר. דאָס האָט אים צוגעהאָלפן צום „פאַד״; קיין צוקער אָדער ברויט איז מען, צוליב זיין הדרת פנים, נישט דרייסט געווען אים צו געבן.

דאָס שטעטל האָט, ווייזט אויס, ביי אים נושא חן גענוען, ווייל ער האָט זיך פשוט ווי באַזעצט ביי אונדז. אַלע פּאָר וואָכן האָט מען אים ווידער געזען. באַלד האָט ער זיך שוין גערעכנט כמעט פאַר אַ בן־עיר.

איינמאָל איז ער געקומען אין דער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק און נאָכגע־פרעגט זיך אויף פאַרשידענע ביכער, אויסגערעכנט דערביי אָן אַ צאָל באַ־קאַנטע שרייבער, פאַרפירט אַ שמועס וועגן זייערע ווערק, אַז ס'איז ממש גע־ווען צו שטוינען: פון וואַנען קומט צו אַזאַ סגאַל ייד אַזוי פיל וויסן און באַ־האַוונטקייט אין ליטעראַטור? אפשר אַ נסתר? אַ למד־וואָווניק? אַ קשיא, וואָס ס'קאָן טרעפן! אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, מען איז אַרויפגעקומען אויף אַ שמועס וועגן טעאַטער, האָט ער דערלאַנגט אַ פרעג צי ס'איז פאַראַן ביי אונדז אַ טעאַטער־קרייז. אויף אונדזער פאַרוווּנדערונג, צו וואָס אַ שטייגער ער דאַרף דאָס וויסן? זענען מיר געוווירער געוואָרן, אַז ער איז חוץ אַלעם, אויך אַ שטיקל טעאַטער־רעזשיסער. ער האָט דערביי אויסגערעכנט אַ גאַנצע ריי פּיעסעס, וואָס ער האָט שוין געהאַט געשטעלט. אויב מיר ווילן, קאָן ער מיט אונז אויך עפּעס אויפפירן, לויט אונדזער אויסוואַל. נאָר בתנאי, אַז מיר זאָלן אים באַזאָרגן מיט עפּעס אַ דירה, ער זאָל נישט דאַרפן, ווי ביז איצט, נעכטיקן אינעם הקדש, אָדער אין בעסטן פאַל — אין בית־המדרש. וועגן פּרנסה האָט ער נישט גערעדט, נאָר אונדז געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז אויך אַ לערער פון יידיש, פּויליש און העברעאיש, פון וואָס ער האָפט דאָ צו קאָנען ציען זיין חיונה.

ס'איז אונדז אויסגעקומען אַביסל מאָדנע, וואָס אַ מענטש מיט אַזאַ באַ־גאַזש זאָל ביז איצט נישט האָבן געפונען אין ערגעץ קיין באַשעפטיקונג און זיך מוזן באַנוצן מיט בעטלעריי. האָט מען זיך דעריבער אין פלוג באַצויגן צו אים מיט ספק: ווער קאָן דען וויסן, וואָס ס'טוט זיך אין זיין האַרצן? מיט וואָסע־רע פאַרבאָרגענע מחשבות ער טראָגט זיך אַרום? נאָך אַ ישוב הדעת האָבן מיר אים געזאָגט, אַז מיר נעמען בדרך כלל אין אַכט זיינע פּלענער, וועגן וועלכע מיר וועלן זיך דאַרפן באַראָטן און אים געבן אַן ענטפער.

דעם רעזשיסערס געדאַנק האָט מיך דערפרייט: ווידער אַ מעגלעכקייט צו שפילן טעאַטער! הכלל, וואָס זאָל איך לאַנגברייען: אויף דער באַראַטונג בין איך, מורא האָבנדיק, אַז עס זאָל חלילה פון עסק גאָרנישט ווערן, געווען זיין מליץ־יושר. וואָס איז? האָב איך זיך געקאָכט, וואָס קאָן אונדז דאָ אַזעלכעס פּאַסירן? ערשטנס דאַרף מען זיך איבערצייגן אויב ער יכולט, אַזוי ווי ער זאָגט, און שפּעטער וועט מען ווייטער זען.

וכך הווה. מען האָט באַשטימט, אַז ער זאָל צוערשט פאַר אונדז איבער־לייענען אַ פּיעסע. אויסגעקליבן האָבן מיר „דער פרעמדער" פון יעקב גאָרדין, וואָס איז פון אַלע זיינע פאַרגעלייגטע פּיעסעס געווען די פּאַסיקסטע.

נאָכן איבערלייענען עטלעכע זייטלעך, האָט זיך חברה איבערגעקוקט מיט די בליקן, אין וועלכע מען האָט געקענט זען אַ חרטה איבערן חשד, וואָס מען האָט אויף אים געהאַט. ער האָט אונדז זייער איבעראַשט. ביים פאַרלייענען די פּיעסע האָט ער אַרויסגעבראַכט יעדן פּערסאָנאַזש ווי לעבעדיק. קיינער האָט מער נישט געהאַט קיין שלעכטע כוונה וועגן אים. מיר האָבן שוין געזען אין אים אונדזער רעזשיסער, וואָס שיינט צו זיין אינעם פאַך אַ מומחה. און ער וועט זיין פאַר אונדז ווי אָנגעמאָסטן.

איך האָב זיך ביים לייענען די פּיעסע שוין צוגעקליבן צוויי ראָלן: קלמן משה — די כאַראַקטער־קאָמישע און נפתלי הערץ — די דראַמאַטישע, זיך גע־שלאָגן מיט דער דעה, וועלכע ראָל וועט מיר בעסער קליידן. מען האָט פאַר־טיילט די ראָלן. איך האָב באַקומען צוגעטיילט די דראַמאַטישע, נפתלי הערץ. מען האָט באַשטימט פּראָבעס און מען האָט גענומען זוכן אַ דירה פאַרן רעזשי־סאָר מיט זיין פרוי און קינד.

ס'האָט אונדז אָבער געמאַטערט איין געדאַנק: מיר האָבן געוואָלט וויסן זיין ביאָגראַפיע, וועלכע סיבות האָבן אים געשטויסן צו שנאָררעריי. ווען מיר זענען מיט אים געוואָרן אַביסל היימיש, האָט עמעצער ביי אַ שמועס אים אַ פרעג געטאָן, וואָס אַזוינס האָט אים געבראַכט צו זיין פריערדיקן מצב? האָט

ער אונדז מגלה געווען דעם גאַנצן סוד, וואָס פֿאַר זיך גופא וואָלט עס גאַנץ גוט געפּאַסט פֿאַר אַ טעאַטער־טעמע אָדער פֿאַר אַ סצענאַריום פֿון אַ פֿילם.

אָט וואָס ער האָט אונדז דערציילט:

ער אַליין שטאַמט פֿון אַ רייכער חסידישער משפּחה — אַראַנאָוו. אַחוץ תּלמוד האָט מען אים אויך געלערנט שפּראַכן און אַנדערע לימודים. האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז ער האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ מיידל, זיין איצטיקע פֿרוי, פֿון אָרעמען שטאַנד, אַ טאָכטער פֿון אַ לאַטוטניק. זיינע עלטערן האָט נישט געפּאַסט דער שידוך. זיי האָבן נישט געוואָלט הערן דערפֿון, אים גע־דראָט, אַז אויב ער וועט מיט איר נישט איבעררייסן, וועלן זיי פֿון אים נישט וועלן וויסן. עפּעס אַ קלייניקייט: אַראַנאָווס אַ זון זאָל חתונה האָבן מיט אַ שוסטערס אַ טאָכטער, וואָס אויף איר זאָגט מען נאָך, אַז זי איז אַ קאָמוניסטקע!

— איך האָב דאָס מיידל זייער גוט געקענט, געוווּסט, אַז זי איז אַן אָרנט־לעך קינד, קלוג און טאַקע שיין אויך. מיר האָבן זיך באמת זייער ליב גע־האַט. דאָס, וואָס זי איז אָרעם, האָט מיך לחלוטין נישט געאַרט. כ׳האָב בכלל נישט געטראַכט דערפֿון.

„בקיצור, כ׳האָב פֿאַרלאָזט די עלטערן, געפֿאָרן קיין יאַראָסלאָוו מיטן מיידל, זי האָט דאָרט געהאַט חברים. דאָרט איז אויך געווען אַ טעאַטער־קרייז ביים פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין. באַלד בין איך געוואָרן אַ גאַנצער טוער אינעם דאַזיקן קרייז, האָב אפֿילו רעזשיסירט עטלעכע פּיעסעס מיט דערפֿאָלג, בין גע־וואָרן צום טייל פֿון זיי אויסגעהאַלטן. דאָס האָט געדויערט אַ שטיקל צייט, ביז ס׳איז דערגאַנגען צו דער מאַכט, אַז דער פֿאַראיין פֿירט אַ לינקע טעטי־קייט און מען האָט אים צוגעמאַכט.

„די חברים, מורא האָבנדיק פֿאַר תּפֿיסה, זענען זיך צעלאָפֿן פֿון שטאָט. איך מיט מיין פֿרוי זענען געבליבן אָן מיטלען צום לעבן. קיין פֿאַך פֿון וואָס צו ציען חיונה האָב איך נישט געהאַט, האָבן מיר גענומען וואַנדערן פֿון שטאָט

צו שטאָט, ביז מיר זענען אַריינגעפאַלן אין געץ פון שנאָרעריי. מיר האָבן עס אָנגענומען באהבה, אַבי אונדזערע הערצער זאָלן נישט צעריסן ווערן״.

זיינע ווערטער האָבן אונדז שטאַרק גערירט. מיר האָבן באַשלאָסן די מענטשן, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייער ליבע, אַרויסצושלעפּן פונעם זומפּ, אין וועלכן זיי זענען געזונקען, און זיי באַזאָרגן מיט פּרנסה.

שוין פריער איז ביי אונדז אויפגעקומען אַ פּלאַן איינצואָרדענען אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע. מחמת מען האָט באַמערקט, אַז אַ גרויסער טייל פון אונדזערע לייענער טוישן די ביכער נישט לייענענדיק זיי, פּשוט דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט גוט לייענען. צו דעם צוועק האָט מען באַדאַרפט פון ערגעץ־ווו אַראָפּברענגען אַ לערער. היות ווי מיר האָבן דאָ איצט געהאַט ביי זיך אַראָנאָוון, איז געבליבן, אַז מיר זאָלן אים אָנפאַרטרויען דעם פּאָסטן און אַזוי אַרום אים געבן די מעגלעכקייט צו האָבן פון וואָס צו לעבן

מיר האָבן אים באַזאָרגט מיט אַ דירה, אים נישט שלעכט איינגעאָרדנט און אַלץ וואָלט געווען ווויל און פיין, ווען נישט דאָס, וואָס האָט ווייטער פּאַסירט:

די פאָרשטעלונג פון גאָרדינס פּיעסע „דער פּרעמדער״ האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. דער קלאַנג דערפון האָט דערגרייכט אַזש אין די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס האָבן גענומען אונדז פאַרבעטן צו שפּילן די פּיעסע אויך דאָרט.

מאַכט זיך, אַז מיר זענען איינמאָל געקומען אין אַ דערבייאיקן שטעטל מיט אָט דער פאָרשטעלונג. זי איז זייער גוט דורכגעגאַנגען און דער דאָרטיקער דראַמקרייז האָט נאָך דער פאָרשטעלונג איינגעאָרדנט פאַר אונדז אַ באַנקעט. ס׳זענען געווען פאַרבעטן די „פּני״, די גאַנצע „קולטורעלע וועלט״. געקומען איז אויך חוהלע — די פאַננאַ עווא, ווי מען האָט זי גערופן. זי האָט אויך אַמאָל געהערט צום קרייז. גלייך ביי איר אַריינקומען האָט זי צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, מחמת שיין איז זי געווען ווי א מלאך. דערצו נאָך — קלוג, באַלייענט, געקאָנט רעדן. זי איז יונגערהייט געבליבן אַ יתומה, אָן טאַטע־

מאַמע. די מאַמע איז געשטאָרבן בעת אַ קימפּעט, אַביסל שפּעטער דער טאַטע — פון אַ האַרצשלאַק. זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ שניט־געוועלב, וואָס זי האָט ווייטער געפירט, און געהאַט דערפון אַ גאַנץ בכבודיקע פּרנסה. נאָר פאַרט איז זי געווען שטאַרק פאַראומערט. זי האָט מיט קיינעם נישט פאַרקערט, אין ערגעץ נישט געגאַנגען פאַרברענגען. דאָס מאָל האָט זי געמאַכט אַן אויסנאַם, וואָס האָט אַלעמען דערפרייט, ווייל מען האָט געוואָלט זי זען אַן אויפגעהייטערטע.

נאָכן אויסהערן דאָס בינטל שבחים, ווי דער שטייגער איז, אויף אונדזער קאָנטע, און גאָר באַזונדער פאַרן רעזשיסער, און נאָך דעם ווי מען האָט גע־מאַכט אַ לחיים, פון וואָס מען איז געוואָרן אַ ביסל בגילופין, האָט עמעצער פון די אַקטיאָרן פאָרגעלייגט, מען זאָל צוריקגיין אין זאַל מאַכן אַ טענצל (ס׳איז שוין געווען אַזאַ מנהג, אַז נאָך אַ פאָרשטעלונג האָט מען געטאַנצט ביז איינ־דערפרי).

די פאַננאַ עוואַ איז אויך מיטגעגאַנגען. און ס׳איז אַזוי געשען, אַז זי איז די גאַנצע צייט געווען אין דער געזעלשאַפט פון אַראַגאָוון, דעם רעזשיסער. זי האָט, צום ערשטן מאָל זינט אַ לענגערער צייט, זיך געלאָזט פון אים פאַר־בעטן צום טאַנצן. און אַזוי איז זי שוין די גאַנצע נאַכט פאַרבליבן זיין פאַרט־נערקע.

פאַרוואָס די פאַננאַ עוואַ פלעגט פון יענער צייט אָן אַלץ אָפטער זיך באַ־ווייזן אין שטעטל, איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן. מיר האָבן גענומען פאַר גוט איר דערקלערונג, אַז דאָס ברענגט איר אַהער די סימפּאַטיע צו אונדז פאַר אונדזער גוטן שפּילן. מיר זענען געווען צופרידן פון די קאָמפּלימענטן פון אַזאַ סימפּאַטישן גאַסט. ביז איינמאָל, נאָך דעם ווי עטלעכע טעג האָבן מיר מער נישט געזען אונדזער אַראַגאָוון, נישט אויף די אָוונט־קורסן און נישט אויף די פּראָבן — האָט מען באַשטימט צוגיין זען, וואָס ס׳האָט פּאַסירט: אפשר איז ער קראַנק, און קען נישט אַרויסגיין. אַז זיין פרוי איז אַ ליידנדיקע, האָבן מיר געוווּסט, זי איז מער געלעגן אין בעט ווי אַרומגעגאַנגען. אויב ער איז אויך קראַנק, האָבן מיר געטראַכט, דאַרף מען זיי דאָך מיט עפּעס וואָס העלפן.

ה. פערלמוטער

ווען מיר זענען אַריין צו זיי אין שטוב, האָבן מיר דערזען אַ שוידערלעך בילד: צוויי נפשות — די מאַמע מיטן קינד — זענען געלעגן אין בעט און האָבן יאָמערלעך געוויינט. אונדזער פראַגע: וואָס איז געשען? — איז געבליבן אָן אַן ענטפער.

— ווו איז אייער מאַן, דער חבר אַראַנאָוו? פאַרוואָס זעט מען אים נישט מער ביי אונדז?

זי האָט זיך ווידער צעכליפּעט, אַז זי ווייסט נישט. ער איז אַוועק און זי איבערגעלאָזט מיטן קינד אָן שום מיטלען צום לעבן. „מילא איך — האָט זי געטענהט — וועל שוין סיי ווי סיי נישט לאַנג אויסהאַלטן. כ׳פיל, אַז דאָס זענען מיינע לעצטע טעג. אָבער דאָס קינד? וואָס וועט דערפון ווערן? ווער וועט זיך דערמיט פאַרנעמען?״.

מיר האָבן זי געפּרוווט באַרויקן, צוגעזאָגט צו זאָרגן פאַר איר געזונט און שטיצן זי מיט וואָס נויטיק איז. מיר האָבן גערופן צו איר דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט אונדז איבערגעגעבן נישט קיין גוטע נייעס: זי איז שווער קראַנק און מוז גלייך אַריין אין שפּיטאָל.

מיר האָבן גענומען אַרבעטן מעשים, אינטערווענירט ביים וואָיט פונעם שטעטל, אויך ביי די יידישע כלל־טוער. ס׳איז אונדז ענדלעך געלונגען אויסצופועלן, מען זאָל די פרוי אָפּשיקן אין שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ דערבייאיקן גרעסערן שטעטל. נאָר ס׳איז סיי ווי סיי שוין געווען צו שפּעט: אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז זי געשטאָרבן.

פאַר אונדז איז די גאַנצע מעשה געווען אומפאַרשטענדלעך. מען האָט זיך געבראָכן דעם מוח און נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס האָט באַוויגן אַראַנאָוון צו אַזאַ זאַך. אַ מענטש, וועלכער האָט געלעבט פון בעטלעריי און האָט זיך ווידער דערשלאָגן צו אַ בכבודיק לעבן, זיך נישט שלעכט איינגעאָרדנט, געהאַט פּרנסה, נישט שווער געאַרבעט, געווען אָנגעזעען אין דער געגנט

— און מיט אַ מאָל זאָל ער דאָס אַליין נעמען און צעברעכן, זיך אויפהייבן אָן אַ פּאַרוואָס און אָן אַ פּאַרוועןָ, איבערלאָזן אַ קראַנק ווייב, אַ קינד, און אַוועק אָן אַ „גוטן טאָג״, ווי אין וואַסער אַריין?

דאָס רעטעניש האָט זיך ערשט אויפגעקלערט דורך איינעם פון אונדזער קרייז. סאָלאָווייטשיק האָט מען אים גערופן, ווייל ער האָט געזונגען ווי אַ סאָלאָ־ווײ. ער איז געווען זייער אַ געראָטענער, אַ שיינער יונג, אַ פריילעכער. דער גראָשן האָט אים אויך נישט געפעלט. פון ערשטן מאָמענט ווען אָט דער סאָלאָ־ווייטשיק האָט דערזען די פּאַננאַ עוואַ, האָט אים באַלד באַהערשט אַ שוואַכ־קייט צו איר. די גאַנצע צייט איז ער געווען זיכער, אַז דאָס קומט די פּאַננאַ עוואַ אַזוי אָפּט אינעם שטעטל טאָקע צוליב אים. איצט אָבער האָט זי אויפגעע־הערט צו קומען. ער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס. האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, אַזוי מיר נישט דיר נישט, בשתיקה זיך אַריבערצוכאַפּן צו איר אין שטעטל, כדי זיך צו דערוויסן די סיבה. אין איינוועגס זיך געטראַכט, צו וואָס זיך שפּילן אין קוצעניו־מוצעניו, ער וועט איר דערקלערן קליפּ און קלאָר, אַז ער האָט זי ליב און וויל זי פאַר אַ כלה.

געקומען צו פאָרן אין איר שטעטל, זיך נאָכגעפרעגט וווּ זי וווינט, איז ער פון ענטפער געוואָרן ווי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. די פּאַננאַ עוואַ, האָט מען אים דערקלערט, האָט לעצטנס אַלץ פאַרקויפט, פאַרלאָזט דאָס שטעטל, און איז געפאָרן זיך באַזעצן אין לאָדזש. זי האָט דאָרט, ווייזט אויס, אירן אַ פעטער, וואָס האָט דורכאויס פאַרלאַנגט זי צו האָבן ביי זיך. סאָלאָוויי־טשיק האָט זיך אויך דערוווּסט, אַז קורץ פאַר איר אָפּפאָרן האָט מען דאָ אין שטעטל אויך געזען אַראָנאָוון, אונדזער רעזשיסער און לערער פון די אָונט־קורסן.

ער האָט גענומען חוקר ודורש זיין דעם אַדרעס וווּ דער פעטער וווינט, און ווי נאָר ער האָט אים אַרויסגעקראָגן, האָט ער איר געשריבן, אַז ער וויל זיך אומבאַדינגט מיט איר ווי אַמגיכסטן זען.

ה. פערלמוטער

ווי גרויס איז אָבער געווען זיין איבעראַשונג, ווען ער האָט באַקומען אַן ענטפער פונעם פעטער אירן, אַז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן; ער הייבט נישט אָן צו וויסן אפילו, אַז זיין ברודערס טאָכטער דאַרף זיך באַזעצן אין לאָדזש. זי איז בכלל ביי אים נישט געווען.

ווען סאָלאָווייטשיק האָט אַביסל אַ פאַרשעמטער דאָס אונדז איבערגעגעבן, איז אַלץ געוואָרן קלאָר. מיר האָבן פאַרשטאַנען דעם גאַנצן ענין: נישט אַנדערש ווי די צוויי חברה־לייט האָבן באַשטימט צו זיין צוזאַמען, באַשלאָסן ערגעץ אַוועקצופאָרן און זיך אויסבאַהאַלטן.

סאָלאָווייטשיק האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז די פאַננאַ עוואַ איז אַזוי אָפּט געקומען אין אונדזער שטעטל נישט אַזוי צוליב אים, ווי צוליב דעם חבר אַראַנאָוו. ער האָט זיך אוודאי געטראַכט, אַז נישט אומזיסט זאָגט מען: „שטילע וואַסערלעך גראָבן טיף״. פון זיין מלאכל, ווי ער פלעגט זי רופן, איז געוואָרן אַ מלאך מיט צוויי אמתע פליגלען, וואָס האָט געגעבן אַ פלי אַוועק, אַז קיינער ווייסט צומאָל נישט וואוהין.

אויך מיר, שטאַרק אַנטוישטע און אָפּגענאַרטע, האָבן סוף כל סוף שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז אַזוי איז שוין די טבע פון מענטשן: ווען ער איז הונגעריק, איז זיין פאַרלאַנג זיך צו זעטיקן. ווערט ער אָבער זאַט — זוכט ער שוין נאָך עפּעס...

(פראַגמענט)

אויפן וועג קיין אוישוויץ

דער העל־בלויער הימל מיט דער אויפגייענדיקער זון האָבן נישט באַוויזן צו פאַרטרייבן די שוואַרצע כמאַרעס פאַר אונדזערע אויגן בעתן פירן אונדז צו די וואַגאָנעס, אין יענעם תשעה־באב׳דיקן פרימאָרגן פון ערשטן אויגוסט, דריי און פערציק. אונדזער פאַרגעפּיל, אַז מען פירט אונדז צו דער שחיטה־שטאָט אוישוויץ, האָט פאַרפינצטערט דעם וועג, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ גרויסע שוואַרצע עגלה, וואָס פירט אַן עדה יידן אויף זייער לעצטן וועג.

דאָס פאַרגעפּיל האָט זיך נאָך מער באַרעכטיקט דערמיט, וואָס פון די אַלע יידן, וואָס זענען פריער געוואָרן דעפּאָרטירט, איז צו אונדז נישט דערגאַנגען קיין פונק פון אַ לעבנסצייכן.

דאָס ערגסטע, פון וואָס די הערצער האָבן געבלוטיקט ביי מיר און מיין פרוי, איז דעמאָלט געווען, בעת מיר האָבן געקוקט אויפן קינד, פאַר וועלכן מיר זענען תמיד גרייט געווען צו באַצאָלן מיט אונדזער לעבן, אַבי אים זאָל גאָר־נישט געשען.

ווען מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז ווו ס׳האָט געוווינט דער קינ־דער־דאָקטאָר ליבערמאַן, איז מיר איינגעפאַלן, אַז מיר זאָלן צו אים אַריינשיקן אונדזער קינד און ס׳זאָל דאָרט ביי אים בלייבן. מיר האָבן נאָך געגלויבט, אַז דאָקטוירים וועלן זיין פּריווילעגירט דערווייל נישט דעפּאָרטירט צו ווערן. אפשר וועט אונדז אָפּגליקן אַזוי אַרום כאָטש דאָס קינד אָפּצוראַטעווען. מיר האָבן דאָס שטילערהייט געזאָגט דעם קינד און ער האָט אונדז געפאָלגט און אַריינגעגאַנגען.

אין אַ ווײַלע שפּעטער דערזעען מיר, ווי דאָס קינד זוכט אונדז וויינענדיק ביי די וואַגאָנעס צווישן דער מאַסע יידן. מיר האָבן אים איינגענומען און גע־וואָלט פון אים הערן פאַר וואָס ער איז נישט פאַרבליבן ביים דאָקטאָר (דער דאָקטאָר ליבערמאַן האָט דאָס קינד גוט געקענט און איז געווען אַן אָפטער יוצא־ונכנס אין אונזער הויז).

די טיר איז ביים דאָקטאָר געווען פאַרשלאָסן — דערציילט דאָס קינד — און ער האָט זיך דאָרט אין הויף באַהאַלטן אין אַ שטאַל. ווען ס׳זענען דאָרט אַריין די ס.־ס. און געשריגן: „אַלעס אַרויס״! — האָט ער מורא באַקומען און איז אויך אַרויס. אָבער ער האָט געהערט, אַז די קינדער נעמען די דייטשן צו אַרבעט ביים פאַרפאַקן שוועבעלעך אין די שאַכטלעך, וועט ער דאָך דאָס אויך קאָנען טאָן (ער האָט זיך מסתמא צוגעהערט צו אונדזערע עצבותדיקע שמועסן וועגן זיין גורל, האָט ער אַ פּנים דערמיט אונדז געוואָלט באַרואיקן).

מיט אַ ביטערן שמייכל האָבן מיר אויפגענומען דעם קינדס טרייסטווער־טער, וואָס איז גרייט, ביי זיין אַכטיאָריקן עלטער, צו אַרבעטן פאַר די דייטשן, כדי צו קאָנען ראַטעווען זיין לעבן. אינעם האַרצן האָבן מיר זיך געווונטשן און געבעטן: הלוואי זאָל עס זיין אמת און ס׳זאָל מקוים ווערן דעם קינדס פאַנ־טאַזיע.

אָרעם קינד! האָסט נישט געוווּסט, אַז דאָס איז דיין לעצטע קינדישע אי־לוזיע, אַז ס׳איז היינט דער לעצטער טאָג פון דיין יונג לעבן, אַז דו מיט דיין טייערער מאַמע און נאָך אַזוינע טויזנטער יידישע לעבנס, וועלן אין געציילטע שעהן שפּעטער, דורך אָט די דייטשן, ביי וועלכע דו טראַכסט צו אַרבעטן, דער־שטיקט ווערן פון גאַז און דערנאָך פאַרברענט ווערן אויף אַש, בלויז פאַרן איינ־ציקן „פאַרברעכן״ וואָס דו ביסט געבוירן אַ ייד. — — —

מיטאָג־צייט ווערן מיר פאַרלאַדעוועט אין די וואַגאָנעס, אין וועלכע מען פלעגט פירן בהמות, מיר ווערן אָבער אין זיי נישט אַריינגעסדרט, לפּחות ווי יענע באַשעפעניש, נאָר אַריינגעפּרעסט, ווי די הערינג אין אַ פעסל.

די זון האָט אין יענעם תשעה־באב־טאָג באַוויזן איר גאַנצע מאַכט און אָנגעגליט די וואַגאָנעס אַזוי, אַז ס׳איז נישט געווען צום אויסהאַלטן פון דער היץ און פון דורשט.

הגם דער מרחק פון אונדז ביז אוישוויץ איז בסך־הכל געווען אַ וואָסערע דרייסיק קילאָמעטער, האָט די „נסיעה״ זיך געצויגן און געצויגן, געדויערט אַן

אַ סוף. די סאַדיסטן האָבן געהאַט אַ באַזונדערע הנאה אונדז צו שלעפּן אין די פֿאַרהעמערטע וואַגאָנעס דעם גאַנצן טאָג.

אינעם וואַגאָן האָט מיין פֿרוי, ווי די טבע איז ביי אַ מאַמע, צו זיך צוגע־טוליעט דאָס קינד, אויף וועמענס קעפּל ס׳זענען אַלע ווילע געפֿאַלן אירע ביי־טערע טרערן. דאָס קינד האָט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן דער מאַמעס טרערן. ער האָט זי געפֿרעגט מיט פֿאַרווּנדערונג פֿאַר וואָס זי וויינט, און געבעטן זיך ביי איר, זי זאָל אויפֿהערן וויינען. נישט ווילנדיק מער מצער זיין דעם קינד, וואָס האָט נעבעך נישט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער לעצטער וועג, האָט זי אָט די טרערן געמוזט אין זיך דערשטיקן.

פֿאַר נאַכט דערהערט מען אַ שטאַרקן פֿייף פֿון לאָקאָמאָטיוו: אַ פּנים, מיר דערנענטערן זיך צו אוישוויץ. דורך די פֿאַרקראַטעוועטע פֿענצטערלעך פֿון די וואַגאָנעס האָט מען געזען מענטשן אין געשטרייפֿטע מלבושים וואָס באַוועגן זיך, ווי די שאָטנס ביי זייער אַרבעט. דאָס האָט אונדז אגב עטוואָס גענומען באַ־רואיקן, אַז אפשר איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מען האָט געטראַכט: אויב ס׳גייט בלויז אין דעם, וואָס מיר וועלן מוזן אַרבעטן, מילא, וועט מען אַרבעטן. ס׳איז דאָך מלחמה־צייט.

דער לאָקאָמאָטיוו נעמט לאַנגזאַם סאָפּען, די רעדער גיבן אַ קוויטש — און אָט שטעלט דער צוג זיך אָפּ. מיר טוען ווידער אַ קוק דורך די פֿענצטער־לעך, און מיר זעען איצטער אַחוץ די מענטשן אין געשטרייפֿטע בגדים, אויך ס.־ס.־לייט מיט מעדאַלן און קרייצן אויף זייערע ברוסטן. זייערע פּרצופֿים האָבן דערמאָנט אין יענע תּלינים, וואָס האָבן מיט אַ צייט צוריק, אויפֿן סקווער פֿון דער מאַדזשעווער גאַס אין סאָסנאָוועצ, אויפֿגעהאָנגען די פֿיר יידן.

ס׳איז אָבער נישט געקומען אויפֿן רעיון, אַז די היטלעריסטן האָבן אונדז דאָ אַהערגעשלעפּט נישט ווייל זיי נייטיקן זיך אין אונדזער אַרבעט, נאָר בכדי אונדזערע לעבנס אונטערצוהאַקן. ווער האָט זיך געקאָנט פֿאַרשטעלן, אַז זיי וועלן פֿעאיק זיין צו נעמען אומשולדיקע מענער און פֿרויען און אַפֿילו פּיצעלעך קינדער, און אָן אַ פֿאַרוואָס זיי מאַסנווייז אויסקוילענען?

אויף דער ראַמפּע

טראַך! ווילדע קולות רייסן איבער די אין טרויער פּאַרזונקענע מחשבות ביי די יידן אין די וואַגאָנעס אויף דער ראַמפּע אין אוישוויץ־בירקענאַו, מחשבות וואָס האָבן געטאָטשעט די מוחות און געקלעמט דאָס האַרץ. אָט עפענען זיך די טירן און ס'ווערט באַפוילן אַלעמען אויסצושטייגן.

פון דעם וואַגאָן, וואָס איך מיט מיין משפחה האָבן זיך אין אים געפונען, האָט זיך די טיר גראָד די ערשטע געעפנט. מיר זענען פון אים אַרויס, ווי צעטומלט, און נישט באַוויזן זיך צו אָריענטירן, וואָס דאָ טוט זיך.

די מענטשן אין די געשטרייפטע קליידער, וואָס מען האָט זיי געזען דורך די פענצטערלעך אין וואַגאָן, האָבן צו אונדז גערעדט יידיש און זיך באַלד גענומען מתעסק זיין מיט אונדז. קודם כל ווייזן זיי אָן, ווו מיר זאָלן אַוועקלייגן אַלץ, וואָס מען האָט מיטגעבראַכט מיט זיך. דערנאָך פירן זיי אַוועק די מענער אין איין זייט פון פּלאַץ, און די פרויען — אין דער אַנדערער זייט, אויסגע־שטעלט צו פינף אין רייען, אויפגענומען צו ווערן פון די הויכראַנגיקע ס.־ס.־מחבלים. די עלטערע מענטשן און פרויען מיט זייערע קינדער ווייזט מען אָן אַרויפצוגיין אין די אָפענע לאַסטוועגענער.

מיר זענען בשעת־מעשה געווען צופרידן, אַז די מענטשן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אונדז, זענען יידן. דאָס איז געווען די „קאַנאַדע־קאָמאַנדע". דעם נאָמען „קאַנאַדע" האָבן זיי באַקומען דערפאַר, ווייל זיי פלעגן האָבן עסן צו דער זעט, אַזוי ווי די מענטשן אין קאַנאַדע, וואָס שמט מיט איר שפע. איז ווי באַלד מען געפינט זיך נאָר צווישן יידן וועט מען זיך שוין ווי נישט איז קאָנען אַן עצה געבן — האָט מען זיך געטראַכט. דעמאָלט האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ס'איז נישט אַזוי געפערלעך, ווי מען האָט געמיינט. והא ראיה, זיי, די „קאַנאַדיסטן"

הייסט עס, זענען גאָרנישט אַזוי שלעכט אויס. פאַרקערט, מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז זיי זענען דאָ, ווי אויף אַ דאַטשע... נאָר גיי ווייס, אַז דורך די דאָזי־קע הענט זענען שוין אַדורכגעגאַנגען אַזוי פיל טויזנטער יידן, וועלכע דער פייער־פיסק פון קרעמאַטאָריע האָט שוין באַוויזן צו פאַרשלינגען.

מאַנכע „קאַנאַדיסטן" פלעגט זייער ברייוחער ביסן אַ סך מאָל נישט באַ־קומען. פאַרשידענע געוויסנס־פּיינען, וואָס האָבן געקאָנט פירן ביז משוגעת, האָבן זיי געמאַטערט און מאַטערן זיי נאָך אפשר עד היום.

ווי געזאָגט, איז זייער אַרבעט אויף דער ראַמפּע אין אוישוויץ־בירקענאַו געווען אָפּצונעמען די אָנגעקומענע טראַנספּאָרטן מענטשן. פון דער טרויעריקער פּראַקטיק דאָרט האָבן זיי ווויל געוווּסט, וואָס אַזוינס עס דערוואַרט די גע־קומענע יידן, בפרט פרויען מיט נישט דערוואַקסענע קינדער, וועלכע זענען תיכף פאַרמשפּט פאַרן גאַזקאַמער און פאַר דער קרעמאַטאָריע. פלעגן דעריבער אָט די „קאַנאַדע־מענטשן" ווי ווייט מעגלעך פּרוּוון ראַטעווען לפּחות די מאַמעס, אַוועקנעמענדיק ביי זיי די קינדער, כדי זיי, די מאַמעס, זאָלן אַזוי אַרום באַ־שטימט ווערן אין לאַגער אַריין און דערוויַיל בלייבן לעבן. ס'פלעגן זיך דער־ביי אָפּשפּילן שוידערלעכע סצענעס בעת די מאַמעס האָבן געזען, ווי מען רייסט פון זיי אַוועק זייערע קינדער.

ווער שמועסט נאָך, אַז די „קאַנאַדיסטן" פלעגן זיך דאָרט באַגעגענען פּנים אל פּנים מיט אייגענע, אָדער פּריינט צי באַקאַנטע, פלעגן זיי זיכער אַזוי ברוטאַל האַנדלען. דאָס האָט געמוזט ביי זיי געשען גיך און קונציק, אַז דאָס זאָל נישט באַמערקן די ס.־ס.־באַנדע.

ס'האָט געטראָפן מיט איינעם, וואָס איז געוואָרן דעפּאָרטירט פריער ווי זיין פרוי און ער האָט דאָרט געאַרבעט אין דער „קאַנאַדע־קאָמאַנדע", אַז ער האָט מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער דערזען אויף דער ראַמפּע אָנקומען זיין פרוי מיטן קינד. ער האָט ביי איר טאַקע תיכף צוגענומען דאָס קינד, איר פאַר־

שטייט זיך נישט געזאָגט דעם זינען דערפון, און אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט די פרוי.

זיכער איז דער אומגליקלעכער פאָטער דערמיט בייגעשטאַנען אַ שרעק־לעכן נסיון, אַזוי ווי אברהם אָבינו מיטן ברענגען זיין זון יצחק אויף דער עקדה, זייענדיק אָבער זיכער, אַז דער נס, ווי דעמאָלט מיט יצחקן, וועט דאָ נישט געשען; אַז קיין שום מלאך וועט נישט קומען אין דער לעצטער מינוט אָפּצוהאַלטן די האַק פון דייטשן תליון. ער, דער פאָטער ווערט געצוווּנגען מיט זיינע אייגענע הענט צו לאָזן אומברענגען זיין איינציק קינד, כדי ס׳זאָל צייט־ווייליק בלייבן לעבן כאָטש די מאַמע, זיין פרוי הייסט עס.

מען האָט אויך דערציילט וועגן אַן ענלעך טראַגישן פאַל, בעת אַ „קאַנאַ־דיסט" האָט אויף דער ראַמפּע דערזען אָנקומען זיין שוועסטער מיט אירע צוויי קינדער. ער האָט איר געהייסן, אויך צוליב דעם דערמאָנטן ציל, אויף אַ וויַל אַוועקגעבן די קינדער איר חברטע, מיט וועלכע זיין שוועסטער איז געקומען צוזאַמען אינעם זעלביקן וואַגאָן. איידער וואָס ווען, איז פאַרשטייט זיך די חברטע מיט די קינדער, צוזאַמען אויך מיט איר אייגן קינד, אַרויף אויפן לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט זיי אַוועקגעפירט צום פאַרגאַזן, און זיין שוועסטער איז גע־בליבן לעבן. נישט שווער תופס צו זיין דעם גערעַנגל אין די הערצער פון די „קאַנאַדע־מענטשן" אין יענע מינוטן.

די ס.־ס.־תלינים, וואָס האָבן אויף דער ראַמפּע באַשטימט אונדזער גורל, האָבן דעמאָלט אַוועקגענומען מיין עלטסטן ברודער שמואל און אים געהייסן אַרויפגיין אויפן וואָגן, ווו ס׳האָבן זיך שוין געפונען זיין פרוי מיט זייערע פיר קינדער. מיין אַכט־יאָריקן בן־יחיד שימעק, וועמען כ׳האָב געהאַלטן מיט זיך, האָבן זיי אויך פון מיר אָפּגעריסן און אים צוגעשיקט צו דער מאַמען. „דאָס קינד דער מוטער אָפּגעבן" — האָבן זיי אויסגעשריגן. דאָס דאָזיקע האָט שוין אויף מיר שרעקלעך געווירקט, הגם כ׳האָב נאָך נישט געאַנט וועגן זייער בי־טערן גורל.

געוועזן בין איך פון דעם ערשטן פינפטל אויסגעקליבענע מענער, די „טויגבאַרע סחורה" פאַרן קאַצעט. אין אונדזער נאַאיוויטעט און גלויבן אינעם מענטשלעכן פאַרנונפט האָבן מיר געהאַלטן פאַר נאָרמאַל (כ׳האָב שיעור נישט געזאָגט מענטשלעך), וואָס די אָפּגעטיילטע פון אונדז, די עלטערע מענטשן און פרויען מיט קינדער, שיקן זיי אַוועק מיט די וועגענער. די שוואַכע און קראַנקע פלעגן זיי מיט דייטשער „העפלעכקייט" אפילו נאָך העלפן אַרויפגיין אויף די וועגענער. „פאָרט נאָך פאַראַן אַ שטיקל געוויסן ביי די יעקעס", האָט מען זיך געזאָגט.

אַ געוואַלדיק גרויס רחמנות איז מיר געווען אויפן קינד, זעענדיק ווי ער גייט נעבעך באָרוועס צוליב מיר, ווייל כ׳האָב אים אויסגעטאָן די שיכלעך אין יענער נאַכט אינעם בונקער. דאָס זעלביקע רחמנות איז מיר געווען אויך אויף מיין צאַרטער פרוי אין איר דינעם שלאָפראָק, וואָס איז נאָך דערצו ביים אַרויסגיין פון בונקער צעריסן געוואָרן. דאָ וועט באַלד קומען דער האַרבסט, ווי וועלן זיי אַזוי קאָנען אויסקומען? אַ טיפער צער האָט מיך געגריזשעט און געמאַטערט.

הגם כ׳האָב געוווסט, אַז אין מיין פרוי׳ס ספּעציעל געמאַכטע שיך פאַר דעם צוועק איז פאַראַן אַ ביסל דאָלאַרן מיט עטלעכע ווערטפולע חפצים, כדי דערמיט טאַקע צו קאָנען זיך באַנוצן אין אַ נויטפאַל, איז דאָך אָבער די מעשה, וואָס זי געפינט זיך אין דער פרעמד און איז אויך נישט שטאַרק מסוגל צום מסחר — ווי אַזוי וועט זי קאָנען זיך אַן עצה געבן איינע אַליין?

אַז מען וועט זיי הייסן אויסטאָן מוטער־נאַקעט און אַלץ ביי זיי צורויבן, דערנאָך זיי פאַרנאַרן אין גאַזקאַמער צום דערשטיקן און לסוף זיי פאַרברענען — וועגן אַזוינס איז דאָך בכלל נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן אַפילו. פאַר וואָס דען יאָ? האָבן זיי דען מיט עפּעס זיך פאַרזינדיקט?

וועגן די „גליקלעכע", וואָס ווערן אַזוי העפלעך אַרויפגעלאַדעוועט אויף די וועגענער, וואָס איילן אַוועק פון דאָרט פול מיט מענטשן און קערן זיך אום

צוריק ליידיק — איז נישט געקומען אויפן זינען, אַז ס׳געשעט מיט זיי עפּעס בייז. אונדזערע חושים זענען רק געווען פאַרנומען יעדער מיט די זייניקע, בעת זייער אָפּפאָרן פון דאָרט. פון ווייטנס האָבן מיר מיט די בליקן זיך געזעגנט, מיט דער ברכה און האָפענונג בקרוב זיך צוריק צו טרעפן געזונטערהייט.

די היטלער־תלינים, וואָס האָבן זיך צו דעם צוגעקוקט און צוגעשמייכלט, האָבן אָבער גוט געוווּסט, אַז דאָס וועט שוין קיין מאָל נישט געשען. אַז זייער שיידן זיך מיט אונדז וועט שוין זיין לעולם ועד.

צום עמק הבכא

אַ פיינלעך געפיל האָט אַרומגענומען די עדה יידן, אויסגעקליבענע פאַרן קאַצעט, ביים גיין פון דער ראַמפּע אין לאַגער אַריין. די אומבאַקאַנטע פעלדער, די ליימיקע וועגן, וואָס זענען פון ביידע זייטן געווען פאַרצוימט מיט שטעכל־דראָט און אונטער זיי, באַראַקן, ווי שטאַלן פאַר בהמות — האָבן אַנגעוואָרפן אַ גרויל.

אַ טויטע שטילקייט הערשט אַרום, גלייך ווי דאָ וואָלט קיין מענטש זיך נישט געפונען. מ׳הערט אפילו נישט דאָס בילן פון אַ הונט, דאָס שווישטשען פון אַ פויגל, ווי אויף דער דאָזיקער ערד וואָלט קיין לעבעדיק באַשעפעניש קיין קיום נישט געהאַט. ממש אַ לאַנד פון טויט . . .

אונדזערע הערצער זענען פאַרקלעמט פון דעם אָקאָרשט איבערגעלעבטן, פון צעשיידן זיך ווער מיט אַ פרוי און קינד, ווער מיט טאַטע־מאַמע, אָדער ברידער און שוועסטער. מיר ווייסן נישט וועגן וואָס פריער טראַכטן און זאָרגן, צי איבערן גורל פון אונדזערע נאָענטסטע, וואָס זענען נאָר וואָס אַזוי אומגע־ריכט און ברוטאַל אָפּגעריסן געוואָרן פון אונדז, צי וועגן זיך גופא, וועגן דעם וואָס ס׳דערוואַרט אונדז.

ביי אַ סך פון אונדז איז געווען די זיכערקייט, אַז מיר וועלן געפירט ער־געץ ווו אַרבעטן. מ׳האָט געטייטשט, אַז דאָס מוז נישט זיין זייער ווייט, ווייל דאַן וואָלטן מיר נישט געגאַנגען צו פוס, נאָר אויך געפאָרן אויף די לאַסט־אויטאָס ווי די אַנדערע.

ווען מען האָט דערזען פון ווייטנס שלאָגן צום הימל אַ שוואַרצן געדיכטן רויך, ווי פון אַ פאַבריק־קוימען, האָט מען געפרווווט טרעפן, אַז דאָס איז עס. אָט דאָרט וועלן מיר, הייסט עס, אַרבעטן.

— האַלט! שטיין בלייבן! — חזרט זיך איבער אַ געשריי. באַלד דערנאָך דערהערט מען אַ באַפעל: — אויסטאָן זיך צום באָדן!.

יעדער פאַרנעמט זיך דאָס צו טאָן. פריער מוז מען אָפּגעבן ס׳געלט און אויך די פערזענלעכע חפצים — אונטער דער דראָאונג פון טויט, אויב מען וועט נישט פאָלגן.

נאַקעטערהייט טרייבט מען אַלעמען אַריין אין אַ בודע, ווו ס׳ווערט געטאָן „אונדזער רעכט״, דהיינו, מ׳שערט אונדז אָפּ די האָר (מער געפליקט ווי גע־שוירן) און דערנאָך שיקט מען אונדז אין באָד אַריין, ווו מען כאַפּט אַ פרישניץ פון הייס און קאַלט וואַסער. ווי אַ ווינטמיל האָט איינס גענומען יאָגן און טרייבן דאָס אַנדערע. נאָכן באָדן זיך, ווערן מיר אַריינגעיאָגט אין אַ צווייטער בודע. דאָרט ווערן מיר באַשפּריצט מיט עפּעס אַ פליסיקייט, פון וואָס די הויט ווערט שיעור נישט אָפּגעברענט. דאָס דאַרף זיין אַ סגולה צו פאַרהיטן פון פאַראַזיטן. מיינט מען דאָך שוין, אַז דערמיט איז די „טהרה״ געענדיקט און מיר וועלן באַלד צוריק אַרויס אָנטאָן אונדזערע מלבושים און פּטור. האָבן מיר אָבער נאָך נישט פאַרשטאַנען און באַנומען, ווי אַזוי ס׳איז דער „מנהג״ ביי די היטלעריסטן אין קאַצעט. דאָ, ברודערקע, אַז קומסט אַהער, ווערסטו באַלד אויס דו. אויך זאַכן און אַלץ, וואָס האָסט אַהערגעבראַכט געהערן מער נישט צו דיר. דיינע מל־בושים וועסטו מער פאַר די אויגן נישט זען. מען שיקט דיך אַריין אין אַ צווייטן חדר, ווו עס געוועלטיקן לאַגערניקעס, מיינסטנס יידן, און זיי טיילן דיר צו דיין איצטיקן הילוך. די מלאכה גייט ביי זיי צו זייער גיך, קייטמעסיק: איינער

דערלאַנגט דיר אַ העמד, דער צווייטער אַ רעקל, אַ דריטער אַ פּאָר הויזן וכדומה. דאָס אַלץ ווערט געטאָן אין אַזאַ איילעניש, ווי אַ שטייגער ס׳וואָלט ערגעץ גע־ברענט און מ׳דאַרף וואָס גיכער לויפן פאַרלעשן די שרפה.

פלעגט דעריבער נישט זעלטן טרעפן, אַז אַ הויכער און דיקער פאַרשוין זאָל באַקומען בגדים פון אַ ייִנגל און אַזוי אויך פאַרקערט. דאָס זעלביקע איז אָפט געשען מיט שיך. אָדער מען האָט באַקומען ביידע פון זעלביקן פוס, אָדער איינער פון אַנדערן מיט עטלעכע נומערן קלענער און טאָמער האָסטו זיך נישט געפּוילט צוריקצוגיין, כדי דאָס צו ווען אויסטוישן, האָסטו געכאַפּט דערפאַר דיין „שכר־הליכה״, אַז דו האָסט שוין פאַרזאָגט אַ צענטן דאָס נישט צו טאָן, און נעמען פאַר ליב וואָס מען האָט.

סאַראַ פּנים מיר פלעגן באַקומען אין די דאָזיקע טראַנטעוואַטע בגדים, איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן. בעת מיר פלעגן זיך נאָך דער „הלבשה״ אָנקוקן איינער דעם אַנדערן, פלעגט מען אין די צרות אויסברעכן מיט אַ היס־טעריש געלעכטער. מיר האָבן זיך פשוט נישט דערקענט.

נאָכן אויסטאָטואירן און פאַרשרייבן אַלעמען אין „ספר הזכרונות״, יאָגט מען אונדז אַריין אין אַ ליידיקן בלאָק, אַ באַראַק אַזאַ. אויף דער ליימיקער פּאָד־לאָגע האָט יעדער רעכט צו געפינען אַ שטיקל מקום מנוחה.

שוין דער ערשטער „ברוך הבא״, וואָס ס׳האָט אונדז דערלאַנגט איינער פון די לאַגער־פּראָמינענטן, האָט גלייך אויסגעגעבן, ווער און וואָס זיי זענען. מקבל־פּנים געווען האָט אונדז דער בלאָק־עלטסטער פּינקוס אויף אַזאַ אופן:

— פון וואַנען זענט עץ, ה.־זינס?

— פון זאַגלעמביע — ענטפערן מיר אים — פון בענדין, סאָסנאָוויצע, דאָמבראָווע.

— אַהאַ... — גיט ער אַ שנאָרך מיט זיין הייזעריקער שטימע — נישט לאַנג צוריק האָט מען דאָ געהאַט ענקער קייסער, מאָניעק מערין. ר׳אָט זיך דאָ נישט לאַנג געכאָוועט, ר׳איז געפלויגן אין הימל אַריין. פּינקט ווי דער לאָדזשער קייסער רומקאָווסקי. אַזעלכע ווערן דאָ באַלד מיט אַ קאָפּ נידעריקער... קייסערס

האָבן זיי געקענט זיין ביי ענק, אָבער נישט דאָ. מ׳האָט זיי געוויזן וואָס ס׳הייסט צי זאָן אַ יידישער קייסער באַ די דאָאָטשן!

אוודאי האָבן אַזעלכע פערלדיקע אויסדרוקן ווי „ה.־זינס״, שאָקירט די צוהערער, בפרט די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט די „זכיה״ דאָס צו הערן דעם ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט אַזוי בפרהסיא פון אַ יידיש מויל. מען איז אָבער פאָרט געווען צופרידן צו האָבן פאַר זיך אַ יידן, פון וועמען מען וועט זיך אפשר קאָנען דערוויסן פרטים הן וועגן אונדזער דאָזיין, הן וועגן אונדזערע משפחות, דהיינו ווו זיי געפינען זיך, ווען מען וועט זיך קאָנען מיט זיי זען, וכדומה. און איינער פון אונדז האָט אים טאַקע אַ פרעג געטאָן וועגן די אַלע, וואָס מען האָט אויף דער ראַמפּע פון אונדז אָפּגעטיילט, ביי וואָס, למשל, זיי וועלן אַרבעטן.

— אין דער הימל־קאָמאַנדאָ, ה.־זין — איז געקומען זיין ענטפער.

— אָבער ווו זענען זיי איצטער ? — פרעגט שטאַרק פאַראינטערעסירט אַ צווייטער.

— אין הימל, ה.־זין — ענטפערט ווייטער פּינקוס.

האָט מען אין פלוג, וואָס אַן אמת נישט פאַרשטאַנען, אָדער נישט געוואָלט פאַרשטיין דעם באַטייט פון זיינע ענטפערס. ערשט ווען אַ דריטער האָט אים אַ פרעג געטאָן מכוח אונדז דאָ, דאָס הייסט, ביי וואָס מיר וועלן אַרבעטן און צי מיר וועלן פאַר דער אַרבעט עפּעס באַקומען באַצאָלט, כדי דערפון כאָטש צו קאָנען לעבן, האָט דער פאַרשוין זיך צעלאַכט אַזוי, אַז דער בויך זיינער האָט אים שיעור נישט געפּלאַצט:

— כאַאַ, כאַ, כאַ! זעטס נאַר, זעטס, ר׳איז דאָך גור דו אַהערגעקומען לעבן, דער ה.־זין!

מילא, אַז קיין צווי ווערטער האָט אָט דער נפש נישט אַרויסגערעדט, ער זאָל דערביי נישט באַנוצן דעם שיינעם אויסדרוק — איז אַ זאַך פאַר זיך. עלעהיי ס׳איז אַ שפּראַך אַזאַ אינעם לאַגער, ווי ביים מיליטער, האָט מען זיך געטראַכט. דער פאַרדרוס איז אָבער געווען גרויס דערפאַר, וואָס מען האָט אין

זיינע ציינישע ווערטער געפילט אַ הנאה דערמיט אונדז מצער צו זיין. האָבן מיר בכן אויפגעהערט אים צו שטעלן קשיות, מחמת קיין גרויס נחת וועט מען דאָך פ׳ן אַט דעם פאַרשווין סיי ווי ניט דערלעבן.

אַז דאָס ווערטל „בויט ברעכט אייזן" איז בנוגע דורשט נאָך האַרבער, האָט מען געקענט זיך איבערצייגן אין יענער ערשטער נאַכט אינעם לײדיקן בלאָק. דער דורשט האָט געפּייניקט נישט איבערצוטראָגן. קיין חידוש נישט: זענען דאָך אונדזערע העלדזער געווען פאַרטריקנט פון דער „נסיעה" אין די פול־געפּאַקטע וואַגאָנעס, וואָס זענען איבערן וועג געוואָרן אָנגעגליט. פון טרינקען איז קיין רייד נישט געווען. פלעגן אַ סך פון אונדז, כדי כאָטש אויף אַ ווײַלע צו שטילן דעם שרעקלעכן דורשט, בײַנאַכט זיך אַרויסגנבענען פון בלאָק, זיך צוכאַפּן צו די ליימען־גריבער, אין וועלכע דער רעגן האָט אָנגעזאַמלט אַ שמוציק געדיכט וואַסער און דאָס געטרונקען. צומאָרגנס האָט מען אגב גלייך געזען און דערקענט ווער ס׳האָט דאָס געטאָן, מחמת די יעניקע פלעגן דערפון באַקומען אַ משונהדיקן אויסזען. דאָס פּנים פלעגט ביי זיי ווערן ווי אַ פּענכער, וואָס אָט־אָט וועט ער אויפפּלאַצן. אַ חוץ דעם האָבן אַ סך אויפן אָרט באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן דורך אַ קויל פון ס.־ס.־מאַן, וואָס איז געווען אין וואַכטורעם. וואָף על פי כן, איז דאָס געטאָן געוואָרן. ס׳האָבן נישט געהאָלפן די אויפקלע־רונגען דערוועגן, ט׳איז נישט געראָטן דערפון אָפּצוהאַלטן.

יענע ערשטע נאַכט אינעם ליימיקן בלאָק, איז כמעט קיינער נישט גע־שלאָפן. פאַרביטערטע זענען מיר געזעסן וואַך און נישט געקאָנט קיין אויג צומאַכן. מיט אומרו און אומגעדולד האָט מען געוואַרט ס׳זאָל שוין ווערן טאָג. מיר זאָלן אַרויס פון דעם עיפּושדיקן באַראַק און זען, וואָס דער טאָג ברענגט.

און געבראַכט האָט ער אָט וואָס:

גאָר פרי האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן פונעם באַראַק און אויסגע־שטעלט צו פינף אין רייען. נאָכן אָפּציילן די „סחורה" איין מאָל, נאָך אַמאָל און אַ דריט מאָל, ווערן מיר געשיקט אינעם קאַראַנטין־לאַגער. דאָרט האָט זיך פאַר אונדז געעפנט דאָס פאָדערהייזל צום עמק־הבכא...

אַ ק ט י אָ ר

אָנגעהויבן האָט זיך עס שוין דעם ערשטן טאָג אינעם קאַראַנטין־לאַגער. אונדזער בלאָקעלטסטער, דער „באָקסער", איז גראָד געווען גוט אויפגעלייגט. ער האָט זיך משמעות אויך דערמאָנט אין זיין אַמאָליקער היים בענדין, זיין געבוירן־שטאָט, מיט איר דראַמקרייז „די בענדינער מוזע", ווו מען האָט גע־שפּילט טעאַטער, געזונגען און געטאַנצט אויף וואָס די וועלט שטייט. גיט ער דעמאָלט אַ זאָג: „נו, ה...זינס, זינגט עפּעס".

חברה האָבן זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און גענומען דערלאַנגען פאַר אים לידלעך, יעדער אויף זיין שטייגער און טאַלאַנט, אונטער דער אָנפירונג פון בערל פרידלער, מיינער אַ חבר, אַ געוועזענער אַקטיווער מיטגליד און בויער פון דער „בענדינער מוזע".

פון אונדזערע אָפטע שמועסן אויף דעם געביט האָט בערל פרידלער געוווסט וועגן מיין נאָענטער שייכות מיט טעאַטער. אפשר האָט ער אויך גע־דענקט מיין בשעתו איינגעשטעלטן טעאַטער־אָוונט מיט אַ גרופּע אַרטיסטן אין סאָסנאָווצע צו דער יאָרצייט פון אהרן דוד גאָרדאָן.

ליגנדיק אַזוי מיט מיין שווער געמיט, אַ מידער און צעבראָכענער, אויף דער האַרטער פּריטשע, דערהער איך ווי דער דערמאָנטער בערל פרידלער רופט אויס מיין נאָמען מיט אַ ניגון, ווי מען פלעגט דאָס טאָן ביים אויפרופן איינעם צום ספר־תורה. וועגן וואָס האַנדלט זיך עס? מסתמא, אַז כ'זאָל זיך אויך באַטייליקן אינעם „קאָנצערט" לכבוד דעם בלאָקעלטסטן. איך האָב בכן זיך נישט געמאַכט הערן און נישט צוגעגאַנגען: מער ליגט מיר נישט איצטער

אין זינען. ער רופט מיך נאָך אַ מאָל און איך ריר זיך ווייטער נישט פונעם אָרט. מוסרן מיך מיינע מיטשכנים אויף דער פריטשע, הלמאי איך לאָז זיך אַזוי שטאַרק בעטן און גיי נישט אַהין? דאָס קען מיר גוט צו נוץ קומען, זאָגן זיי, אויב כ׳וועל געפעלן ווערן דעם בלאָק עלטסטן.

זיי זענען שטאַרק צוגעשטאַנען צו מיר כ׳זאָל עס טאָן. זיי האָבן מיך פשוט אַראָפּגעיאָגט פון דער בוקסע און איך בין לסוף אַוועק אַהין, זיך אַריינ־געפלאָכטן אינעם קרענצל, ווו חברה האָבן זיך געפּאָרעט אַרום דעם „באָק־סער״ און געוואָרט אויף מיר.

צו פול איז מיין האַרץ געווען מיט צער, עצבות און אומעט, אַז איך זאָל האָבן חשק און אויך שטימונג עפּעס צו זינגען, ווי דער „באָקסער״ האָט זיך עס געווונטשן. איך האָב דעריבער גענומען רעציטירן די פּאַציפיסטישע סצענ־קע פון משה בראָדערזאָן „איך באַשולדיק״. כ׳האָב דערמיט געוואָלט אויס־דריקן דעם גאַנצן ווי, וואָס האָט געדריקט אויף מיין געמיט.

די דערמאָנטע סצענקע, וועמענס האַנדלונג קומט פאָר אין אַ פּאַריזער נאַכטלאָקאַל, און אויך דאָס, וואָס די נעמען פון די פּערסאָנאַזשן זענען פראַנ־צויזישע, האָט וויזט אויס דעם „באָקסער״ דערמאָנט אין פּאַריז, זיין צווייטע היימשטאָט, פון וואַנען ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן אַהער קיין אוישוויץ. און אפשר צוליב דעם טאַקע איז די סצענקע אים געפעלן געוואָרן אויף אַזוי ווייט, אַז אַ טרער האָט זיך אַזש געשטעלט אין זיינע אויגן. באַלד דערנאָך האָט ער באַפוילן דעם שטובנדינסט כאַמויש, זיין אַלטן גוטן־ברודער, וועמען ער האָט איצט באַשטימט אַלס „שני־למלך״, יענער זאָל מיר מאָרגן געבן נאָך אַ טעלער זופּ. פון „באָקסער״ אַליין האָב איך תיכף באַקומען אַ פּענעצל ברויט מיט מאַרמעלאַדע. אַלע האָבן דערין געזען אַ סימן פון מיין דערגרייכטער „קאַ־ריערע״ און געזאָגט: „דיר וועט שוין דאָ גוט זיין״... און ס׳איז טאַקע געשען. אין אַ טאָג ווען אין בלאָק איז אַריין דער לאַגער־קאַפּאָ און אַלעמען אַרויס־געטריבן צו שלעפּן שווערע שטיינער, וואָס האָבן געקאָנט דאָס האַרץ אָפּרייסן,

זענען טאַקע מקויים געוואָרן יענע ווערטער פון די חברים „דיר וועט שוין דאָ גוט זיין”. דער „באָקסער” האָט צו מיר דעמאָלט אַ זאָג געטאָן בשתיקה: „דו לייג זיך אַריין אין בלאָק־שטיבל” — כדי כ׳זאָל אויסמיידן די שווערע אַרבעט פון שלעפן שטיינער.

די לאַגער־משפחה איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. מיט די צאָל טראַנספּאָרטן יידן פון זאַגלעמביע איז אויך מיטגעקומען דער בענדינער שטאָט־חזן. אויף „באָקסער”ס פאַרלאַנג איז ער געוואָרן דער גאַסט אין אונדזער בלאָק צו דערלאַנגען אַ ביסל חזנות. פאַר וואָס נישט? האָט דאָך דער „באָקסער” שוין אַזוי פיל יאָרן, זייט ער איז אַוועק פון זיין געבוירן־שטאָט בענדין, נישט געהערט קיין חזן, טאָ פאַר וואָס זאָל ער זיך דאָס איצט נישט קאָנען פאַרגינען?

געזונגען האָט דער חזן דעמאָלט פאַר אונדז דאָס באַקאַנטע ליד „אלי, אלי”. דאָס איז נאָך זיכער קיין מאָל נישט געווען אַזוי אַקטועל און צוגעפּאַסט, ווי צו אונדזערע דעמאָלטיקע צעבראָכענע געמיטער. אויב אַ חזן, בפרט אַ „גוטער זאָגער”, פלעגט אין אַלע צייטן, ביי נאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונגען, זיין מסוגל מיט אָט דער תפילה צו רירן יידישע הערצער, האָט אין יענעם טאָג דער בענדינער חזן מיט זיין מתיקותדיקער שטימע ממש געקאָנט רירן אפילו אַ שטיין. ווען ער האָט אַרויסגעזונגען דעם פּערז „אין פייער־פלאַמען האָט מען אונדז געברענט”, איז געוואָרן אַ יללה, אַז אפילו דער „באָקסער” האָט אויך געווישט זיינע אויגן פון טרערן. בפרט נאָך מיר, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט דערוווּסט דעם טרויעריקן אמת וועגן אונדזערע נאָענטע און אייגענע, אַז דער שוואַרצער געדיכטער רויך, וואָס מיר פלעגן זען טאָג־טעגלעך גרייכן צו די הימלען, איז נישט ווי מיר פלעגן זיך איינרעדן און טרייסטן, פון וועלכער ס׳איז פאַבריק, נישט פון קיין בעקעריי, נאָר פון די קרעמאַטאָריעס, וואָס פאַרשלינגען טאָג־איין טאָג־אויס אָן אַ צאָל יידישע לעבנס, און ווער ווייסט וויפל זיי וועלן נאָך פאַרשלינגען. ס׳איז פאַר אונדז אויך שוין קלאָר געוואָרן דער באַטייט פון די ווערטער, וואָס דער בלאָקעלטסטער פינקוס האָט אַרויס־

געזאָגט ביים אויפנעמען אונדז בנוגע אונדזערע נאָענטע, אַז „זיי אַרבעטן אין דער הימל־קאָמאַנדע".

הגם מיט די קאָנצערטן פאַרן „באָקסער" איז געווען ווי די מעשה מיט בלעמס אייזל, און אַנשטאָט זיך פאַרוויילן און לאַכן, פלעגט דער „באָקסער" דערפון גאָר וויינען, האָט ער פון דעסטוועגן באַדויערט דעם חזן, ווען מען האָט אים פון דאָרט פלוצים אַוועקגעשיקט: „אַ שאָד דעם ה.־זון — האָט ער געזאָגט — ער האָט שיין געזונגען"...

שוין בעת די פריערדיקע טראַנספּאָרטן יידן, וואָס פלעגן קומען קיין אוישוויץ פון בעלגיע, האָלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע מקומות, פלעגן די לאַגער־געטער זוכן זיך משמח צו זיין דורך זייערע קרבנות און נישט גערעכנט זיך מיט יענעמס פּיין אוןליידן. אַזוי למשל איז געווען דער פאַל מיט דעם אין פאַריז באַליבטן שוישפּילער פון „פּיאַט" הערמאַן, וועלכער איז געווען באַשאָנקען מיט אַ שיינער לירישער שטימע און זייער האַרציק געזונגען. מען האָט דערציילט, אַז ווען ער איז דאָרט שווער קראַנק געוואָרן אויף דיזענטעריע, און עס האָט שוין געהאַלטן ממש פאַר יציאת־נשמה, האָבן די קאַנאַליעס אים נאָך אַלץ געצוואונגען ער זאָל פאַר זיי זינגען.

טראָץ דעם, וואָס אונדזער בלאָקשרייבער דוד דרוקער איז נישט געווען קיין וואַזשנע צאַצקע, האָב איך מיין וויטערדיקע „טעאַטער־קאַריערע" אינעם דע־לאַגער, דוכט זיך, געהאַט אים צו פאַרדאַנקען. נאָך מיין שמועס מיט אים אין יענעם טאָג וועגן מיין אַמאָליקן טעאַטער־רעזשיסער פון לאָדזש, דרוקער, וואָס איז געווען, ווערדליק ער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט, זיין קוזין, האָט ער משמעות דערציילט דעם בלאָקעלטסטן, אַז ס׳געפינט זיך דאָ אין זיין בלאָק אַן אַרטיסט.

אין אַ זונטיק־נאָכמיטאָג, ווען מען איז שוין פּטור געוואָרן פון די „לויזע" און אַנדערע קאָנטראָלעס, וואָס זענען געווען שכיח אין אַזאַ טאָג און דער בלאָקעלטסטער האָט גראָד געהאַט ביי זיך צו גאַסט זיינע „פאַך־קאָלעגן", ווער

איך פון אים גערופן, כ׳זאָל „עפּעס פאַרברענגען פאַר די לויטע״. ס׳באַפאַלט מיך אַ שטאַרקע טרעמע. איך ווייס נישט וואָס אַזוינס דאָ פאַרצוברענגען פאַר אַזוינע „הויך געשעצטע לויטע״ ס׳זאָל זיי געפעלן ווערן. קיין גרויסן שייכות צו יידישע קלאַסישע ווערק האָבן זיי נישט. למשל, אַ פראַגמענט פון אַנסקיס „דיבוק״ אָדער לייוויקס „גולם״ צי גאָר שלום־עליכמס „טוביה דער מילכי־קער״ איז פאַר די „לויטע״ אַ קנאַפּער עניין. איז ווו זשע געפינט מען עפּעס, וואָס זאָל פאַרט זיין פאַר זיי פּאַסיק? מיין „גירסא דינקותא״ האָט מיר אָבער געבראַכט די ישועה: איך האָב זיך דערמאָנט אין לאַטיינערס היסטאָרישער דראַמע „אשה רעה״. די דאָזיקע טעאַטער־פּיעסע איז געשריבן געוואָרן דייטש־מעריש און איז אין יענע צייטן אַזוי געשפּילט געוואָרן איבעראַל, אין אונדזער שטעטל בתוכם. איך האָב פאַרגעדענקט אויף אויסנווייניק די סצענע מיט דעם דיאַלאָג פון הויפּטמאַן אַנטיגאָנוס מיט איזבל, די פרוי פון גענעראַל אבנר, בנוגע זייער געפּלאַנטן בילבול וועגן אבנרס פאַרשווערונג קעגן קעניג און פאָ־טערלאַנד.

געוווּסט האָב איך, אַז דער בלאָקעלטסטער איז כמעט אַ דייטש. גע־שטאַמט האָט ער פון פּויזן און האָט גערעדט אַ פּליסיקן דייטש. אויך זיינע קאַמעראַדן האָבן צוליב זייער „פּאַך״ געמוזט קענען די שפּראַך. האָב איך זיך געטראַכט, אַז אויב וועל איך ביי זיי נישט אויסנעמען מיט מיין טאַלאַנט, וועלן זיי לפּחות פאַרשטיין דעם טעקסט און איך וועל אפשר אַרויס גלאַטיק פונעם עסק.

האָב איך דעמאָלט דווקא יאָ נושא־חן געווען אין זייערע אויגן און דער־נאָך דערפאַר באַקומען באַצאָלט פון בלאָקעלטסטן נישט ווי זיין טבע איז גע־ווען, מיט אַ שטעקן, נאָר מיט אַ פּאַרציע ברויט. אַחוץ דעם האָט ער נאָך דערצו מיך דערקלערט פאַר אַ טאַלאַנטפולן שוישפּילער. און אַז אַ בלאָקעלטס־טער פון אוישוויץ זאָגט, זאָגט ער...

דער אָפּקלאַנג פון זיין זאָג איבער מיין אַקטיאָרישקייט איז אַזש דערגאַנ־גען צו די „קאַנאַדע״־לייט. די דאָזיקע קאָמאַנדע איז אָנגעגאַנגען פאַר די „גבי־

רים״ אין קאַצעט צוליב די מעגלעכקייטן, וואָס זיי האָבן געהאַט צו „אָרגאַ־ניזירן״ ווערטפולע זאַכן פון די אָנגעקומענע טראַנספּאָרטן מענטשן. צו זיי פלעגן קומען לאַגערניקעס נאָך דער אַרבעט זיי צו באַדינען. ברענגען פאַר זיי פריש וואַסער וכדומה. אין זייערע מענאַזשקעס, אין וועלכע מען האָט באַ־דאַרפן ברענגען דאָס וואַסער, פלעגט בלייבן עטוואָס געשמאַלצן עסן (וואָס די רוסן פון לאַגערקיך האָבן ספּעציעל פאַר זיי געקאָכט). די מענאַזשקעס זע־נען דעריבער געוואָרן דורך די „וואַסער־טרעגער״ פריער אויסגעוואַשן מיט די צונגען. שוין בלויז צוליב דעם אַליין איז כדאי געווען דאָס צו טאָן. עפּעס אַ קלייניקייט אַ לעפל געשמאַלצן עסן? ווי איז דאָס דאָרט מעגלעך געווען צו דערגרייכן? אַחוץ דעם האָט מען נאָך געקאָנט פון זיי באַקומען אַ פּאָרציע לאַגערברויט אויך, וואָס די „קאַנאַדיסטן״ פלעגן שוין נישט עסן מיט גרויס חשק. פּאָרט נגידישע מענטשן... אַזוי, אַז דאָס באַדינען זיי איז געווען אַן עניו, וואָס האָט געלוינט.

פיינלעך, זייער פיינלעך, איז געווען דאָס צוקוקן זיך, ווי אַזוי די „קאַ־נאַדע״־מענטשן זיצן זיך אויף די בוקסעס און עסן, אַז זייערע מיילער ווערן אַזש דערפון באַגאָסן מיט געשמילץ, בעת מיר אַרום קוקן און וואַרטן, ווי להבדיל די הינט, זייער באַלעבאָס זאָל זיי שוין וואָס גיכער צווואַרפן דאָס ביינדל. פון דעסטוועגן האָט דער געדאַנק צו קאָנען ביי זיי עפּעס געניסן געצויגן ווי אַ מאַגנעט און מיר פלעגן ביי זיי דאָרט זיין אָפטע געסט. איין מאָל האָבן מיינע חברים שליאַמעק און הערשל מיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט אַלס אַרטיסט.

געהערט דאָס וואָרט אַרטיסט, איז — דאַווי, אַהער מיט אים. פאַר וואָס דען נישט? פאַר וואָס טאַקע זאָלן זיי זיך דאָס נישט פאַרגינען? די „דאגת־פּרנסה״, ווי ביי טויזנטער אַנדערע קאַצעטלער, איז דאָך ביי זיי נישט געווען. ווי באַלד דער מאָגן איז נישט ליידיק, קומט שוין ממילא דער חשק צו נאָך עפּעס. איז לאָמיר זיך טאַקע פריילעך מאַכן אַ ביסל, און דערלאַנגט זאָל ווערן!

באַלד ווערט איבערגעגעבן צווישן די פּריטשעס פון איינעם צום אַנדערן, אַז ס׳איז דאָ פאַראַן אַן אַרטיסט. דאַרף מען זיך הייסט עס פאַרהאַלטן שטיל צו קאָנען אים הערן. בינו לבינו, ווי ס׳ווערט דאָרט געמאַכט אַ שטיקל פּלאַץ פאַר מיר, דערלאַנגט מיר איינער פון זיי אַ בינטל קשיות: וואָס אַרטיסט, ווען אַרטיסט, און ווו אַרטיסט? דאָס הייסט, פון וואַנען איך שטאַם, מיט וועלכער טרופּע איך פלעג שפּילן און סאָראַ פּיעסן? ממש ווי כ׳וואָלט דאָ געהאַט פּאַר זיך עמעצן פון דער טעאַטער־משפּחה.

בקיצור, כ׳האָב זיך אויף דער גיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ ליגן. דהיינו, אַז כ׳האָב געשפּילט אין דער „געשפּאַלטענער ווילנער טרופּע": חנן אין „די־בוק", לוי יצחק אין „די גרינע פעלדער", דאָס הייליקע שניידערל אין „קידוש־השם" וכדומה. איך בין דערמיט אויסן געווען צו באַקומען ביי זיי מער חשי־בות. ווער ווייסט אפשר אַזוי אַרום דער „האָנאָראַר" זיין אַ גרעסערער. אַנו, זאָל מיר עמעץ דאָרט אויספּורויזן, אַז ס׳איז נישט אמת. סך־הכל קענען זיי דאָך מיך נישט.

„אָ וואָ!..." — הער איך ווי ס׳זאָגט איינער צום אַנדערן איבער דער בוקסע — אַן אַרטיסט פון דער ווילנער טרופּע איז ער". כדי זיי צו מאַכן גלייבן דעריך, האָב איך פאַר זיי געגומען רעציטירן אַ פראַגמענט פון „דיבוק". אינעם האַרצן האָב איך געבעטן מחילה ביי אַנסקין, ער זאָל מיר מוחל זיין, וואָס כ׳וועל רעציטירן זיין אומשטערבלעך ווערק ביי די דאָזיקע באַדינגונגען. און ווער ווייסט? אפשר איז מיר בייגעשטאַנען זיין זכות? ס׳איז געווען צו שטוינען איבער דעם ענטוזיאַזם ביים עולם צוהערער. איך בין פון זיי באַ־שאָנקען געוואָרן נישט נאָר מיט בראַוואָ־אויסרופן, נאָר אויך מיט מתנות, און דאָס דווקא וואָזשנע מתנות, ווי אַ שאַכטעלע סאַרדינען, אַ שטיק פעררדווורשט, עטלעכע פּייקעס ברויט, אַ ביסל מאַכאָרקע און עטלעכע פּאַפּיראָסן. — אַלץ אַזוינע זאַכן, וואָס פלעגן דאָרט זיין חשובער פון גאָלד. מיינע חברים, וואָס האָבן מיר דאָס צוגעשדכנט, זענען געווען דערצו גלייכע שותפים.

כדי ווייטער צו קאָנען זיך מפרנס זיין מיט מיין „מסחר" ביי די „קאַנאַ־דיסטן" האָב איך נאָכגעזוכט אינעם זכרון יעדעס מאָל זיי צו דערלאַנגען עפּעס אַנדערש און מיינע „ברויטגעבער" נישט פאַרנודען אַלע מאָל מיטן זעלביקן רעפּערטואַר. פאַר יידישע ימים־טובים האָב איך זיך באַמיט צו געפינען עפּעס מעניני־דיומא. אַזוי פלעג איך, למשל חנוכה, פאַר זיי האַלב זינגען און האַלב רעציטירן דאָס באַוווסטע ליד פון מאָריס ראָזענפעלד:

א, איר קליינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
מעשהלעך אָן אַ צאָל...

פאַר אָט דעם ליד האָב איך דעמאָלט באַקומען אַ טאָפּלטע שכר־טירחה: קודם־כל פון מיינע צוהערער עפּעס דאָס האַרץ זיך צו דערכאַפּן, אַחוץ דעם — נאָך אַ באַלוינונג, וואָס האָט מיך בפירוש דערהאַלטן ביים לעבן.

איבער אונדזער בלאָק איז נאָר וואָס געהאַט באַשטימט געוואָרן אַלס בלאָקעלטסטער אַ טייערער און האַרציקער ייד. דער דאָזיקער איידעלער מענטש האָט קיינעם נישט שלעכט באַהאַנדלט. פאַרקערט, ער פלעגט זיך גאָר נאָך בעטן ביי אונדז, מען זאָל אים פּשוט נישט ברענגען צו קיין נסיון, אַז ער זאָל דאַרפן זאָגן שלעכטע ווערטער. „זענען מיר דאָך שוין אַזוי אויך גענוג פאַר־חושכט און געפּייניקט", פלעגט ער מיט צער זיך אויסדריקן. מיט איין וואָרט: אַן אויסנאַם פון אַלע אַנדערע לאַגער־הערשער, ממש אַ למד־וואָוניק. ער האָט, אגב, נישט לאַנג זיך געהאַלטן אין אונדזער בלאָק, קוים עטלעכע וואָכן. ווייזט אויס, אַז פאַר די קאַצעט־דרכים מיט זייערע אכזריותן איז אָט דער גוטהאַר־ציקער ייד בכלל נישט געווען פּאַסיק צו פאַרנעמען דאָס „כסא־הרבנות" פון אַ בלאָקעלטסטן.

ווי אַ פרומער ייד האָט דער דערמאָנטער בלאָקעלטסטער זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך צו פירן יידישקייט. דאָס האָט מען זיך טאַקע פון אים דער־וווסט, אַז ס'איז חנוכה, זעענדיק אין זיין בלאָקשטיבל אָנגעצונדענע קליינע ליכטעלעך.

דער, פאַר מיר גליקלעכער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אָט דער ייד זאָל גראָד דעמאָלט זיין אין בלאָק פון די „קאָנאַדיסטן" און זיך צוהערן צום דער־מאָנטן ליד וואָס איך האָב דעמאָלט געלייענט וועגן חנוכה. דאָס האָט אים אָפּנים דערמאָנט אין די יידישע „וווּנדער פון אַמאָל": מלכות ישראל, יידישע גבורה. ער האָט זיך דערביי אפשר אויך געפרעגט דאָס זעלביקע, ווי אינעם פינאַל פון ליד:

טיף אין האַרצן בענקט עס זיך,
און מיט טרערן פרעגט עס זיך:
וואָס וועט איצטער זיין ?...

פון גערירטקייט האָט ער מיר דערפאַר געוואָלט עפּעס העלפן. זעענדיק מיין נעבעכדיקן הילוך, ווי כ'טראָג אויף זיך אַ דין רעקל מיט אַ שיפּל־היטל אויפן שפּיץ קאָפּ, מעשה סאָלדאַט, און דאָ שטעלט זיך שוין דער ווינטער גאָר וואָזשנע — רופט ער מיך אַריין אין זיין בלאָקשטיבל און דערלאַנגט מיר אַ שפּאָגל נייע קורטקע אויסגעבעט מיט וואַטע, מיט אַ הויכן פאַרמאַכטן קאָל־נער. „נאַ! — גיט ער צו מיר אַ זאָג — טו עס אָן, וועסט דערמיט שוין נישט געפרוירן ווערן — און אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך דערביי צעגאָסן אויף זיין איידל פּנים. — אויך דאָס איז פאַר דיינעטוועגן" — ווייזט ער מיר אָן אויף אַ פּאָר הויזן און אַ נאַרטן־היטל מיט לאַפּן איבער די אויערן. ווי כ'האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט דער ייד די זאַכן געהאַט „אָרגאַניזירט" פאַר זיך אַליין און ער האָט זיי מיר אַוועקגעשאָנקען.

מיין פרייד איז דעמאָלט געווען אין לשער. כ'האָב נישט געגלייבט מיינע אויגן, אַז כ'זאָל האָבן מיט אַ מאָל אַזוי באַגליקט געוואָרן. פּונקט ווי באַנטשע שווייג ביי זיין משפּט פאַרן בית־דין של מעלה, אַזוי האָב איך אויך אין יענער מינוט געמיינט, אַז „ס'איז אַ חלום, וואָס וועט באַלד פאַרשווינדן". ערשט נאָכן דערפילן, אַז ס'איז נישט קיין חלום און די דאָזיקע וווּרטפּולע מלבושים גע־הערן אויף אַן אמת צו מיר, איז מיין שמחה געווען אַזוי גרויס, אַז כ'האָב

פשוט נישט געפונען בעת מעשה קיין ווערטער ווי אַזוי דעם טייערן ייד דערפאַר אָפּצודאַנקען.

— נו — זאָגט ער צו מיר מיט זיין גוטמוטיקייט — נישקשה, וועסט מאָרגן אָונט לכבוד שבת־חנוכה מיט עפּעס משמח זיין דעם עולם אין בלאָק.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, הער בלאָקעלטסטער! — האָב איך תיכף מסכים געווען אויף זיין פאַרלאַנג. און ס'האָט זיך מיר פונעם האַרצן אַרויסגע־גליטשט די ברכה — ס'זאָל אייך תמיד אַקעגנקומען דער שכר פאַר דער מצווה פון דערהאַלטן אַ ייד ביים לעבן.

יעדעס מאָל, שטייענדיק אויפן אַפּעלפּלאַץ אין די פראָסטיק־שנייאיקע זאַוויערוכעס און קעלטן, פלעג איך ווינטשן דערפאַר דעם יידן כל הברכות שבעולם. זעענדיק ווי די אַנדערע הונדערטער קאַצעטלער לעבן מיר וואַרפט עס ממש פון קעלט, האָב איך באַנומען און געפילט נאָך טיפער דעם גרויסן חסד, וואָס דער ייד האָט מיר געטאָן.

דערפאַר האָב איך אויפן בעסטן אופן געוואָלט זיך רעהאַביליטירן לגבי דעם ליבהאַרציקן בלאָקעלטסטן. בלב ונפש בין איך געווען פאַראינטערעסירט דעם אײדעלן מענטשן צו פאַרשאַפן אַ ביסל הנאה. בין איך כמעט יענע גאַנצע נאַכט געווען וואַך, הן פאַר גרויס שמחה צוליבן באַקומען די מתנות פונעם בלאָקעלטסטן, און אויך פונעם טראַכטן, וואָס אַזוינס צוצוגרייטן אויף צו מאָרגנס משמח צו זיין דעם עולם. און ס'איז מיר געקומען אויפן זכרון אַ קידוש־פאַראָדיע, וואָס מיין פאָטער ז"ל האָט מיך אַ מאָל אויסגעלערנט, כדי כ'זאָל דערמיט פריילעך מאַכן זיינע חברים, די חסידים, ביי זייערע פאַרשידענע שמחות. דאָס איז געווען אַזאַ מישמאַש (פּאָפּורי בלע"ז), וואָס פאַרבינדט אויף אַ קאָמישן אופן אַלע יידישע ימים־טובים, פאַרבראָקט מיט פסוקים און תפי־לות. איך האָב געגלייבט, אַז דאָס וועט זיין צוגעפּאַסט פאַרן בלאָקעלטסטנס געשמאַק לכבוד שבת־חנוכה.

אַקטיאָר

בין איך טאַקע געווען גליקלעך צו זען דעם בלאָקעלטסטן, צו וועמען מיינע בליקן און זשעסטן זענען דעמאָלט געווען ספּעציעל געווענדט, ווי אַט דער „קידוש" האָט ביי אים אַרויסגערופן געלעכטער און הייטערקייט.

אַחוץ דעם „קידוש" האָב איך דעמאָלט אויך פּאַרגעלייענט נאָך עפּעס אַ מאָנאָלאָג, מיט דער כוונה ס׳זאָל מיר געראָטן מיט דער קאָמישקייט פון טעקסט אַרויסצורופן אַ שמייכל ביי די פאַרחושכטע מענטשן. אויך שפּעטער, ווי נאָר ס׳האָט זיך דאָרט געמאַכט אַ יומא־דפגרא, אַ פרייע שעה, (אויב ס׳איז חל דערויף דער אויסדרוק), פלעג איך דאָס דערלאַנגען, כדי דעם עולם דער־מיט אַ ווײַלע אויפצוהייטערן און אַרויסברענגען פון דער טאָג־טעגלעכער מרה־שחורה.

אַרויס פון לאַגער און אַריין אין לאַגער

בלויז דאָס געפינען זיך אין יענעם זומערדיקן יוני נאָכמיטאָג אינעם הייל־אַנשטאַלט אין פעלדאַפינג אונטער יידישער אויפזיכט און אָנפירונג איז געווען, ווי אַן אמתע רפואה פאַר דער גרופּע שפּיטאָלניקעס פונעם „שוואַבינג שפּיטאָל" אין מינכען.

ס׳האָט פשוט געהיילט דאָס געפיל פון זיין צווישן יידן און ווערן באַדינט און באַהאַנדלט דורך יידישע מיידלעך, געוועזענע קאַצעטניצעס, וואָס האָבן זיך פרייוויליק אַנגאַזשירט אַלס קראַנקן־שוועסטערס און פאַרנעמען זיך מיט דיר טאַקע ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער. מען האָט אָנגעהויבן פילן דעם באַפרייאונגס־גייסט. ביז אַהער, ווען מ׳איז נאָך אַלץ געווען צווישן דייטשן, געוווינט מיט זיי אונטער איין דאַך און געמוזט הערן און רעדן זייער שפּראַך, האָבן מיר דאָס כמעט נישט געפילט. אַנדערש איז געווען די אַטמאָספער אין פעלדאַפינג, אויף דער יידישער „אויטאָנאָמיע". הגם זי געפינט זיך אויף דייטשישער ערד, איז אָבער די סביבה אַ ריין יידישע (אַחוץ דייטשע דאָקטוירים און אַנדערע דייטשן, נייטיקע צום באַדינען דעם לאַגער, איז פאַר דייטשן דאָרט געווען פאַרבאָטן דער דריסת הרגל). און אַז מען געפינט זיך צווישן יידן, ווערט ממילא אויך יידישלעך אויפן האַרצן, פריילעכער אויפן געמיט און וואַרעמער אויף דער נשמה.

מיטן גאַנצן אַדמיניסטראַטיוון,ווירטשאַפטלעכן און טעכנישן אַפּאַראַט האָבן פאַרשטענדלעך אָנגעפירט יידן אונטער דער ווינציקער השגחה פונעם „דזשאָינט" און שפּעטער די „אונררא". זיי האָבן דאָס געשאַפן דעם קאָמיטעט אָנצופירן מיטן לאַגער, אין דער פאָרם ווי, למשל, אַ יידישע קהילה.

עס האָט זיך אויך געשאַפן אַ „יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט", אין וועל־כן עס זענען געווען פאַרטראַטן מענטשן פון פאַרשידענע אידעאָלאָגישע אָנ־שויאונגען און ריכטונגען. למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ס'האָט גע־הערשט אַן אידילישע באַציאונג צווישן זיי. אַלע האָט פאַראייניקט איין און די זעלביקע אויפגאַבע: צו העלפן די יידן, וואָס זענען געקומען אַהין נאַקעט און באָרוועס, קראַנק, שוואַך און צעבראָכן פון די היטלעריסטישע אויסראָ־טונגס־ערטער, אַ סך אויך פונעם רוסישן „גן־עדן".

עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן וואַרשטאַטן פון שניידער, שוסטער, טיש־לער, עלעקטריקער, מאָלער און אויך באַשפּייזונג־ און באַקליידונג־פּונקטן. דער לאַגער פעלדאַפינג האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ יידישן קיבוץ, וואָס מאַכט דאָ אַדורך די „הכשרה" צו זיין פעאיק און גרייט, ווען ס'וועט קומען די שעה, אויסצופירן די פונקציעס אין אַ פרייער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל.

דער לאַגער פעלדאַפינג האָט זיך געפונען, ווי שוין דערמאָנט, נישט ווייט פון מינכען, ביי דער „שטאַרנבערגער זעע". דאָס איז געווען אַזאַ פּרעכטיק נאַטור־ווינקל, אַרומגערינגלט מיט סאָסנעוואַלד, אַ טייך און לאָנקעס. די היט־לעריסטן האָבן דאָרט אויפגעבויט קאַזאַרמעס־בלאָקן — אַ צענטער פאַר דער היטלער־יוגנט. דאָרט זענען זיי געוואָרן „דערצויגן", ווי אַזוי מען דאַרף פּיי־ניקן און מאָרדן אומשולדיקע מענטשן, און דער עיקר יידן. ס'האָבן זיך דאָרט אויך געפונען אַ גרויסע צאָל ווילעס, מסתמא פאַר די ס.־ס.־פירער. די אַמע־ריקאַנער מאַכט־אָרגאַנען האָבן פון דאָרט משלח געווען די דייטשן און דעם פּלאַץ באַשטימט פאַר אַ יידישן די־פּי־לאַגער. אַזוי אַרום איז מען נאָר וואָס אַרויס פון לאַגער און ווידער אַריין אין לאַגער. אמת טאַקע, אַ לאַגער אָן שטעכלדראָט־פאַרצוימונג, אָן גאַז־קאַמערס און קרעמאַטאָריעס, ווי אין די פריערדיקע לאַגערן, אָבער פאָרט אַ לאַגער. מען האָט ווידער צוגעטיילט וואָס צו עסן, ווו צו וווינען, וכדומה. פאַר די יעניקע די־פּי'ניקעס, וואָס האָבן נאָך נישט פאַרקאָטשעט די אַרבל, נישט געוווסט צו אָרגאַניזירן עפּעס אַ מסחרל,

כדי צו קאָנען זיך דערלויבן דאָס וואָס ס׳האַרץ גלוסט, איז דאָס אוודאי נאָך געווען אַ לאַגער־לעבן.

געווען פון דעסטוועגן אויך אַ צווייטע זייט פון דער מטבע אין לאַגער פעלדאַפינג — אַ נאַטירלעכע דערשיינונג פאַרן „עם הספר״, ווי מיר יידן רופן זיך. אפילו אין אַזאַ מין יידישן ישוב האָבן זיך געפונען קולטור־טוער וואָס טראַכטן און זאָרגן אויך וועגן אַ ביסעלע גייסטיקער שפּייז פאַר די פאַר־בליבענע שריד ופליט׳ס פון דער היטלער־מגפה.

האָבן אין יענע טעג אין פעלדאַפינג זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרופּע יידן, וועמענס הייסער ווונטש און רצון ס׳איז געווען צו טאָן עפּעס אויפן קולטור־געביט אין לאַגער. קיין יידישע ליטעראַטור איז אָבער אין לאַגער בכלל נישט געווען בנמצא. האָבן דאָך די היטלעריסטן געמאַכט שייטערהויפנס און אויף זיי פאַרברענט די יידישע שאַפונגען. טאָ ווי זשע הייבט מען אָן טאָן עפּעס אויפן קולטור־געביט אָן ליטעראַטור?

אַ ייד, לעאָן כ׳ץ, האָט געלאָזט וויסן, אַז ער האָט אַקאָרשט פאַרענדיקט זיינע אָנגעשריבענע דראַמע אונטערן נאָמען „בלוט און פייער״, אויף דער טעמע פונעם לעצטן חורבן. אַזוי ווי יעדער מחבר פון אַזעלכע ווערק, האָט אויך דער דערמאָנטער לעאָן כ׳ץ געוואָלט געבן זיין דראַמע אַ סצענישן תיקון. מהאי טעמא, האָט ער זיך געווענדט צו דער קולטור־קאָמיסיע ביים קאָמיטעט, און פאַרגעלייגט אויפצופירן זיין דראַמע אויף דער בינע. יענע האָבן דאָס גינסטיק אויפגענומען. ראשית, צוליב דעם נאַציאָנאַלן אונטערשלאַק פון דער פּיעסע, שנית, צוליב דער געלעגנהייט אָנצוהייבן אַ שטיקל קולטור־טעטיקייט אינעם לאַגער. איינס און צוויי האָבן זיי גענומען צונויפשטעלן אַן אַנסאַמבל בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן געפילט אַ נייגונג צו טעאַטער־שפּיל, כדי מיט זיי אויפצופירן די דאָזיקע פּיעסע.

אין איינעם אַ פאַרמיטאָג, וואַרטנדיק אינעם קראַנקן־רעוויר, זע איך ווי ס׳קומען דאָרט אַריין דריי יידן: דער פּרעזעס פון קאָמיטעט, דער פאַרשטייער

פון דער קולטור־אָפּטיילונג און דער מחבר פון דער דראַמע „בלוט און פֿייער", און זיי פרעגן זיך אויף דעם „טעאַטראַל פון אוישוויץ".

„דאָס בין איך" — שטעל איך זיך פאַר פאַר זיי — „וועגן וואָס האַנדלט זיך ?". איך בין געווען שטאַרק איבעראַשט פונעם באַזוך ביי מיר פון דער חשובער דעלעגאַציע און כ'האָב אַ טראַכט געטאָן באותו מינוט : אפשר ברענגען זיי מיר עפּעס אַ בשורה־טובה וועגן עמעצן פון מיינע נאָענטע, וואָס האָט זיך אָפּגעפונען. אַזעלכע זאַכן זענען געווען שכיח אין יענע טעג. דער דאָזיקער געדאַנק האָט ביי מיר אַרויסגערופן האַרץ־קלאַפּעניש.

„מיר קומען צו אייך וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין" — ענטפערט מיר דער פּרעזעס, און אַנוווייזנדיק אויפן מחבר פון דער דראַמע, זאָגט ער ווייטער — „פריינט כ'ץ האָט אָנגעשריבן אַ טעאַטער־פּיעסע, וואָס איז מיט איר אינהאַלט אונדז שטאַרק צום האַרצן און איז פּאַסיק אויפגעפירט צו ווערן אויף דער בינע. ס'איז שוין אפילו פאַראַן אַן אַנסאַמבל דערצו, ס'פעלט אָבער דער רעזשיסער, וואָס זאָל דאָס אויפברענגען אויף דער בינע".

לכן, לייגן זיי מיר פאָר, איך זאָל דאָס טאָן, ווערדליק זיי האָבן געהערט, בין איך, זאָגן זיי, דערוויייל דער איינציקער באַרופענער דערצו. דערמיט, זאָגן זיי ווייטער, וועל איך מתקן זיין עטלעכע נוצלעכע און וויכטיקע זאַכן : קודם־כל, צוריק אויפלעבן יידישע קולטור, שנית, אַרויפברענגען אויף דער בינע און באַווייזן אַ יידישע שאַפונג נאָך אונדזער גרויסן חורבן, און ועל כולם, מהנה זיין יידן מיט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס מען האָט אַזוי פיל יאָרן נישט געקאָנט זען. די דעלעגאַציע האָט דערביי זיך מתחייב געווען צו באַזאָרגן, ווי ווייט מעגלעך, די נויטיקע עלעמענטן פאַר דעם צוועק.

הלמאי זאָל איך לייקענען ? איך בין געווען זייער צופרידן פון דער מיסיע, וואָס קהל וויל מיר אָנפאַרטרויען, און הגם כ'האָב דערפילט עפּעס אַ מין „קטונתי", און נישט געקוקט אויף מיין נאָך שוואַכן פיזישן מצב, האָט דער ענין מיך שטאַרק געלאָקט, מיך געמוטיקט און אפילו אָנגעפילט מיט כוח.

איך האָב בכן תיכף מסכים געווען צו קומען אויף דער לייענונג פון דער פּיעסע פאַרן קאָלעקטיוו, און אויב איך וועל זיך פילן ביכולת זיך אונטערצונעמען זי אויפצופירן, וועל איך דאָס טאָן בלב ונפש. געטראַכט האָב איך: קודם־כל, לאָמיך הערן לייענען די פּיעסע און זען מיט וואָס דאָס שמעקט. וואָס איז דאָ פאַראַן צו ריזיקירן?

מיין הלבשה איז נאָך אַלץ געווען די שפּיטאָל־בגדים פונעם „שוואַבינג שפּיטאָל" אין מינכען. צוליב דעם אַרויסדרייען זיך פון דאָרט יענעם טאָג און אַריבערפּעקלען זיך אין לאַגער פעלדאַפינג, האָב איך נישט באַוויזן צוריק צו באַקומען פון דאָרט מיינע מלבושים און אַזוי אַרום בין איך געבליבן אין דעם, וואָס איך האָב אויף זיך געטראָגן. טאָ ווי קאָן מען קומען צום קאָלעקטיוו און זיך באַווייזן אין אַזאַ נעבעכדיקן הילוך? דאַרף איך דאָך, ווי מען שמועסט, זיין זייער רעזשיסער, צו וועלכן מען דאַרף האָבן אַ שטיקל באַציאונג, און מיין בידנער מעמד קאָן זיך שלעכט אָפּרופן אויף דער זאַך גופא.

אַ פּנים, אַז די דעלעגאַציע האָט דאָס אויך פאַרשטאַנען, און אויף צו־מאָרגנס, עטלעכע שעה פאַר דעם ווען ס'איז באַשטימט געוואָרן פאַרצולייענען די פּיעסע, האָט מען מיך מכבד געווען מיט מענטשלעכע מלבושים פון קאָפּ ביז די פיס. איך בין אַוועק הערן די פּיעסע מיט פרייד, הן פון דעם פון פאַרויס באַקומענעם שכר פאַר מיין נאָכנישט־געטוענער אַרבעט, הן וואָס די מענטש־לעכע הלבשה האָט מיר צוריקגעגעבן אַ שטיקל לייטישן אויסזען, און דער עיקר — פון נעמען אויף זיך אַזאַ הייליקע שליחות, צו שטעלן אפשר די ער־שטע יידישע טעאַטער־פאַרשטעלונג מיט די באַפרייטע קאַצעטלער, אַ זאַך וואָס איז מיר געווען שטאַרק צום האַרצן.

צו דער באַשטימטער שעה זענען געווען פאַרזאַמלט ביים פּרעזעס אין שטוב דער געשאַפענער טעאַטער־אַנסאַמבל און אויך די פאַרשטייער פון דער קולטור־אָפּטיילונג. נאָכן פאַרשטעלן מיך דורכן פּרעזעס פאַר די אַנוועזנדיקע, האָט דער מחבר לעאָן כ״ץ גענומען לייענען זיין פּיעסע.

ווי ווייל כ׳האָב געהאַט אַ ביסל טעאַטראַלע פּראַקטיק נאָך פון מיינע יונגע יאָרן און כ׳בין אפשר געווען אַ קאַפּיטשקע טעאָרעטיש באַהאַוונט אין דער טעאַטער־קונסט און געוווּסט אַז, על פּי רוב איז ביי דער עבודה פאַראַן טרעמע — מוז איך אָבער מודה זיין, אַז פאַרן הערן יענעם מאָל די פּיעסע, איז מיך באַפאַלן אַ דאָפּלטער פּחד. קודם־כל, צי וועל איך אין שטאַנד זיין אויסצופירן די אויפגאַבע, וואָס מען לייגט אַרויף אויף מיר — נעמען אַ פריש־געבאַקענע פּיעסע, קיין מאָל נישט געזען, נישט געהערט, און מאַכן דערפון אַן אויפפירונג, וואָס מען זאָל עס קאָנען באַווייזן פאַר לייטן. ווי הויך עס גרייכן ביים געשאַפענעם טעאַטער־אַנסאַמבל די שוישפּילערישע פעאיקייטן — האָב איך אויך נאָך נישט געקאַנט וויסן. אמת טאַקע, זייער פיזישער אויסזען געפעלט מיר זייער: גאַנץ סימפּאַטישע בחורים און מיידלעך, כ׳לעבן. אַלץ איז ווויל און פיין. צו טעאַטער פאָדערט זיך אָבער נאָך אַזאַ קלייניקייט ווי טאַלאַנט. אַ חוץ דעם, טראַכט איך, ווער ווייסט, וואָס דער מחבר פון דער פּיעסע האָט באַוויזן צו שאַפן? צי וועט דאָס בכלל זיין אַ מאַטעריאַל ראוי אויפצופירן אויף דער בינע? אַזעלכע און ענלעכע געדאַנקען האָבן מיך דע־מאָלט באַהערשט און געמאַטערט. אָבסערוווירנדיק אָבער דעם קאָלעקטיוו און זעענדיק מיט וואָסער אינטערעס און ערנסט זיי האָרכן זיך צו צום געלייענטן, האָב איך באַקומען מוט און זיך עטוואָס באַרואיקט. אויך דער טעקסט האָט מיר אָנגעהויבן געפעלן צו ווערן און כ׳האָב געטראַכט: אפשר? אפשר וועט דערפון עפּעס אַרויסקומען?

די פּיעסע איז אויך אַלעמען געפעלן געוואָרן. דער מחבר האָט געהאַט גוטע כוונות און טאַקע אויך געלונגענע איינפאַלן. ער האָט אין אָט דער דראַמע אַרויסגעבראַכט אַ סך טעאַטראַלע און שפּאַנענדיקע מאָמענטן. דער סיפּור־המעשה האָט פאָרגעשטעלט אַ בילד פון אַ באַלעבאַטישער יידישער שטוב אין פּוילן פאַרן לעצטן חורבן. דער פּערסאָנאַזש: טאַטע, מאַמע, זין און טעכטער. איינער פון די זין — אַ חלוץ, וואָס האָט שוין געהאַט אַדורכגעמאַכט אין אַ קיבוץ די „הכשרה״, האָט כסדר געפּרוווט צורעדן זיינע עלטערן, זיי זאָלן פאַר־

לאָזן די פוילישע ערד, וואָס האָט וועדליק זיין מיינונג, שוין געברענט אונטער די פיס. ער האָט פאַרלאַנגט פון זיינע עלטערן, זיי זאָלן אַלץ ליקווידירן און פאָרן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל. זיינע עלטערן זענען געווען גוט סיטואירט, געהאַט פרנסה בריווח, האָט זיי ווייניק געלאָקט זייער זונס פּלאַן און זיי האָבן אים טאַקע נישט געפאָלגט. לסוף איז דער זון אַליין אַוועקגעשיקט געוואָרן דורך זיין קיבוץ קיין ארץ־ישראל.

מיטן אָנקומען פונעם היטלער־חורבן האָבן זיינע עלטערן, אַזוי ווי מי־ליאָנען אַנדערע יידן, געענדיקט זייער לעבן אין גאַזקאַמערן, אָדער ערגעץ אַנדערשוווּ. ס׳איז געבליבן לעבן בלויז איין טאָכטער, וואָס האָט זיך געראַ־טעוועט פונעם קאַלך־אויוון. איר ברודער, דער חלוץ פון ישראל, וואָס איז שוין דורך דער צייט געוואָרן אַן אָפיציר אין דער „הגנה", האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צו קומען קיין פוילן אויף אַ קורצער צייט, כדי צו זען, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט זיין פאַמיליע. צו זיין גרויסן צער האָט ער אָבער קיינעם פון זיי נישט געטראָפן. ער האָט בלויז געהערט אַ קלאַנג, אַז זיין יינגסטע שוועסטער זאָל זיך געפינען אין דייטשלאַנד אין אַ די־פּי־לאַגער. ער קומט קיין דייטשלאַנד, געפינט טאַקע זיין שוועסטער און נעמט זי מיט קיין ארץ־ישראל.

ווי ס׳איז צו זען, איז דער תוכן און סוזשעט פון דער דאָזיקער פּיעסע געווען נישקשהדיק טעאַטראַליש. דערצו נאָך מיט אַ מוסר־השכל, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ סגאַל דראַמע. אַלץ וואָלט געווען ווויל און פיין, ווען נישט דאָס, וואָס דער מחבר האָט באַלאָדן זיין דראַמע מיט צו פיל לאַנגע מאָנאָלאָגן, אַ זאַך, וואָס איז תמיד „סם" הן פאַרן אַקטיאָר און אויך פאַר דער אויפפירונג גופא.

אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון פון דער אחריות, וואָס איך דאַרף אויף זיך נעמען מיט אָט דער אויפפירונג, איז געווען ביי מיר אַן אַמביציע צו באַווייזן די ערשטע פּיעסע נישט ווי אַ קריפּל. האָב איך טאַקע מסכים געווען אויפ־

צופירן די פּיעסע בתנאי, אַז דער מחבר זאָל דערלויבן צו קירצן די מאָנאָלאָגן ביזן תמצית, פאַרוואַנדלען זיי אין קלענערע דיאַלאָגן, אָדער אין גאַנצן אַרויס־וואַרפן. בקיצור, דער מחבר האָט, בלית ברירה, מסכים געווען נאָכצוקומען מיין פאָרשלאָג, און נאָך אַ ביסל צייט מעיין־זיין פון מחבר, צוזאַמען מיטן פאַר־שטייער פון דער קולטור־קאָמיסיע און מיין ווייניקייט, איז מען ענדלעך צו־געטראָטן צו די פּראָבן.

קלאָר, אַז כדי די פּיעסע זאָל דערזען די שיין, קומען אויף דער בינע, האָט זיך געפאָדערט אַ שפּאַרער מסירת־נפשדיקער אָנשטרענג. קודם־כל, איז געווען גרויס די האַרעוואַניע איבער דער פּיעסע גופא: געמוזט זיך ברעכן דעם מוח פאַר דער מיזאַנסצען, באַפּוצן זי מוזיקאַליש און אַריינפלעכטן לי־דער־טעקסטן צוגעפּאַסטע צו דער האַנדלונג. צו דעם אַלעם זענען נאָך צו־געקומען אַנדערע דאגות און קאָפּדרייעניש.

מ׳האָט זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז נישטאָ פאַראַן קיין פּאַסיקער זאַל וווּ אויפצופירן די פּיעסע, סיידן אין אַן אומגעהויער לאַנגער הילצענער בודע, וועלכע האָט געקאָנט אַריינעמען אין זיך אַ צוויי טויזנט מענטשן. די דאָזיקע געביידע איז פאַר די ימים־נוראים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שיל, ווו יידן האָבן מתפּלל געווען. יום־כּיפּור האָט מען אפילו געהאַט דעם כּבוד צו האָבן דאָרט ווי אַ גאַסט דעם גענעראַל אייזנהאַוער גופא. ער האָט דאָרט געהאַלטן אַ דרשה, וואָס קיינער, אַחוץ דעם דאָלמעטשער, האָט נישט פאַרשטאַנען. ער איז געקומען אַהין אַריינצוואַרפן אַ פּאָר טרייסט־ווערטער פאַר די פאַרזאַמלטע יידן, געוועזענע לאַגערניקעס, וואָס געפינען זיך נאָך אַלץ אין לאַגערן: „נישט געדאגהט, יידעלעך, ס׳וועט נאָך גוט זיין. גאָט איז אַ פּאָטער און אַמעריקע איז אַ גרויס און מעכטיק לאַנד״. איז וויבאַלד אַזעלכע דיבורים קומען פונעם באַפרייער אונדזערן, בכבודו ובעצמו, טאָ וואָס זשע דאַרף מען נאָך בעסער? איז מען דאָך, הייסט עס, שוין אויסגעזאָרגט...

עטלעכע וואָכן פּראָבן האָבן געגעבן גאַנץ גוטע רעזולטאַטן. די אַמאַטאָרן־שוישפּילער האָבן נישקשהדיק באַהערשט זייערע ראָלן, און מען האָט גענומען אַ טראַכט טאָן וועגן דער דאַטע פון דער פּרעמיערע.

כמעט אַלע איינוווינער פון פעלדאַפינג זענען געקומען צו דער פּרעמיערע. זיי זענען געקומען אָנקוקן דאָס וווּנדער צווישן אַלע וווּנדערס — אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג פון קאַצעטלער פאַר קאַצעטלער! אַלע ווי איינער האָבן געשטראַמט צו דעם זאַל. און פאַרוואָס טאַקע נישט? האָט מען דאָך אַזוי לאַנג נישט געהאַט די זכיה צו זען אַ יידיש טעאַטער.

אַחוץ דעם, האָט די פאָרשטעלונג געהאַט אַן אָנגענעמע איבערראַשונג. מיט עטלעכע שעה פריער איז אָנגעקומען קיין פעלדאַפינג דוד בן־גוריון. דער פּרעזעס פון לאַגער, פריינט דודקעוויטש (אגב דער סופלער פון דער פּיעסע) האָט אים מיטגעבראַכט אין זאַל אַריין, בכדי אויסצונוצן די גוטע געלעגנהייט וואָס אַלע יידן זענען דאָרט פאַרזאַמלט און ס'איז דער שעת הכושר זיי מהנה צו זיין מיט אַ פאַר טרייסטווערטער. פאַראייניגעס איז עס אויך געווען די געלעגנהייט פאַר אַ פאַר ברידערלעכע גרוסן פון ארץ־ישראל.

פאַר דער פאָרשטעלונג האָט אונדזער פּרעזעס געמאָלדן, אַז דער ספּעקטאַקל וועט זיך אָנהייבן מיט אַ געוויסער פאַרשפּעטיקונג, מחמת דעם, וואָס מיר האָבן דעם כבוד צו האָבן דאָ אין זאַל אַלס גאַסט דעם גרויסן ציוניסטישן מנהיג דוד בן־גוריון! דער איבערראַשטער עולם האָט אויפגענומען דוד בן־גוריונען מיט גרויס ענטוזיאַזם, מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן און אָוואַציעס. האָבן פאַר זיך אַזאַ פּערזענלעכקייט איז אין אַלע צייטן געווען אַ געשעעניש, אַ פּשיטא אין יענע אומעטיקע טעג, ווען מען האָט געגאַרט צו הערן אַ וואָרט פון טרייסט און האָפענונג וועגן אונדזער פּערזענלעכן ווי אויך פאָלקישן ווייטערדיקן גורל און אויך אָפּנעמען אַ גרוס פון די קעמפער פאַר אַ צוקונפטיקער יידישער מדינה.

איז דעריבער נישט געווען קיין חידוש, וואָס דער עולם איז געזעסן ווי צוגעשמידט צו די פּלעצער און אויסגעהערט זיין רעדע. הגם דוד בן־גוריון האָט גוט געוווּסט און פאַרשטאַנען, אַז קיין טרייסט צום אומגליק איז נישטאָ, איז אָבער דערפאַר זיין רעדע געווען פול מיט בטחון וועגן דעם לאַנד, וואָס וועט בקרוב ווערן די שטענדיקע היים פאַרן גערודפטן און געפּלאָגטן יידישן פאָלק, וואָס איז צו אונדזער גליק און פרייד אַביסל צייט שפּעטער געוואָרן אַ יש, אַן עוקץ טרייסט נאָך אוישוויץ...

ערשט נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג, אַן אויפפירונג פון אַ יידישער פּיעסע אין וועלכער די אַקטיאָרן זענען געוועזענע קאַצעטלער און די צושויער — דאָסגלייכן.

אַ פֿאַרשטערטער סדר

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ס׳איז מיר אויסגעקומען בייצו־וווינען אַ סדר אין איינער פֿון די שטעט אויף קאָט ד׳אַזיר. כ׳בין נאָרוואָס דאָרט געוואָרן אַ תּושב, ווען איינער פֿון מיינע, צו יענער צייט נאָך ווייניקע פֿריינט האָט מיך פֿאַרבעטן קומען צו אים אויפֿן סדר. איך בין אַהין אַוועק מיט צופֿרידנקייט און נייגיר.

אַחוץ מיר, זענען נאָך געווען פֿאַרבעטן עטלעכע פֿאַמיליעס, מיט וועלכע איך האָב זיך נישט געקענט. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז מיר אַלע זאָלן זיך גלייך דערפֿילן ווי מיטגלידער פֿון איין משפּחה, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט די געלעגנהייט צו טרעפֿן זיך צוזאַמען אויף איין אָרט און איצט איז עס געשען ביי דעם יום־טובדיקן טיש פֿון פּסח־סדר.

די שטוב איז געווען אַ רחבֿותדיקע, אַ ליכטיקע, אַ יידיש־היימישע. מ׳האָט גלייך דערפֿילט, אַז דאָ פֿעלט גאָרנישט, הן מצד פּרנסה, הן פֿון רעספּעקט פֿאַר יידישער טראַדיציע. די דאָזיקע שטימונג איז בלי ספֿק געווען די סיבה פֿאַר־וואָס די פֿאַרזאַמלטע ביים טיש האָבן נישט בלויז צוגעהערט זיך צו דער גע־שיכטע פֿון יציאת־מצרים, נאָר אויך אַליין גענומען דערציילן...

די גוטע ריחות פֿון דער אַלטער היים האָבן גענומען אָנפֿילן די דאָזיקע רחבֿותדיקע דירה אינעם מאָדערנעם לוקסוס־הויז, נישט ווייט פֿון ים. דעם „הים ראה ויינס" וואָס מען האָט זיך אים תּמיד פֿאָרגעשטעלט אינעם דמיון, האָבן מיר איצט געהאַט נישט ווייט פֿון דאַנען. יעדער האָט עפּעס דערציילט, און אַזוי אַרום אויפֿגעלעבט די צייט פֿונעם אַמאָליקן פּסח, דעם פֿאַר פּסח,

וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אָנשטעלן אַ פעסל בורעקע־באָרשט, מיט אויסקאָלכן די שטוב, מיט איינלייגן אין פלעשער ראָזשינקעס אויף ווייַן פאַר די ארבע־כוסות.

עס איז אַוועק אַ דערמאָנען זיך, ווי מ'האָט דאָס אין די שרעקלעכע יאָרן פון נאַצישער פּיין געבענקט נאָך די שיינע סדרים און ווי אַזוי דאָס דערמאָנען דעם זמן חרותינו האָט געשטאַרקט דאָס ביסעלע בטחון, אַז מען וועט אויך איבערלעבן דעם גרויזאַמען היטלער־רוצח און אַרויס, ווערן צוריק פרייע מענטשן.

— דאָס איז געווען נישט בלויז אַן ענדערונג פון דער דרויסנדיקער דעקאָראַציע — האָט דער בעל־הבית איבערגעריסן די טרויעריקע געשיכטעס פון דער נאַצי־צייט און צוריקגעפירט דעם שמועס צו דער אַלטער היים פון דער נאָרמאַלער צייט — נאָר אויך אַ באַנייאונג פון דער נשמה, פון אַ גלויבן אין אַ באַפרייאונג פאַר אונזער פאָלק, וואָס מוז און וועט קומען. דאָס איז געווען איינער פון די הויפּט־זיילן, אויף וועלכן ס'האָט זיך געהאַלטן אונדזער לעבן. טאַקע פאַרנומען זיך מיט וואָכעדיקע זאַכן, מ'האָט באַשטעלט נייע מלבושים, אָנגעגרייט ציבעלעס, אייער, מצות, און ביי פרומע יידן אויך מצות־שמורה, וואָס זענען געבאַקן געוואָרן ערב פסח פאַרמיטאָג דורך די חסידים אַליין, געוואָלגערט אַליין מיט אייגענע הענט, און דאָס אין אַזאַ איילעניש און ברען, ס'זאָל חלילה קיין רגע נישט בלייבן ליידיק ביז די מצה איז געקומען אין אויוון אַריין — און דאָך איז אין דער פשוטקייט פון די זאַכן געווען טיפער אינהאַלט.

— מצה־מעל האָט מען געשטויסן אין אַ מערזשל, קיין גרייט מצה־מעל אויף קניידלעך ווי היינט איז נישט געווען. און ערשט דאָס בודק־חמץ זיין אַן אָוונט פריער פאַר ערב פסח! און צומאָרגנס, דאָס נישט טאָרן עסן, נישט קיין חמץ און נישט קיין מצה, נייערט באָרשט מיט קאַרטאָפל געשמאַלצן מיט גריוון, וואָס די מאַמעס פלעגן אָנגרייטן נאָך חנוכה־צייט. און דער קערשן־זאַפט? אַ האַלב יאָר פריער האָט מען געגרייט זיך לכבוד פסח.

— און צי ווייסט עפּעס וועגן דעם דער ברייטער עולם און דער יונגער דור, די וואָס קענען נישט די געשיכטע? — האָט געפֿרעגט מיין פֿריינט, אַ דאַנק וועלכן איך בין פֿאַרבעטן געוואָרן צו דעם סדר — צי זענען מיר מקיים די מצווה פֿון „והגדת לבנך”, זאָלסט דערציילן די קינדער דיינע, סאַרע רייכע געשיכטע מיר יידן האָבן, סאַרע אכזריותדיקע תקופות מיר האָבן מיטגעמאַכט און איבערגעלעבט אַפֿילו נאָך פֿאַר דער שואה? פֿאַראַן גענוג אַזעלכע וואָס ווילן ביסלעכווייז פֿאַרגעסן אָדער מאַכן זיך פֿאַרגעסן, די שואה — קעגן וועלכער יציאת־מצרים איז געווען אַ בלאַסער אומגליק. און דאָך איז דערויף געזאָגט געוואָרן „כל המרבה לספר הרי זה משובח” — דער וואָס דערציילט מערער דערוועגן, דער איז געלויבט. אָדער „בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים”. אין יעדן דור דאַרף יעדער זיך זען ווי ער אַליין וואָלט אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים. אַ פּשיטא דער חורבן־אומגליק.

— שבת הגדול — האָט דער בעל הבית צוריק גענומען אַ וואָרט — פֿלעגט ביי אונדז דער רב תמיד האַלטן אַ דרשה בנוגע פּסח. ער פֿלעגט זאָגן ווי אַזוי כשרן די כלים, ווי אַזוי די ווייבער דאַרפֿן צוערשט גוט אָפּרייבן די כלים און ברענגען זיי אויפֿן נייעם מאַרק צום כשרן אַ טאָג פֿאַר ערב פּסח, און די וועלכע האָבן נישט באַוויזן דאָס צו טון פֿריער — אַפֿילו ערב פּסח. דער רב אין שטעטל וועלכער איז ל״ע געווען אַ קנאַפּער פּויליש־רעדער, איז איין מאָל, בעת ער איז געגאַנגען אַ געוויסן פּרימאָרגן כשרן דעם באַק־אויוון פֿאַר מצות, וואָס האָט זיך געפֿונען אינעם זעלביקן הויז ווי די פּאָליציי־קאָמענדאַטור, האָט ער זיך באַגעגנט מיטן קאָמענדאַנט פּנים אל פּנים. יענער האָט אים באַגריסט מיט אַ „דזיען דאָברי פּאַניע ראַביניע. גדזשע טאָ פּאַן ראַבין אידזשע טאַק ווטשעשניע?” (גוט מאָרגן, הער רב, ווו גייט דאָס דער הער רב אַזוי פֿרי?).

— יאַ איזדשע טו דאָ טעגאָ יאַסלאָ קאַשיראָוואַטש פּיעס (איך גיי דאָ צו דעם יאָסלען כשרן דעם אויוון — האָט עס געזאָלט הייסן). „פּיעס?”, איז דער קאָמענדאַנט געבליבן נשתומם: „צו וואָס דאַרף דאָס דער ראַבין כשרן יאָסלס הונט?”.

אגב האָט ער יענעם הונט גוט געקענט, „לאַטעק״ האָט מען אים גערופֿן. דעם נאָמען האָט ער באַקומען, ווייל ער פלעגט אַרויסלקחנען אין אַ מאַרק־טאָג די קאַלבאַסן וואָס די פויערטעס האָבן זיך אָנגעקויפט און אַנידערגע־שטעלט אין די קייבערלעך. ער האָט עס אַזוי קונציק אַ צי אַרויסגעגעבן אומ־באַמערקטערהייט און דערמיט אַנטלאָפן צו זיך אין דער בודע. און טאָמער האָט מען עס באַצייטנס דערשנאַפט און אים נאָכגעיאָגט, פלעגט ער אַדורכבייסן דעם רונדיקן קאַלבאַס אויף דער העלפט, איבערגעלאָזט אַ האַלבן און מיטן אַנדערן האַלבן אַנטלאָפן צו זיך. „חצי שלי וחצי שלך״... אַזוי, אַז דער נאָמען „לאַטעק״ האָט אים פונקט געקליידט... אָבער פאָרט איז פאַרן קאָמענדאַנט נישט געווען פאַרשטענדלעך די מעשה מיטן כשרן דעם „לאַטעק״. אָבער, אַז דער ראַבין טוט עס, מן הסתם ווייסט ער וואָס ער טוט.

דער זעלביקער רב, האָט ווייטער דערציילט אונדזער גאַסט־געבער, וואָס איז ווי געזאָגט, נישט געווען קיין וואַזשנע פויליש־רעדער, האָט אָבער איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין יאָר באַדאַרפן פאָרט רעדן אַ פּאָר פוילישע ווער־טער ווי למשל: בעת אַ נאַציאָנאַלן מלוכה־יום־טוב: דעם 11־טן נאָוועמבער, דעם 3־טן מאַי, ווען ס׳איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַ צערעמאָניע אין שיל אין אָנוועזנהייט פון פוילישע שטאָטישע פאָרשטייער. דער חזן מיט די משוררים פלעגן דאַן זינגען „ניע זשוטשים זשעמי ס׳קאָנד נאַש רוד״. דער רב האָט דער־נאָך גערעדט אין זיין גאָרניט וואַזשנעם פויליש און ווען ער האָט געענדיקט האָבן די פוילישע פאָרשטייער אויסגערופן מיט בראַוואָס „ניעך זשיע ראַבין״; אַלע האָבן מיטגעהאָלפן „ניעך זשיע, ניעך זשיע״ *) און דער רב מחמת עניוות האָט אָפּגעענטפערט: „ניע טשעבאַ, ניע טשעבאַ״... **).

אַן אַנדערער פון די איינגעלאַדענע געסט צום סדר האָט דערציילט ווי אַזוי די חסידים אינעם גערער־שטיבל ביי זיי אין שטעטל האָבן געפּראַוועט

---

*) זאָל לעבן דער רב.

**) מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט.

די צווייטע טעג פסח דעם יציאת־מצרים. דאָס שטיבל האָט זיך געפונען אין דער אָפּיצינע פון דער קאָמעניצע מיטן בלעכענעם דאַך פון לאָמען נחמן. אויפן הויף האָט זיך אויך געפונען אַן אייגענע פלומפּ מיט גוט טרונק־וואַסער. פאַרן ווען נוצן דאָס דאָזיקע גוטע וואַסער האָבן מענטשן געמוזט באַצאָלן מיט שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, כדי נחמן זאָל האָבן מיט וואָס צו פאַשען די בהמות וואָס ער האָט פאַרמאָגט. בלויז די שכנים די איינוווינער פונעם הויז און פאַר־שטייט זיך אויך די חסידים פונעם גערער־שטיבל האָבן געהאַט די פּריווילעגיע צו נוצן וואַסער בשפע אָן צו באַצאָלן מיט קאַרטאָפל־שאָלעכץ.

אויפן זעלביקן הויף האָבן זיך געפונען פעסלעך מיט סמאָלע אויף צו שמירן די דעכער, און אויך אַזעלכע אָן סמאָלע אָנגעפילט מיט וואַסער, בכדי זיי זאָלן זיך נישט צעפאַלן פון טריקעניש. כדי געננוי אונטערצושטרייכן דעם „בצאת ישראל ממצרים", ווי אַזוי די יידן זענען אַדורכגעגאַנגען דעם ים, וואָס האָט זיך געשפּאָלטן דורך משה רבינו'ס שטעקן, פלעגן די חסידים אַריינקוי־לערן די פעסלעך וואַסער אינעם שטיבל אַריין, דאָרט זיי אויסגעגאָסן, און גע־שפּרייזט אַהין און צוריק אינעם וואַסער כמעט ביז די קני, זינגענדיק דער־ביי מיט גרויס עקסטאַז דעם „בצאת ישראל". איינער אַ חסיד האָט אַמאָל אין גרויס איילעניש אויך דאָרט אַריינגעקוילערט אַ פעסל מיט סמאָלע און עס אויסגעגאָסן ווי די אַנדערע מיטן וואַסער. נו, נו, איז דאַך איבעריק איבערצו־געבן ווי אַזוי די התלהבותדיקע חסידים האָבן דערנאָך אויסגעזען מיט זייערע שיך און הויזן פאַרסמאָלעטע ביז דער קני. אָבער דאַך איז קיינמאָל דערנאָך נישט אויפגעגעבן געוואָרן דעם מנהג פון מקיים זיין דעם יציאת־מצרים אויף דעם אופן.

אַ געוועזענער דעפּאָרטירטער האָט געגומען דערציילן ווי אַזוי אַ רב, אַן אָפּשטאַמיקער פון אונגאַרן, האָט „געפּראַוועט" דעם סדר אין לאַגער 11 נעבן דאַכאַו. פאַרן באַקומענעם שטיקל ברויט פון עטלעכע טעג האָט ער זיך איינ־געשאַפט קאַרטאָפל, זיי אָפּגעבערענט אין אויוון פאַר אַ „זרוע" און פאַראיינ־ווענס עס אויך גענוצט אַלס רפואה אויף דיזענטעריע (שילשול) פון וועלכע

ער האָט געליטן, און פון וואָס אַ סך קאַצעטלער זענען אומגעקומען. ווײַן אויף ארבע כוסות האָט ער פאַרטראַטן מיט די געפּאַנטשטע קאַפּע. מרור? — האָט ער געזאָגט — מיט דעם איז מען שוין פאַרזאָרגט איבערגענוג דורך די קאַ־פּאָס און ס.־ס.־לײַט. פאַר כרפּס, האָט ער געניצט אַ שטיקל מייער, מיט וועלכן ער האָט זיך באַזאָרגט מיט אַ פּאָר טעג פריער. די הגדה האָט ער געקענט פון אויסנווייניק. האָבן זיך אַרום אים פאַרקרענצלט אַביסל לאַגערניקעס, געשטעלט זיך ביי זיין בוקסע — און יעדן מאמר מיטגעזאָגט, מיטגעקרעכצט.

— עס האָט דערמאָנט אין די אנוסים־מאַראַנען בעת די שפּאַנישע אינ־קוויזיציעס, ווו אַ סדר האָט געשמעקט מיט סכנות־נפשות. און דאָך איז עס גע־טאָן געוואָרן. יידן האָבן שוין אַזויפיל אכזריותדיקע גזירות און פיינען איבער־געלעבט, האָט דער רב אונדז געטרייסט, וועט מען די נאַציס אויך איבער־לעבן. דער עיקר — בטחון! געדענקט יידן, שטאַרקט זיך, די גאולה איז שוין נישט ווייט. מחמת ס׳איז שוין באמת „באו מים עד נפש״.

דאָס איז טאַקע געווען דער לעצטער פּסח אין קאַצעט, ווייל דעם 30־טן אַפּריל זענען מיר באַפרייט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי. מיר האָבן דערמאָנט די נבואה פונעם רב פון אונגאַרן יענעם פּסח אין לאַגער. אגב האָט מען דעם רב שפּעטער, נאָך דער באַפרייאונג, געטראָפן אין די־פּי־לאַגער פעל־דאַפינג. ער איז דאָרט געוואָרן דער מרא ד׳אתרא, און אפילו אויסגעבאָרגט זיין טלית דעם „עמך״־טעאַטער פאַר דעם „מיראַפּאָליער צדיק״, בכדי אַרויס־צוטרייבן דעם „דיבוק״ וועלכן מיר האָבן דאָרט אויפגעפירט.

בכדי אַריינצוברענגען אַ ביסל הייטערקייט האָט דער בעל הבית דערציילט, אַז ביי אים אין שטעטל האָט דער בעל־עגלה, דער „געלער הענעך״ אָפּגעריכט דעם סדר אויף אַזאַ אופן, אַז אַנשטאָט די הגדה, האָט ער גאָר געזונגען די לי־דער פון גלית־שפּיל: „איך בין גלית דער גרויסער העלד, פאַר מיר מוז צי־טערן די גאַנצע וועלט, איך בין איינער און ווייטער איז קיינער, איך האָב אין

מיר העלדישע ביינער, איך האָב אין מיר קעלט און היץ, אַז איך גיב אַ געשריי גיט אַ דונער און אַ בליץ״.

איך האָב זיך צו דעם אַלעם צוגעהערט אויפֿמערקזאַם. בשעת מעשה איז מיר געקומען אויפֿן דמיון דער סדר ביי אונדז אינדערהיים, בעת מיין הייליקער פֿאָטער איז געזעסן אויפֿן העסע־בעט אין כתר־מלכות, אָנגעטאָן אינעם קיטל מיטן ספּעציעלן ווייסן קאַפּל אויסגעהאַפּטן מיט גאָלד און זילבער ״סדר לפּסח״. מיין האַרציקע מאַמע האָט געזאָרגט אַז בשעת דער ״מלך״ פֿירט זיין ״מלוכה״ זאָל עס זיין בשלימות, ס׳זאָל קיין ברעקל נישט פֿעלן צום זכר ליציאת מצרים. מיין צדקותדיקע מאַמע, וואָס ״האָט אָנגעטאָן אויף איר פּנים דעם שמייכל״, האָט אַלץ צוגעגרייט און געשיינט ווי אַן אמתע ״מלכה״ זיצנדיק אַרום סדר־טיש. מיין טאַטע, דער ״מלך״, האָט פֿאַרטייטשט כמעט די גאַנצע הגדה און דער עיקר געגעבן צו פֿאַרשטיין און אויסגעטייטשט דעם ״עבדים היינו״, אַז אויך די מאַמע, ווי מיר קינדער, זאָלן פֿאַרשטיין און באַגרייפֿן וואָס ס׳איז געשען מיט די יידן אין מצרים. דער ייִנגסטער פֿון אונדז האָט געהאַט די זכיה און פּריווילעגיע צו פֿרעגן די קשיות און אויך זיך געקליגט אַפּויערצוגנבענען דעם אפיקומן פֿון אונטערן קישן כדי פֿונעם טאַטן צו באַקומען חול־המועד אויסלייז־געלט אויף צו קויפֿן ניסעלעך.

בכלל האָט מיין פֿאָטער נישט בלויז געזאָגט די הגדה נאָר זי ממש אויסגעזונגען. פֿאַר יעדן פּזמון האָט ער געהאַט זיין באַזונדערן ניגון וועלכן מיר, קינדער, האָבן שוין געקענט און מיטגעזונגען. נעמענדיק אָבער דעם כוס אין האַנט צום פּסוק ״והיא שעמדה״, פֿלעגט ער עס זאָגן מיט אַזאַ ביטערניש, פֿרעגנדיק : ״פֿאַרוואָס ? פֿאַרוואָס זענען מיר יידן אַזוי באַשטראָפֿט, אַז אין יעדן דור זאָל אויפֿשטיין עפּעס אַ מערדערישע קראַפֿט און אונדז וועלן חס וחלילה פֿאַרניכטן ? פֿאַרוואָס רבונו של עולם ? אָבער באַלד האָט ער זיך און אונדז געטרייסט, אַז ״הק׳ב׳ה׳ מצילנו מידם״... דאַקעגן פֿלעגט ער אויסלאָזן זיין גאַנץ ביטער האַרץ פֿון אַ גאַנץ יאָר ביים קללהדיקן מאמר ״שפֿוך חמתך על

הגוים״, פאַר וועלכע יידן זענען זיי ווי אַ דאָרן אין אויג און זייער שנאת־חינם נאָך עד היום.

און בעת מיר האָבן ביי אונדזער גאַסטגעבער טאַקע געהאַלטן ביים דאַ־זיקן פסוק האָט צו אונדזער אַלעמענס גרויסן וווּנדער זיך דערהערט אַ קלונג אין דער טיר... באַלד האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳האָבן זיך אין איר אַריינגעשטעלט מיט האַק און פּאַק אַביסל האַלעדראַנצעס. אין ערשטן אויגנ־בליק האָבן זיי אונדז אויסגעזען צו זיין ווי אַמאָל די פּורים־שפּילער אין שטעטל. און ווען נישט די טראַדיציאָנעלע סדר־מאכלים וואָס זענען נאָך געהאַט גע־בליבן אויפן טיש אין דער ״קערה״, ווי: מרור, מצות, זרוע, חרוסת, און אויך וואָס דער בעל הבית איז געווען אָנגעטאָן אין קיטל מיטן הויכן ווייסן קאַפּל אויפן קאָפּ, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז מען האָט אַ טעות אין חשבון פון לוח, אַז ס׳איז גאָר פּורים און נישט פּסח.

אַזאַ בילד האָט זיך געשאַפן פון די ״אורחים״ מיט זייערע באַוואַקסענע בערד און קאַלטענעוואַטע לאַנגע האָר אַראָפּגעלאָזן איבער די אויגן. פון זייערע פּנימער האָבן זיך קוים אַרויסגעזען די שפּיץ נעז. בלויז די גיטאַרעס, טראַנ־זיסטאָרס, אויף צו פאַרדולן דעם קאָפּ, האָבן זיי געהאַלטן פעסט און הייליק, ווי להבדיל פרומע יידן דעם טלית און תפילין. די קעפּ פאַרבונדן מיט בענ־דער ווי די אינדיאַנער, נישט דאָ געדאַכט. זייער ווייבערישער מין איז אָנגעטאָן געווען (גיכער אויסגעטאָן), אַז ס׳האָט זיך געקענט דוכטן ווי ס׳וואָלט זיי געווען אי הייס, אי קאַלט. ווי זיי וואָלטן געהאַט חשק אַריינצוכאַפּן מיט איין שאָס דעם זומער מיטן ווינטער צוזאַמען. נאַקעטע פיס און שטיוועליאַקעס ביז צו דער נאַקעטקייט!

איינער פון זיי מיט אַ פּאָר ברילן גרויס ווי רעדער, אין מויל אַ פּאַ־פּיראָס פון אַ פערטל מעטער די לענג, האָט זיך ראַפּטום אַ לאָז געטאָן צום בעל הבית, אונדזער גאַסטגעבער, און גענומען אים, מיר נישט דיר נישט, האַלדזן און קושן... ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען זיין אייניקל

פון פאַריז. ער — זאָגט ער — האָט חשק באַקומען זיך אַביסל צו טובלען אין ים, איז ער מיט חברה געקומען אַהער מיט „אויטאָ־סטאָפּ״.

אַ גדולה אויף דער באָבע, אַ שמחה אויפן זיידן! זעענדיק ביי זיך אין שטוב זייער איינציק אייניקל אין אַזאַ הילוך, זענען זיי נישט וואַשנע צופרידן געווען דערפון, אָבער ווי ס׳פּירט זיך ביי לייטן, האָבן זיי אים געבעטן צום טיש, און אחוץ זייער אייניקל, פאַרשטייט זיך, אויך די אומגעריכטע געסט. און חברה ווייסן נישט פון קיין קונצן: אויסגעהונגערטע ווי די וועלף, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די יום־טובדיקע מאכלים, וואָס זענען געווען געגרייט, און כהרף־עין אַלץ אַראָפּגערוימט.

בלויז איינער פון זיי, אַ דאַרינקער בחורל מיט רויטלעכע האָר, וועלכער האָט זיכער דאָס ערשטע מאָל געזען אַ סדר ביי יידן, האָט געפרעגט די קשיה פון תם „מה זאת?״ — וואָס אַזוינס געשעט דאָ, און פאַרוואָס גייט דער מיסיע אָנגעטאָן אין דעם ווייסן פאַרטוך, ווי אַ כירורג בעת אַן אָפּעראַציע? בפירוש אַ „קשיה״, אַ פינפטע „קשיה״, אַזאַ וואָס איז אין דער הגדה נישט פאַראַן. דער בעל הבית האָט קוים זיך אַרויסגעדראַפּעט מיט אַ תירוץ וואָס האָט יענעם גאָרנישט פאַרענטפערט: „אַ מנהג אַזאַ ביי יידן אָנצוטאָן דעם קיטל בעתן אָפּריכטן דעם סדר״. וואָס דען זאָל ער אים זאָגן? צי קען ער אים אַזוי אויף איין פוס דערציילן די גאַנצע מעשה יציאת־מצרים? ווו יידן זענען געווען פאַרשקלאָפּט ביי פרעה׳ן און מיר פייערן היינט דעם זמן חרותינו?

עס האָט זיך פאָרט געוואָלט מיט עפּעס אויסטייטשן און אויפקלערן, כדי ווי ווייט מעגלעך פאַרענטפערן די „פינפטע קשיה״ פונעם בחורל מיט די רויטלעכע האָר. כ׳האָב אים דערקלערט, אַז דער קיטל דאָס איז אַ סימבאָל פון כהנה־הייליקייט, וואָס ווערט באַנוצט ביי פאַרשידענע הייליקע און צערע־מאָניאַלע געלעגנהייטן. אַזוי האָט דאָס געטאָן דער כהן־הגדול אין בית המקדש, אין קדשי־קדשים ביים מתפלל זיין פאַרן פאָלק ישראל, אַזוי טוען עס היינט צו טאָג זיינע נאָכפאָלגער, אַזוי די חזנים ביי די הייליקע תפילות אפילו אַ חתן צו דער חופה נוצט אים.

דאָס אַלץ איז זיי אָבער נישט געגאַנגען אין די קעפּ אַריין, ווייל, ווי נאָר חברה האָבן אַביסל געשטילט דעם הונגער, האָט זיך ערשט ביי זיי אָנגעהויבן די אמתע חתונה. זיי האָבן ממשיך געווען דעם „סדר" אויף זייער אופן. זיך צעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, גענומען סטראָיען די גיטאַרעס, און ס'איז אַוועק אַ גאַנג אַ זינגען און הוליען אויף וואָס די וועלט שטייט. טאַקע אַזוי ווי דער „געלער הענעך" האָט אָפּגעריכט דעם סדר מיטן גלית־שפּיל.

ווען ס'איז זיי שוין געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן, און זיי זענען געווען צעבאַלעוועט אויף דער גאַנצער פּאַרע, דאַן האָט דער זיידע אַ נעם געטאָן אין אַ זייט זיין אייניקל און געפּרוווט ביי אים פּועלן, אַז ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן — און צומאַרגנס זיך כאָטש לאָזן אָפּשערן די האָר. ער קען פּשוט נישט איבערטראָגן, צו זען אים, זיין טייער אייניקל, אין אַזאַ מעמד. ס'איז אַ בושה מיט אַזוינס זיך צו באַווייזן צווישן מענטשן. בשכר זה, איז ער גרייט אים דערפאַר צו געבן ווי מען זאָגט אפילו דאָס „טעלערל פון הימל".

— וואָס פאַלט דיר איין, „פּעפּעי"? — האָט זיך אָנגערופן דער בחור אַ פאַרחידושטער — זיך קוים געקענט דערוואַרטן די האָר זאָלן מיר אָנוואַקסן, זאָל איך זיי איצטער אָפּשערן גאָר? אַ שיין פּנים וואָלט איך באַקומען ביי מיינע „קאָפּענס". כ'וואָלט דאָך ביי זיי אויסגעזען ווי אַ משוגענער. אַלץ יאָ, נאָר נישט דאָס, „פּעפּעי".

— הייסט עס — האָט דער זיידע געפרעגט — אַז מיר אַלע וואָס גייען נישט אַרום באַוואַקסן ווי די בערן, זענען, וועדליק דיינע חברים, משוגע? און זיי, דיינע „קאָפּענס" וואָס זענען זיי? איבריקנס, ווער זענען זיי די שמענ־דריקעס?

— וואָס הייסט ווער זיי זענען, ווי זאָגסטו „שמענדריקעס"? דער, זעס־טו, מיט די רויטע הויזן, איז אַ נעווע פון אַ מיניסטער. די עלטערן פון דעם וואָס זיצט מיט דער גיטאַרע, שטאַמען פון דער סאַמער גרעסטער אַריסטאָ־קראַטיע. און דער מיט די רויטע האָר, וואָס האָט דיר פריער געשטעלט אַ פראַגע, איז אַ זון פון אַ גרויסן וויסנשאַפטלער, זיין טאַטע פירט אָן מיט דער

אַטאָמישער ענערגיע־פאַרשונג אין סאַקלעי. די מיידלעך זענען אויך אַלע קינדער פון רייכע טאַטע־מאַמע. געלט איז ביי זיי בלאָטע! דער עיקר מאַכן אַ לעבן, זיין פריי ווי די פייגל.

— אַזוי ?... טאַקע פיינע לייט, כ׳לעבן, נאָר מיינע שונאים זאָלן אַזוי האָבן אַ טעם אין זייער לעבן, סאַרע טעם זיי האָבן ביי מיר מיט זייער הילוך. זיי זעען דאָך אויס ווי יעזוס.

— זאָלסטו טאַקע וויסן זיין, „פעפעי״, אַז זיי האַלטן גאָר שטאַרק פון יעזוסן, און גלייבן אַז אַזאַ איינער וועט נאָך אויפשטיין און באַאיינפלוסן די מענטשהייט מיט דער אמתער אידיי. פאַראַן אויך צווישן זיי אַנהענגער פון מאַאָ׳ס אידעאַלן, וואָס ער ברענגט אַרויס אינעם „רויטן ביכל״.

— אָבער, מאַן שערי — בעט זיך אַלץ דער זיידע ביים אייניקל — דו ביסט דאָך נישט זיי. זאָלן זיי זיך זיין וואָס זיי ווילן, און טאָן וואָס זיי האָבן חשק, זאָלן זיי זיין „חסידים״ פון יעזוסן, זאָלן זיי זיך חברן מיט מאַאָ־טסע־טונגען, זאָלן זיי גלייבן אין זיין „רויטן ביכל״, אָבער ווי קומט דאָס, כ׳בעט דיך, צו דיר ? — ביסט דאָך קליגער פון זיי, און דאַרפסט דעריבער פאַרשטיין, אַז ס׳פּאַסט מיר נישט, אַז מיין אייניקל זאָל האָבן אַזאַ פנים. ביי אונדז זאָגט מען אַפילו אַז : „ס׳איז גלייכער אַ ייד אָן אַ באָרד, איידער אַ באָרד אָן אַ ייד״. טו עס, קינד מיינס, מיר צוליב, איך בעט דיך...

— נו גוט, אויב ס׳גייט דיר אַזוי שטאַרק דערין, וועל איך מאָרגן אַביסל פאַרקירצן די האָר. און אַרויסגעזאָגט האָט ער עס מיט אַזאַ ביטערניש, גלייך ווי ער וואָלט דערמיט זיך געגאַנגען פאַרקירצן די יאָרן.

דער זיידע האָט עטוואָס אָפּגעאָטעמט און אַ צופרידענער פונעם אייניקלס ענטפער און צוזאָג אים צו פאָלגן, דערפאַר דערלויבט, אַז חברה זאָלן בלייבן איבערנעכטיקן : „ווו וועלן זיי זיך ביינאַכט ערגעץ אַרומבלאָנקען ? פאָרט טאַטנס קינדער, זענען זיי דאָך זיין אייניקלס חברים, איין קלייניקייט״...

דער פאַרבעטענער עולם, וועלכן די חברה האָבן איצט געדולט אַ קאָפּ מיט זייער אופן „סדר־אָפּריכטן״, איז זיך צוביסלעך צעגאַנגען אַהיים.

צי דער בעל מכניס־אורח איז יענע נאַכט געשלאָפן, ווייס איך נישט. און אויב ער איז נישט געשלאָפן — וועגן וואָס האָט ער געטראַכט? איך האָב אים קיינמאָל די פראַגע נישט געשטעלט, כאָטש מיט דער צייט זענען מיר געוואָרן גוטע פריינט.

וואָס שייך מיר, האָב איך יענע נאַכט נישט פאַרמאַכט קיין אויג, נאָר געטראַכט און געטראַכט וועגן דעם פאַרשטערטן דורך די שמענדריקעס סדר. דער דאָזיקער „סדר" האָט מיך דערמאָנט און אויסגעזען צו זיין נישט ווייניקער פאַרשטערט ווי יענע נעכט פון פסח, בעת וועלכע די ביטערע שונאים האָבן אונדז באַרויבט פון דער מעגלעכקייט צו זיצן במנוחה און צו הערן דערציילן וועגן יציאת־מצרים, אַנזאַפן זיך מיט דער האָפענונג פון יציאת־היטלער ימ"ש און גלויבן וועגן דער פרייהייט נאָך וועלכער מיר האָבן אַזוי שטאַרק געלעכצט. אין האַרצן האָב איך זיך געפרעגט: ווי וועלן אויסזען אונדזערע יורשים? ווער וועלן זיין די סדר־אָפּריכטער, נאָך דעם ווען מיר וועלן שוין נישט זיין — ווי עס ביטערט דערויף אהרן צייטלין ז"ל; „טאָ וואָס בלייבט? מיין זונדל דער תכשיט ר' מייק? מיין איידעם דער גוי? איז טאַקע אָך און וויי...".

וואַקאַנסיאַדע

אַנהייב פרילינג, ווי נאָר צוויי יידן טרעפן זיך, הערט מען נישט מער ווי : „ווען פאָרסטו ? ווו פאָרסטו ? און מיט וועמען פאָרסטו ?"

ווען האָבן עס יידן געוווסט פון אַזעלכע קלאָפּאָטן, ווי די וואָס מען האָט היינטיקע צייטן ? מילא, פאַראַן יידן וואָס זייער וואַקאַנס־גורל ווערט באַשטימט דורך די „יעקעס", — פאָרט מען ווו מען הייסט. ווייל וואָס קאָן מען טאָן, מען איז דאָך „באַשטעטיקט", יאָ, גוט, נישט גוט, מ'עט שוין מאַכן ... פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס דער דייטש האָט זיי געפּסלט די קוראַציע. זיי, זעט איר, איז ביטער ווי גאַל. און עס הייבט זיך ביי זיי אָן די אמתע דאגה איבערן אויסוואַל פון וואַקאַנס־מקום, וואָס מאַטערט גאַנצע נעכט : „אַנדערע פאָרן, און פאַרוואָס נישט איך ?"

מיט איבער אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק, ווען מיינער אַ פריינט איז נאָרוואָס געהאַט פּטור געוואָרן פון פוילן און געקומען אַהער קיין פּאַריז — און ווי אַנדערע זיינס גלייכן נאָך דאָ געוועזן אַ „גרינער" האָבן די דייטשן גראָד דעמאָלט געהאַט „פאַרשיקט" זיין נאָענטן חבר אויף צו מאַכן אַ קור אין אַן אָרט, וואָס פּשוטע יידן האָבן קוים געקאָנט נאָכזאָגן דעם נאָמען, אין עפּעס אַ נעריס־לע־באַן. משמעות, אַז זיין חבר האָט זיך דאָרט גאַנץ געשמאַק גע־נודעט, האָט ער אים באַוואָרפן מיט בריוו, פול מיט התפעלות וועגן דעם גן־עדן דאָרט. נישט אַנדערש נאָר ער זאָל, למען השם, זען צו קומען אַהין צו אים, אין זיין קוראָרט, בכדי צוזאַמען מיט אים אויך געניסן פון דעם דאָרטיקן פאַרגעניגן.

מילא, וואָס טוט מען נישט פאַר אַ גוטן חבר ? האָט ער איינגעפּאַקט די זאַכן און היידאַ, געפאָרן זאָל ווערן ! — איך האָב שוין געהאַט פאַר־

געניגן פונעם בלויזן גרייטן זיך צום פאָרן — האָט ער מיר שפּעטער דער־ציילט — איין קליניקייט, אָקאָרשט אַרויס פון אַ גיהנום און שוין אין אַ גן־עדן... וואָס קען מען דען זיך נאָך בעסער ווינטשן? און דאָס פאָרן גופא? זען אַ וועלט, אָנזעטיקן דאָס אויג מיט די באַרימטע פראַנצויזישע לאַנדשאַפטן און דערנאָך, דאָס אָנקומען אויפן אָרט...

אַראָפּגייענדיק פון באַן, האָט מיך מיין חבר אָפּגעוואַרט. עס ווערט אַ שמחה אַ גדולה: „אַבי מען זעט זיך שוין מיט מזל, פּשוט נישט געקענט דערוואַרטן זיך אויף דיר״, מיין חבר האָט געשיינט פאַר פרייד, ממש מחיה נפשות.

איך הייב אָן באַטראַכטן דאָס אָרט, וווּ איך געפין זיך. אַ שטעטל ווי אַלע שטעטלעך. פרעג איך מיין חבר — מה רעש? ווו זענען די אַלע גליקן פון דעם אָרט, וועלכעס דו האָסט באַשריבן אין דיינע בריוו מיט אַזויפיל באַגייסטערונג?

— וואָס הייסט? דאָס איז דאָך אַ קוראָרט... אַ דאָקטער איז דאָ פאַ־ראַן אַ גוטער, וואָס דאַרף מען נאָך מער? און ווייסטו גאָר וואָס, קודם כל קום טאַקע צום דאָקטער...

— וואָס עפּעס אין מיטן דערינען צום דאָקטער? פרעג איך מיט חידוש, בין איך דען קראַנק?

— פרעג נישט קיין קשיות, טו ווי אַלע יידן, וואָס קומען דאָ אַהער, דאָס ערשטע איז גיין צום דאָקטער.

— גזלן! איך בין נאָר וואָס אַראָפּ פון באַן. לאָז כאָטש אָפּאָטעמען, אַביסל אָפּרוען, לאָז מיך אָוועקשטעלן די וואַליזעס, וואָס איז דאָס געאיילעניש? ווו ברענט, וואָס כ׳מוז שוין לויפן צום דאָקטער? וואָס, ווילסט מיר דווקא איינ־רעדן אַ קרענק.

— אוי, לאָז געמאַך, גלייב מיר, אַז רעדסט עפּעס אַזעלכעס, וואָס פּאַסט נישט פאַר דיר. דער דאָקטער וועט דיר שוין אויסגעפינען עפּעס אַ קרענקל...

ער האָט מיר אַזויפיל אַריינגעדאָקטערט אין קאָפּ אַריין, גענומען אונ־טערן אָרעם, און איידער וואָס, ווען, בין איך שוין געווען ביים דאָקטער. און דער דאָקטער — ווי דער שטייגער איז, הייבט מיך אָן אויספרעגן:

— וואָס איז אייך?

— גאָרנישט.

— וואָס הייסט גאָרנישט? אין וואָס באַשטייט אייער קרענק, דאָס הייסט, אויף וואָס באַקלאָגט איר זיך?

— איך הייב נישט אָן וויסן פון קיין קרענק — איך בין ברוך־השם, גע־זונט.

— נאַרישקייטן, אַז מען קומט נאָר דאָ אַהער, איז מען שוין נישט מיט אַלעמען.

— אָבער, דאָקטער — האָב איך גענומען שטוינען — וואָס הייסט נישט מיט אַלעמען? אוודאי בין איך דאָ נאָך נישט מיט אַלעמען. דערווייל בין איך בלויז מיט מיין חבר, זאָג איך ווי אין וויץ. איך בין דאָך טאַקע דאָ אַהער־געקומען נאָר צוליב מיין חבר, פּשוט מיט אים צו פאַרברענגען אַביסל!

— חבר־שמאָווער, דאָס אַלץ איז בלאָטע, אַביסל וואַסער פון די קוואַלן דאָ, עטלעכע בעדער, דאָס זענען אויך נישט קיין שלעכטע חברים...

איינס צוויי, שרייבט ער מיר אויס אַ צעטל מיט בעדער און איך גיי מאַכן אַ לחיים פון די וואַסערן.

מילא, בעדער — זאָל זיין בעדער, טרינקען וואַסער — זאָל זיין טרינ־קען! וואָס קען דאָ זיין? טראַכט איך מיר, סך הכל איז דאָך ווערדליק דעם דאָקטער מיט מיין חבר, פאַר מיין טובה וועגן, פאַר מיין געזונט הייסט עס, טאָ פאַרוואָס זיך אָפּזאָגן דערפון?

האָב איך תיכף זיך גענומען דערצו און טאַקע פאָזוואָליעט זיך אַ טאָפּלטע פּאָרציע ווי דער דאָקטער האָט מיר פאַרשריבן, ווייל אויב שוין יאָ איז לאָמיך שוין געניסן אין דער פולער מאָס.

נאָך עטלעכע בעדער און נאָכן האָבן אויסגעטרונקען אַ היפּשע פּאַרציע וואַסער, האָב איך שוין געזען דעם „רעזולטאַט״: ערשטנס האָב איך אויפֿגעהערט שלאָפֿן גאַנצע נעכט. (הערט דאָס מיין חבר, זאָגט ער, אַ „דאָס איז דאָס גוטע, אַ סימן אַז ס׳ווירקט״); צווייטנס האָב איך פֿאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן, און בכלל בין איך עפּעס געוואָרן אויס מענטש. אַלע אברים טוען ווי. מיין חבר איז דערפֿון מלא שמחה.

— ביסט געהאָלפֿן — זאָגט ער צו מיר — אַלע יידן דאָ וואָלטן זיך געווונטשן דאָס צו דערגרייכן... האָסט, אָן עין־הרע, מזל... בלויז עטלעכע טעג און שוין באַקומען די ריכטיקע הילף...

טראַכט איך מיר, אַז אָך און ווי צו אַזאַ הילף. געוועזן אַ מענטש מיט לייטן צוגלייך, געהאַט אַ גוטן אַפּעטיט צום עסן, נישט געוווּסט פֿון קיין שלאָפֿלאָזע נעכט, און דאָ געבומען מיט אַ געזונטן קאָפּ און זיך געלייגט אין אַ קראַנק בעט אַריין...

הער איך אויפֿמערקזאַם די דערציילונג פֿון מיין פֿריינט און עס גליטשט זיך ביי מיר אַרויס, פֿון זיך אַליין, אַ פֿראַגע: — צי זענען די אַלע „קוראַציעס״, וואָס מען באַקומט פֿון די „גוטע״ דייטשן נישט קיין פֿאַרפֿיר־ליכטל, וואָס צילט מאָמענטווייז צו פֿאַרשלעפּערן די געמיטער און צו מאַכן פֿאַרגעסן אין די צרות, וועלכע עס האָבן אונדז אָפּגעטאָן יענע דייטשן — די וואָס האָבן אויסגעמאָרדעט אַזויפֿיל מיליאָנען יידן? צו ערשט באַרויבט און באַגזלט אונדזער האָב און גוטס, און דערנאָך אויסגעזויגן ביי אונדז דאָס בלוט פֿון די אָדערן, אַרויסגענאָגט דעם מאַרך פֿון די ביינער דורך די אומגעהויער אַכזריותדיקע עבֿודת־פּרך אין די טויט־לאַגערן, און איצט — שיקן זיי „ברייטהאַרציק״ אויף די קורערטער. איז עס נישט אַ צוגעוואָרפֿן ביינדל בכדי פֿאַרטרייבן ביי אונדז די מחשבות וועגן יענע חושכדיקע צייטן?

מיטן נשיא זלמן שזר אין האָטעל „אילת״

צווישן די אַלע אינטערעסאַנטע באַזוכן אין מדינת ישראל, איז מיר איין מאָל באַשערט געווען אַ זייער אַנגענעמע איבערראַשונג. געווען איז עס נאָכדעם ווען כ׳בין שוין אַביסל מיד געוואָרן פון די אַן אַ שיעור „מאָדנע״ עקסקורסיעס (מען וויל דאָך אַלץ אַריינכאַפּן), ווי מען האָט מיך גע׳עצהט זיך אַריבערצוכאַפּן אויף אַ צען־פופצן טעג קיין אילת, און דאָס צוליב כמה טעמים.

ראשית, מחמת דעם וואַרעמען קלימאַט, וואָס ווייסט לחלוטין נישט פון קיין ווינטער. איז בכן מחיה׳דיק אין די ימות הגשמים, וועלכע מען פילט טייל מאָל אין תל־אביב גאָר נישקשה׳דיק, זיך אָפּצורוען, זיצנדיק ביים ים־סוף, וועלכן משה רבינו האָט געשפּאָלטן מיט זיין שטעקן בכדי אַדורכצופירן די יידן פון מצרים. טאַקע דאָרטן קאָן מען ווינטער־צייט זיך וואַרעמען פון דער שטראַלנדיקער זון.

שנית, זענען פאַראַן דאָרט רייכע היסטאָרישע מקומות צו באַזוכן, ווי למשל שלמה המלך׳ס קופּער־גרובנס, דעם מדבר סיני, דאָס אָרט ווו משה האָט געשלאָגן דעם שטיין ער זאָל געבן וואַסער, וכדומה.

היינט ערשט זען דאָס נייע, דאָס מאָדערן אויפגעבויטע אילת מיט אירע (דעמאָלט) צען־צוועלף טויזנט איינוווינער, דעם נייעם פּאָרט (אַלץ געמאַכט מיט יידישע הענט!), די נאַפט־קוואַלן... מיט איין וואָרט, אַ ווונדערבאַרער אויספלוג.

געהערט דאָס וואָרט „אויספלוג״, איז היידא! געפאָרן זאָל ווערן! מיד, שמיד, ס׳איז בלאָטע. פאָרט מען דאָך נישט אַרבעטן אין אַ קאַצעט! הער נאָר הער, איין קליי ניקייט! דאָס גאַנצע לעבן זיך אָנגעהערט אַז ס׳איז פאַראַן אַן

ארץ־ישראל, געלערנט דערוועגן אין חדר, ביי דער גמרא, אָנגעהערט זיך וועגן משיח־צייטן ווען יידן וועלן צוריק קומען אינעם לאַנד פון זבת חלב ודבש און זיך דערביי אַזש פאַרכליניעט פונעם זאַפט, זאָל מען איצטער, בעת מיר האָבן דערלעבט און מיר געפינען זיך אין אונדזער צוויי טויזנט יאָר אויסגעבענקטער, אויסגעטרוימטער, און איצט מיט בלוט אויסגעקעמפטער מדינה׳לע, זאָל מען זיך גאָר זשאַלעווען צו זען מיט די אייגענע אויגן די היס־טאָרישע, ביבלישע מקומות און דורותדיקע באַרימטקייטן, ממש זיי אָנטאַפּן מיט אייגענע הענט? וואָס ס׳איז אפילו נישט איינגעפאַלן צו חלומען, איז איצט ווירקלעכקייט. וואָלט געווען אַ בפירושע עבירה דאָס אַדורכצולאָזן און נישט זען מיט די אויגן. באַדאַרף מען, הייסט עס, נישט לאַנג טראַכטן, נאָר נעמען און פאָרן.

איך זאָג פאָרן? מען דאַרף פליען מיט אַן אַוויאָן. מחמת פאָרן מיטן קאַר דויערט אַ קימא־לן פון אַ זעקס־זיבן שעה, און דאַקעגן פליען, בסך־הכל איין שעה. אגב, דעם ערשטן מאָל צו הערן אַז מען דאַרף פליען מיט אַן אַוויאָן גיט עס אַ טיאַכקע אין האַרצן פון עמאָציע און טרעמע. ווייל קיין ישראל זע־נען מיר געקומען מיט דער פראַנצויזישער שיף „צעזאַריע״. אויסגעפועלט אַז מען זאָל פאָרט פליען מיטן אַוויאָן האָט אונדזער טאָכטער זשאַקלין, וואָס איז מיט אונדז געקומען קיין ישראל. זי האָט באַאיינפלוסט די מאַמע, אַז זי זאָל זיך נישט שרעקן. און מיר זענען געפלויגן, געפלויגן און נישט באַדאַרפט אַפילו דערנאָך גומל־בענטשן...

אָנגעקומען אַהין בשלום, פאַרפאָרן אין דעם רעזערווירטן פאַר אונדז האָטעל „אילת״, זע איך אַרום אַ שפּאָר ביסל מיליטער־פּאָליציי וואָס באַ־וואַכן דעם האָטעל. ס׳איז מסתמא דערפאַר, טראַכט איך מיך, וואָס דער האָטעל געפינט זיך על שפת־הים, כמעט איזאָלירט, און דערצו איז דאָך די גרענעץ מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

ווען די „האָטעס״ פון האָטעל האָט געפירט ווייזן מיין צימער און כ׳האָב ווידער דערזען פּאָליציי, שוין פון אַן אַנדערן מין, איז מיר די זאַך אויסגעקו־

מען עפּעס נישט גלאַטיק. פרעג איך ביי מיין באַגלייטערין: מה זאת? וואָס טוען דאָ אַזויפיל פּאָליציי? איז זי מיר מגלה דעם סוד: זיי געפינען זיך דאָ, צו היטן און וואַכן איבערן נשיא המדינה, וועלכער געפינט זיך אינעם צווייטן צימער נעבן אייערן. ער פאַרברענגט דאָ צוזאַמען מיט זיין פרוי, דעם פופצן טאָגיקן חופש (אורלויב).

וואָ, וואָ!... בין איך געוואָרן איבערראַשט פונעם גליקלעכן צופאַל און שטאַרק נתפּעל דערפון, וואָס איך, דער געוועזענער קאַצעטניק, וואָס האָט זיך על פּי טויזנט נסים אַרויסגעדראַפּעט פון די נאַצי־גיהנום׳ס, האָב דערלעבט די זכיה, נישט בלויז צו פאָרן פאַרברענגען אין אַן אייגן יידיש לאַנד, נייערט אויך וווינען אין איין האָטעל, טיר ביי טיר, מיטן פּרעזידענט פון דער מדינה און ווערן געהיטן, יום־ולילה פון יידישע פּאָליציי.

בין איך בכן שוין געווען זייער טשעקאַווע צו זען דעם נשיא, זען און אָבסערווירן (דעם ערשטן מאָל אין מיין לעבן, פאַרשטייט זיך) אַ פּרעזידענט פון אַ יידישע מלוכה — און דערלאַנג אַ פרעג די אויפזעערין, וועלכע האָט גערעדט אַ פּליסיקן פראַנצויזיש, ווען און וויאַזוי קען איך דאָס דערגרייכן?

— ס׳איז זייער לייכט און גאַנץ פּשוט — באַקום איך פון איר אַ תשובה

— יעדן טאָג נאָך דעם מיטאָג־מנוחה, קענט איר — זאָגט זי — זען דעם פּרעזידענט אַרויסגיין פון האָטעל, ווען ער פּאָרט שפּאַצירן מיט זיינע חברים און באַגלייטער.

וכך הווה. פון מיין באַלקאָן, ווו כ׳בין געזעסן און אָבסערווירט די רחבות־דיקע לאַנדשאַפט פון דער געגנט אַרום, קוויקנדיק זיך פון גאָטס באַשאַף פון וועלכן די אויגן קענען זיך גאַרנישט אָנזעטיקן, דערזע איך אַרום פינף נאָכמיטאָג אָנקומען אָפיצירן מכל המינים און אפשר אויך גענעראַלן, ווער ווייסט? אויך דזשיפּן מיט פּאָליציי. און טאַקע יידישע פּאָליציי!

צי האָב איך אין אוישוויץ געקענט טראַכטן דערפון? צי אפשר דאַן, ווען דער מערדערישער קאַפּאָ לאַקער האָט מיר אַריינגעטיילט 25 שלעק מיט אַ דעמבענעם שטעקן אויפן דיקן פלייש, פון וואָס כ׳האָב שיער נישט

אויסגעהויכט די נשמה, די יסורים האָבן מיך שרעקלעך געפּייניקט שיינע וואָכן, גאַנצע נעכט געמוזט ליגן אויפן בויך. יאָ שלאָפן, נישט שלאָפן, פון זיצן איז דאָך שוין זיכער געווען אָפּגערעדט. ווען כ׳האָב בעל כרחו אויף אַ ווילע געפּרווט אַ זיץ טאָן, איז ווי כ׳וואָלט זיך געזעצט אויף געגליטע קוילן אָדער ברענענדיקע נאָדלען... צי בעת אַ פּראַסטיקן נאָכמיטאָג, ווען ער האָט באַ־פוילן נאָך דער אַרבעט אַריינצוואַרפן די בגדים, מיטן נומער פון אויבן פאַרבונדן, אין אַ ריזיק פּאַס מיט עפּעס אַ נאַטכיס און זיי אַרויסנעמען צומאָרגנס באַגינען גיין אין זיי צו דער אַרבעט. פון דעם פראָסט זענען זיי שטייף גע־וואָרן ווי גלאָז... און אפילו שוין נאָך אוישוויץ, בעתן „טויטן־מאַרש" ווי מען האָט געטריבן דאָס עוואַקואירן דעם לאַגער, ווען מ׳האָט אונדז געטריבן ביי פערציק קילאָמעטער אַ טאָג צו פוס אָן עסן, אָן טרינקען, געשלאָפן אין וואַלד ליגנדיק אין קאַלוזשעס רעגן־וואַסער, האָט אַזוינס געקענט קומען אויפן דמיון? ביי מיין גרעסטער בטחון־שטימונג, מיט וואָס כ׳האָב אַפילו אָנגעשטעקט עט־לעכע פון מיינע חברים, אַז „מ׳האָט זיי אין דר׳ערד, מ׳וועט זיי איבערלעבן", און זען זייער מפּלה, איז דאָך נישט איינגעפאַלן אַ מאָל אַזוינס צו דערגרייכן. אָבער ווי זאָגט מען עס? „אַז מען לעבט, דערלעבט מען". דעריבער די פרייד פון דער אָנגענעמער איבעראַשונג.

כ׳בין בכן שוין געווען באמת זייער טשעקאַווע צו זען דעם נשיא. און ער איז אַרויסגעקומען דער נשיא. אַלע בלייבן אַ ווילע שטיין שטראַם, מיט דרך־ארץ, רינגלען אים אַרום, היטן אים, און באַגלייטן אים אין זיינע שפּאַצירן איבער דער אַרומיקער געגנט.

די מאָלצייטן עסט דער נשיא (אין די וואָכעדיקע טעג) מיט זיין פרוי ביי זיך אין צימער (פון מיין באַלקאָן זע איך זייער קיך ווו גברת שזר פאַרעט זיך דאָרט מעשה בעל־הביתטע); שבת עסט דער נשיא בציבור, ער פאַרבעט צו זיך אינעם האָטעל די פּני־העיר, משמעות אויך די פּיאָנערן פון אילת, און מען פּראַוועט די סעודה צוזאַמען, מען שמועסט געמיטלעך, ביז נאָך מלווה־מלכה און עולם שעפּט נחת... און, אני הקטן בתוכם.

פאַרשטייט זיך, אַז פּאָר טוריסטן איז אַזאַ סורפּריז, ווי צו ווײַנען מיטן פּרעזידענט אין איין האָטעל, אַ גאָר וואַזשנער ענין. אַ פּשיטא פּאָר אַמעריקאַנער טוריסטן, וואָס ווערן נתפּעל פון יעדע קלייניקייט, זייַנען צעפּיעשטשעט ווי קינדער וואָס ווילן דערגרייכן אַלץ וואָס ס׳גלוסט זיך זיי. זענען זיי דאָך אַמעריקאַנער, וואָס קענען זיך אַלץ פּאַרגינען בפרט אין ישראל, ווו זיי זענען געקומען מיטן פּעקל דאָלאַרן.

זענען טאַקע דאָרט זיך פּאַרלאָפן פּאַרשידענע קאָמישע קוריאָזן. אַזוי האָט איין אַמעריקאַנער טוריסטין ספּעציעל געקויפט אַ קליין סידורל, צי אַ מחזורל און אַ סך מאָל צוגעשטאַנען צום באַגלייטער פונעם נשיא אינעם האָטעל, ער זאָל בעטן ביים פּרעזידענט זיינס אַ דעדיקאַציע אויפן ספרל. איר דזשעקעלע, זאָגט זי, וועט דערפון זיין איבערגליקלעך דאָס צו האָבן צו זיין בר־מצווה, וואָס מען גרייט אים און דאַרף בקרוב פּאַרקומען אין ניו־יאָרק.

דער באַגלייטער פונעם נשיא האָט זיך געפּרוווט יעדעס מאָל אַרויסדרייען מיט עפּעס אַ תירוץ אויף דער פרוי׳ס קאַפּריזנער בקשה. איין מאָל, נאָך אַמאָל און אַ דריט מאָל און לסוף איז ער דערמיט אַריין צום נשיא. ווי דערשטוינט איז זי אָבער געבליבן, ווען דער מיליטער־מאַן איז אַרויסגעקומען און איר געזאָגט: „דער פּרעזידענט האַלט, אַז אויף הייליקייטן טאָר מען נישט געבן קיין דעדיקאַציעס״. זי איז געבעך געבליבן ווי געפּלעפּט.

אַ צווייטער פאַל איז געשען מיט אַן אַמעריקאַנער טוריסט, וואָס האָט זיך געבאָדן אינעם רויטן ים, שבת נאָכמיטאָג. אַרויסגייענדיק פון ים, דערזעט ער אַ מאַן אָנגעטאָן אין שבתדיקן לבוש, אין אַ שוואַרצן מאַנטל, אַ הוט וכו׳ (שבת איז דער נשיא נישט געפאָרן נאָר געגאַנגען שפּאַצירן צו פוס). נישט וויסנדיק ווער דאָס איז, גיט דער אַמעריקאַנער, מעשה „נאָש־בראָט״, שפּאָטיש, מסתמא פון דאָזיקן הילוך אין דעם געגנוג הייסן נאָכמיטאָג, אַ דערלאַנג אַ זאָג צום נשיא — וואָס כ׳האָב זיך נאָר געקענט אָנשטויסן לויט זיינע זשעסטיקולאַציעס — הלמאי ער גייט אַזוי וואַרעם אָנגעטאָן. דערביי ווייזט ער אויפן

ים, אַז ער זאָל אויך אַזוי טאָן ווי ער דער אַמעריקאַנער, וועט ער אויך האָבן אַזוינע מוסקלען ווי ער. ווייזנדיק דעם נשיא זיינע דיקע מוסקולירטע הענט און פיס.

דער נשיא האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל און איז זיך ווייטער געגאַנגען.

די געסט אויף די אויסלייג־שטולן, וואָס האָבן דאָס ביגעוווינט, און וואָס האָבן פאַרשטאַנען ענגליש, האָבן צו אים אַ זאָג געטאָן: „ווייסט כאָטש צו וועמען דו האָסט זיך דאָ געטשעפּעט? דאָס איז דאָך דער פּרעזידענט פון ישראל!“. נו, נו! ווי דער אַמעריקאַנער האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אויסער זיך, הענדום־פּענדום אַרויף אין צימער, געכאַפּט אַ מלבוש אויף זיך און נאָכגעלאָפן אין אימפּעט מפּייס זיין דעם נשיא פאַר זיין שפּאַטישן זשעסט לגבי אים. ער וועט שוין אָנזאָגן זיינע קינדער און קינדס־קינדער, זיי זאָלן וויסן ווי זיך צו האַלטן אין ישראל, מחמת מ׳קען דאָרט גאָרנישט וויסן מיט וועמען מען האָט דעם כבוד...

אַז אַמעריקאַנער זענען שטאַרק אַלערגיש אויף „פּיקטשעס“ ווייסן אַלע. האָט דאָרט אויך פּאַסירט, אַז איינע אַ „ליידי“ האָט פּשוט איינגעלייגט וועלטן, געוואָלט אָוועקגעבן וויפיל ס׳וועט קאָסטן, אַבי דער פּרעזידענט זאָל באַוויליקן זיך צו לאָזן פאָטאָגראַפירן מיט איר מאַן און מיט איר. בפרט נאָך ווען זיי געפינען זיך און וווינען צוזאַמען מיט אים אין זעלביקן האָטעל. וואָס קען מען נאָך בעסער פאַרלאַנגען ווי צו האָבן אַזאַ זעלטענע געלעגנהייט? און ווען מען האָט איר דערקלערט, אַז אַזאַ זאַך איז אוממעגלעך צוליב כמה טעמים, איז זי פונדעסטוועגן נישט אָפּגעשטאַנען פון איר אַמעריקאַנישן איינפאַל און לפּחות זיך געלאָזן פאָטאָגראַפירן מיט אַ פּאָליציי־מאַן וואָס האָט באַוואַכט דעם האָטעל.

און פאָרט געהאַט אַ „פּיקטשע“.

נאָך קנאַפּע צוויי וואָכן זיין אין אילת, האָב איך גענומען דעם אַוויאָן צוריקצופליען קיין תל־אביב. קומענדיק אויפן פלי־פּלאַץ, וואָס איז אינגאַנצן

באַצירט געוועזן מיט בלוי־ווייסע פענער, האָב איך ווידעראַמאָל געזען גענע־ראַלן, אָפיצירן, ווי זיי לויפן אַהין און צוריק. בקיצור, ס׳איז היימלעך אין שטעטל! בין איך זיך מיישב: לאָמיך אומישנע ביי וועמען אַ פרעג טאָן וואָס דאָ קומט אַזוינס פאָר? בין איך דאָך רק צווישן יידן. איך גיב זיך אַ דריי אויס צו מיינעם אַ מיטפּליער אין אַוויאָן און פרעג אים — וואָס געשעט דאָ?

— וואָס הייסט — ענטפערט ער מיר צוריק מיט אַ קשיה — איר ווייסט גאָרנישט אַז מיט אונדז אין אַוויאָן פליט אויך דער נשיא המדינה און זיין פרוי?

— ניין, כ׳ווייס נישט. פון וואַנען זאָל איך וויסן?

דאַנק איך אים פאַר דער אָנגעגעבענער נייעס און בין ווידער אַמאָל אי־בערראַשט. אַזוי גאָר? ווי איז עס מעגלעך, אַז אַ מלוכה־פּרעזידענט זאָל פליען אין איין אַוויאָן צוזאַמען מיט געוויינלעכע בשר ודמ׳ס? קען דען אַזוינס געשען, למשל אין פראַנקרייך? נישט משער צו זיין. נאָר דערמאָנענדיק זיך אין דער מלווה־מלכה אינעם האָטעל, ווען דער נשיא האָט אַזוי פשוט און גע־מיטלעך חבריש פאַרבראַכט און געשמועסט מיט אַלעמען, קלער איך מיר, אַז אין ישראל קען אַלץ געמאָלט זיין...

בינו לבינו באַווייזט זיך טאַקע דער נשיא אויפן פלי־פּלאַץ. נעבן אים זיין פרוי און אַ צען באַגלייטערס. די סאָלדאַטן סאַלוטירן. דער נשיא שטייגט אַרויף אין אַוויאָן. אַלע שטייען אויף פון די פּלעצער מיט דרך־ארץ. פאַרביי־גייענדיק אינעם אַוויאָן, גיט דער נשיא יעדן די האַנט מיט דער ברכה כל־טוב, און מיר פליען מיטן נשיא צוזאַמען.

אין תל־אביב, אויפן פלי־פּלאַץ לוד, ביים אָפּשטייגן, ווערט לכבוד דעם נשיא געלייגט אַ רויטער פּלושענער טעפּיך, אַזוי ווי ס׳פּירט זיך ביי לייטן. געניס איך אויך שוין אין איינוועגס פון אים. פאַרוואָס דען נישט? שוין דער־לעבט אַזויפיל נחתדיקע סורפּריזן אין ישראל, טאָ זאָל זיין נאָך אַ וווּנדער צווישן אַנדערע וווּנדיירים.

וואָס אַלץ ס׳קען טרעפן אַ טוריסט, ווען ער קומט אין אונדזער קליינינקן אָבער הייליקן לענדעלע ישראל...

ישראל אין די גורלדיקע מלחמה־טעג

ס׳איז מיר, ווייזט אויס, באַשערט געווען צו קומען קיין ישראל צו די ימים־נוראים תשל״ג, בכדי מיטצולעבן און מיטצואָטעמען מיטן ישוב יענע גורלדיקע טעג פון דער יום־כיפור־מלחמה.

געוווינט האָב איך אַ צייט ביי מיין חבר, דעם שרייבער סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי אין גבעתיים. אַדאַם, זייער זון, איז געווען אין מיליטער־דינסט אין די גולן־בערג — זיין צימער איז בכן געווען פריי. ביים אָפּוואַרטן מיך אויפן פלי־פּלאַץ אין לוד איז וויגאָדזקי צו מיר צוגעשטאַנען און מיך פאַרבעטן צו וווינען ביי אים, פון וואָס כ׳בין אגב געווען זייער צופרידן.

ראשית, איז געפינען זיך צווישן נאָענטע, אייגענע, גוטע און היימישע מענטשן זיבן חדשים נאָכן פאַרלירן אויף אייביק מיין טרייע איבערגעגעבענע האַרציקע פרוי ע״ה געווען פשוט אַ רפואה פאַר מיין געמיט. שנית, האָבן מיר דאָך געהאַט אַזויפיל זיך צו דערציילן, איז דאָס במילא געווען די בעסטע געלעגנהייט דערצו. כ׳דערמאָן זיך דאָס אַריינקומען צו די וויגאָדזקיס אין שטוב. אַוועקגעשטעלט די וואַליזעס מיט די אַנדערע זאַכן און זיך באַזעצט אינעם סאַלאָן, האָט די טעלעוויזיע גראָד געגעבן אין איר פּראָגראַם אַ „פעסטיוואַל פון יידישן ליד״, אויסגעפירט פון די בעסטע זינגערינס און זינגער וואָס ישראל פאַרמאָגט. יעדער מיט זיין אויסדערוויילט ליד פון יידישע דיכטער און שאַפער. טראָץ מיין נישט גרינג געמיט, האָט דער דאָזיקער פעסטיוואַל מיך זייער אויפגעהייטערט, און געקומען ממש ווי אויף באַשטעלונג מיך אויפצונעמען בגילה ורינה. מילא, אַ גוטער „פּאַטשאַנטעק״, האָב איך זיך געטראַכט, הלוואי ווייטער.

אַ באַזונדערע פרייד און הנאה האָט מיר פאַרשאַפט, וואָס דער פעסטי־וואַל־פּראָגראַם איז געגעבן געוואָרן אין יידיש לשון. דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב אַזוינס געהערט אין דער ישראל־טעלעוויזיע. עס האָט דערמאָנט די אַלטע היים פאַר דעם היטלער־חורבן, וועלכע איז אויפגעשטאַנען צו תחית המתים אין אייגענעם לאַנד — ישראל.

בשכנות מיט די וויגאַדזקיס האָט געוווינט מיינע אַ לאַנדסמאַנקע פון שטעטל סטערצעוו, וועלכע האָט געשטאַמט פון אַ זייער יחוסדיקער היים, זי איז געווען פון דער משפחה סאט (געשריבן ס״ט, די ראשי תיבות פון ספרדים טהורים). אין שטעטל האָב איך זי איבערגעלאָזן נאָך אַ קליין שולע־קינד. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז איך געפין זיך ביי די וויגאַדזקיס, איז נישט אַנדערש, נאָר כ׳זאָל צומאָרגנס, ערב ראש־השנה אָוונט, זיין איר גאַסט. איך האָב מיט פאַרגעניגן אויך אָנגענומען די פאַרבעטונג.

אַז ס׳איז אין ישראל אַ מנהג, דאס מענער זאָלן יעדן פרייטיק נאָך מי־טאָג ברענגען אין זייערע שטובן בלומען לכבוד דער שבת המלכה, האָב איך שוין געוווּסט פון מיינע פריערדיקע רייזעס אין דער יידישער מדינה. אגב אַ זייער סימפּאַטיש דערהויבענער מנהג. ס׳איז אַ פאַרגעניגן צו זען פרייטיק נאָכמיטאָג ווי אַלץ שטעלט זיך פלוצים אָפּ: דער פאַרקער־מיטל פאַרהאַלט זיך, די געשעפטן פאַרמאַכן זיך, און מענער איילן מיט בלומען אין די הענט צו זיך אַהיים פּראַווען דעם שבת־קודש יעדער אויף זיין אופן. דאָס איז נישט שייך צו דערציילן, דאָס קאָן מען נאָר פילן. אָבער, אַז צו ראש־השנה איז דער מנהג נאָך שטאַרקער, און איז אויך חל פאַר חברים און פריינט, האָב איך זיך ערשט איבערצייגט בעת איך בין אַראָפּ אין גאַס באַשטעלן בלומען. ריזיקע רייען מיט מענטשן זענען געשטאַנען ביי די בלומען־געשעפטן צוליבן זעלביקן צוועק וואָס איך. און ווען נישט וואָס פרוי וויגאַדזקי איז דאָרט געווען גוט באַקאַנט אַלס קונה און בכלל, ווער ווייסט צי איך וואָלט זוכה געווען צו באַקו־מען בלומען.

געקומען צו מיין לאַנדסמאַנקע אין שטוב, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איר יונגערער זון, אַן אָפיציר אין צה״ל, איז גערופן געוואָרן תיכף ומיד צו שטעלן זיך אויף זיין „פּונקט״. — אַזעלכע פאַלן טרעפט אָפט — האָט זיין מאַמע מיר פאַרטייטשט — בפרט אין יום־טובים, מחמת די אַראַבער קען זיך פאַרגלוסטן צו אַ פּראָוואָקאַציע, מוז מען זיין גרייט פאַר יעדן פאַל !...

אַז אין אַ צען טעג אַרום, דאָס הייסט יום־כיפור, וועט אַזעלכעס פּאַק־טיש, לײדער, יאָ געשען, איז בכלל קיינעם נישט געקומען אויפן געדאַנק...

בכלל שמ׳ט ישראל פאַר אַ מכניס־אורח־לענדל. ערשט אַ פשיטא ווען מען האָט נאָענטע, באַקאַנטע — דאַן ווערט דאָס נאָטיץ־ביכל באַלד אויסגע־פילט מיט פאַרבעטונגען. אַזוי בין איך אויף צומאָרגנס אָוונט, דעם צווייטן טאָג ראש־השנה, געווען פאַרבעטן צום דיכטער אברהם סוצקעווער, מיט וועלכן מיר זענען שוין אַ לענגערע צייט פריער געווען גוט באַפריינדעט, און דאָרט האָב איך פאַרבראַכט אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן אָוונט. צו געפינען זיך אין זיין געזעלשאַפט איז תמיד פאַר מיר געווען אַ נחת־רוח. זיין תורה ש׳בעל־פה איז מחיהדיק צו הערן. בפרט נאָך, בעת ער איז גוט אויפגעלייגט, ווי ס׳איז געווען דער פאַל יענעם יום־טובדיקן ראש־השנה אָוונט, ווען ער איז געווען אויסגעטאָן פון דער טאָג־טעגלעכער, אויך הייליקער עבודה.

ס׳האָט זיך געקענט דוכטן, אַז מיין דאָזיקע נסיעה קיין ישראל, צו וועל־כער מ׳האָט מיך שטאַרק צוגערעדט, וועט זיין כסדר אויסגעפילט מיט רוח־ניות.

☆

ס׳איז ערב יום־כיפור. פרוי וויגאָדזקי האָט שוין פון עטלעכע טעג גע־וואַרט אויפן דאָזיקן טאָג. זי האָט פשוט נישט געקענט דערוואַרטן זיך ס׳זאָל קומען דער ערב יום־כיפור, כדי וואָס גיכער צו קאָנען זען זייער זון (איב־דערוואָכן איז זי באַשעפטיקט ביי איר אַרבעט). איר אומרואיקייט און נערוועזן מצב האָט מען בולט באַמערקט אויף איר פנים. און אָט איז שוין געקומען דער טאָג, ווען זי איז באַגינען אַוועקגעפאָרן, מיטן געדאַנק צוריקצוקומען מוצאי יום־כיפור.

און עס איז יום־כיפור, אַרום 11 אַזייגער אינדערפרי. פלוצים דערזעען מיר, איך און וויגאָדזקי, אַנקומען פרוי וויגאָדזקי און פון איר אויטאָ לויפן אַרויס מיט אימפּעט נישט זייער זון אַדאַם, נאָר אַנדערע דריי בחורים פון זיין על־טער.

— וואָס איז געשען? — פרעגן מיר — אום יום־כיפור?!

— אַלגעמיינע מאָביליזאַציע! היינט פינף אַזייגער באַגינען זענען מיר אויפגעוועקט געוואָרן. אַ באַפעל — תיכף צוזשטעלן זיך, יעדער צו זיין אייב־הייט!

אַ מאָדנע געפיל האָט באַהערשט נישט נאָר דעם טאַטן, די מאַמע, נאָר אויך מיך, זייער גאַסט. דער ציטער פאַרן גורל פון קינד און פאַרן לאַנד איז אין ישראל אין לשער. און דאָ, עפּעס אַ קלייניקייט, אַזאַ בשורה! די צייט שטייט נישט. יעדע מינוט איז טייער. איינס און צוויי, קוים זיך באַוויזן צו צע־קושן און מיטכאַפּן עפּעס נויטיקעס פון שטוב, איז פרוי וויגאָדזקי אַוועק צו־פירן די יונגע לייט, יעדן אויף זיין „פונקט". מיר האָבן זיי מיטגעגעבן אונד־זער ברכה פון טיפן האַרצן — תצליחם דרכם! אפשר, מחמת נישט וועלנדיק צולאָזן דעם געדאַנק אַז דאָס באַטייט מלחמה, אָדער גאָר מיך סתם צו באַרו־איקן, זעענדיק דעם שווערן איינדרוק, וואָס די סצענקע מיט די יונגעלייט האָט אויף מיר געמאַכט, האָט וויגאָדזקי מיר פאַרטייטשט, אַז אַזעלכע פאַלן האָבן שוין געטראָפן דאָ אין ישראל. דאָס ווערט געטאָן ווי אַ פּרווו אויף אַ מאָמענט, וואָס מ'זאָל אים נישט דאַרפן, צו זיין גרייט אין יעדן פאַל. אַזוי האָט מיר אויך געהאַט געזאָגט ראש־השנה אָוונט מיין סטערצעווער חברטע, בנוגע איר זון דעם אָפיציר, ווען מען האָט דעמאָלט גערופן גלייך צו קומען אויף זיין „פונקט".

— איין סימן וועט זיין — זאָגט מיר וויגאָדזקי — אויב אירענאָ וועט צוריקקומען מיט איר וואָגן, איז עס נאָר אַ מאַנעווער. און אויב נישט? דאַן איז עס, חלילה, מלחמה... (יעדער פּריוואַטער וואָגן איז אין מלחמה־צייט דאָס

אייגנטום פון דער מדינה). נאָך אַביסל צייט איז פרוי וויגאָדזקי צוריקגעקומען מיט איר וואָגן. ענדלעך, ווי מען זאָגט, איז אַ שווערער שטיין אַראָפּ פונעם האַרצן.

— ס'איז נישט קיין מלחמה־מצב, עס איז אַזוי ווי ס'פּלעגט געשען אין די פריערדיקע פאַלן...

די טרייסט האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ווען אירענאַ האָט אַביסל אָפּגעאָטעמט און דערציילט וועגן די גרויסע מאַסן מיליטער, וואָס זי האָט באַ־געגנט אויף די פונקטן, האָט אַ קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. מ'האָט זי גערופן, אַז זי זאָל תיכף צוקומען מיטן וואָגן אויפן אָנגעוויזענעם אָרט.

— אוי! ס'איז ביטער! — האָט זי אויסגערופן און פאַרלאָזט די שטוב.

אַרום צוויי אַזייגער, אַן אַלאַרם־רוף פון די סירענעס. נישט זייענדיק זי־כער וואָס דאָס באַטייט, האָט מען נאָך אַלץ געטראַכט, אַז דאָס זענען מאַנעוו־רעס. ווייל ווי קען עס זיין, ס'זאָל חלילה זיין מלחמה אין אַזאַ טאָג, ווי יום־כיפור? ערשט, ווען מען האָט דערזען די פאַרשידענע מינים וועגענער, מילי־טערישע און פריוואַטע, יאָגן מיט אימפּעט (דאָס ערשטע מאָל אין דער גע־שיכטע פון ישראל אין דעם דאָזיקן פאַרכטיקן טאָג!) האָט מען אָנגעהויבן גלייבן, אַז דאָס זענען נישט קיין מאַנעווורעס, ווי מען האָט ביז איצט געטראַכט, נייערט טאַקע אַן אמתע מלחמה...

די „יום־כיפור מלחמה״!

נישט ווייט פון אונדזער הויז האָט זיך געפונען אַ שיל, ווו יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט, ווי דער שטייגער איז אין יום־כיפור, אָפּצוריכטן די תפילות און זיך אויסבעטן אַ „גמר חתימה טובה״. איך האָב בכן געהאַט די געלעגנהייט צו זען ווי אַזוי יונגע לייט אָנגעטאָן אין די שבת־יום־טובדיקע מלבושים, מיט די טליתים אויף די אַקסלען, האָבן ביים ערשטן רוף פון צה״ל אָוועקגעאיילט צו זייערע איינהייטן. די עלטערע מתפּללים האָבן זיי באַגלייט מיט ברכות;

גייט אַרויס געבענטשטע צום קאַמף קעגן אונדזערע שונאים און השם יתברך זאָל באַגליקן אייער וועג! אָמן! געהאַלטן האָט מען דעמאָלט, געדענק איך, ביי דער תפילה „שיר המעלות ממעמקים" און די האַרצווייטיקע הילפס־רופן צום „עשה שלום במרומו" האָבן ממש הימלען געקאָנט שפּאַלטן.

מ'האָט דערציילט, אַז די רבנים אין די בתי תפילות אין ירושלים, אפילו אין בני־ברק און אַנדערשוו, האָבן באַפוילן די חיילים אויפצוהערן פאַסטן און זיי זאָלן נעמען עסן, כדי צו זיין שטאַרק קעגן שונא אין דער אויפגעצוווּנגע־נער מלחמת־קודש.

אָבער פאַרוואָס הערט מען נישט דעם ירושלימער ראַדיאָ, דער איינצי־קער אינפאָרמאַטאָר און דער גייסטער פאַרבינדונגס־וועג אין די פאַלן? — האָט מען זיך שטאַרק געוווּנדערט און אַפילו געווען אין כעס אויף „דער פאַנאַ־טישער פירונג". אמת, טאַקע, ס'איז יום־כיפור, אַלע מלוכה־אינסטיטוציעס רוען, איז דאָך אָבער מלחמה מיט פּיקוח־נפש, און עלטערן וואָס האָבן נאָרוואָס גע־שיקט זייערע קינדער אויף די פראָנט־ליניעס ווילן דאָך לפּחות הערן וואָס עס געשעט?! און אָט איז ער! פּינקטלעך דריי אַזייגער נאָכמיטאָג, דערהערט מען דאָס קול פונעם ראַדיאָ־ספּיקער: „די אַראַבישע לענדער, סיריע און עגיפּ־טן זענען אונדז באַפאַלן ביי די גרענעצן"... דער ישראל־ישוב ווייסט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין: פאַרטונקלען די פענסטער, זיך אָנגרייטן טרונק־וואַסער און נאָך אַנדערע זאַכן פאַר דער מלחמה־צייט. הכלל, אַן אמתע מלחמה.

איבעריק צו זאָגן, אַז די נייעס האָט אַלעמען ווי עלעקטריזירט. מיט אַמאָל זענען אויסגעוואַקסן טראַנזיסטאָרס ביי כמעט אַלע מתפּללים אין שיל, כדי צו הערן די רייד פונעם ספּיקער. צווישן די ראַדיאָ־הערער, האָבן אויך נישט געפעלט קיין יראת־שמים־יידן, הגם אַ טראַנזיסטאָר, ווי מיר ווייסן, איז לויטן דין מוקצה און עס איז אַן עבירה אים צו באַנוצן אום שבת — „שמעו קול בשבת", בפרט יום־כיפור דעם שבת־שבתון. פונדעסטוועגן האָבן זיי גענומען

אין אַכט די געפאַר פון דער עת־צרה ליעקב — און איבערגעריסן די תפילותביים הערן דאָס קול פונעם ספיקער.

ביי דער תפילה צום בורא עולם „עשה עמנו חסד ורחמים והושיענו" און ביי „ונתנה תוקף" פלעגן תמיד אין אַלע עקן וועלט יידן אויסגיסן זייער ביטער האַרץ מיט דער גרעסטער פאַרכטיקייט. אָבער דאָס מאָל, ווען די זין און טעכטער פון ישראל זענען אַרויס פאַרטיידיקן די גרענעצן פון אייגענעם לאַנד, זענען די דאָזיקע תפילות געווען אָנגעפילט מיט אַ מין אַנדערע פאַרכטיקייט, וועלכע דער ייד אין גלות קען נישט.

יענע נאַכט פון מוצאי־יום־כיפור איז אין לאַנד כמעט קיינער נישט געשלאָפן. מיט אַ פאַרשטענדלעכער שפּאַנונג האָט מען נאָכגעפאָלגט דעם ראַדיאָ, וואָס האָט יעדע פערטל שעה איבערגעגעבן די נייעסן פון די פראָנטן. פון עמאָציע און ציטער איז אַפילו נישט געקומען אויפן געדאַנק צו כאַפּן אַ דרעמל. וואָס איז דער חידוש? איז דאָך נישט געווען קיין שטוב, וואָס זאָל נישט האָבן וועמען פון די קינדער אויף די פראָנטן. ביי מיין פריינט אברהם סוצקעווער איז זיין איידעם געווען אַ פּילאָט, ביי די וויגאָדזקיס, דער זון אַ טאַנקיסט, וועלכער איז, דרך אגב, אין אָנהייב פון די קאַמפן געטראָפן געוואָרן דורך אַ סנאַריאַד פון שונא, און שיעור נישט פאַרברענט געוואָרן אין זיין טאַנק. מ'האָט אים געבראַכט אינעם שפּיטאָל „תל־השומר", כמעט אַ האָפנונגסלאָזן, ווו ס'איז געלונגען אָפּצוראַטעווען אים און ער איז געבליבן לעבן. ווען די נייעס איז דערגאַנגען צו טאַטע־מאַמע, איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט געטאָן אין זייערע הערצער. יענע מינוטן וואָס איך האָב בייגעוווינט זענען נישט איבערצוגעבן.

דער טעלעפאָן האָט יענע טעג שלעכט פונקציאָנירט. אויך דער פאַרקערמיטל קיין תל־אביב איז געווען אַ שלעכטער. פון דעם ראַדיאָ האָב איך נישט אַלץ פאַרשטאַנען. זייענדיק אַליין אין שטוב (די וויגאָדזקיס זענען געווען אין שפּיטאָל), האָב איך זיך געפילט ווי איזאָלירט פון דער ישראל־וועלט. פונדעסטוועגן האָב איך דאָך באַוויזן אַריינצוקומען קיין תל־אביב צו מיין פרוי'ס ע"ה

אַ קוזין און אויך אַרויפגעגאַנגען צום דיכטער אברהם סוצקעווער. כ׳בין אַוועק פשוט צו דערוויסן זיך וואָס ס׳הערט זיך. אַראָפגייענדיק צוריק אויפן גאַס איז מיטאָמאָל, ווי דאָס געשעט אין ישראל, גלייך צוגעפאַלן די נאַכט. די לבנה האָט נאָך נישט געשיינט, בין איך, בכן, געבליבן אויפן גאַס אין דער פינצ־טערניש. נישט וויסנדיק ווו אַהיים צו גיין, קיין טאַקסי איז נאָך יענעם טאָג נישט געווען צו באַקומען, פרעג איך ביים ערשטן בעסטן יידן (און טאַקע אויף יידיש) ווי אַזוי אַ שטייגער קען איך קומען אַהיים צו זיך אין שטוב? דער ייד, זעענדיק מיין פאַרלעגנהייט, זאָגט מיר:

— אדוני, זאָרגט זיך נישט. איר וועט אין מדינת ישראל נישט פאַר־לוירן ווערן! וווהין אַ שטייגער דאַרף אַ ייד?

נאָכן זאָגן אים מיין אַדרעס, האָט ער מיך גענומען פאַרן האַנט:

— קומט, איך וועל אייך צופירן.

מיר זענען ביידע געגאַנגען מיט טריט פון סאָלדאַטן (כאָטש ביידע שוין נישט קיין יונגעלייט) איבער אַ האַלבער שעה צייט. און געווען איז עס אַ „שפּאַציר", וועלכן איך, און דורות יידן פאַר מיר, האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן. אַ שפּאַציר אין דער יידישער שטאָט תל־אביב אין אַ נאַכט, ווען יידישע חיילים האָבן געקעמפט ווי לייבן אויף די גרענעצן פון דער יידישער מדינה.

— פון וואַנען איז אַ ייד? — האָט מיין אומבאַקאַנטער רעטער געפרעגט.

— פון פּאַריז... און איר, פאַרשטיי איך, זייט אַ רומענער, אמת?

— געטראָפן, טאַקע פון בוקאַרעשט. שוין 25 יאָר ווי איך בין גליקלעך צו זיין דאָ, אין אונדזער טייער לענדעלע. אדרבא, ווייזט מיר ערגעץ נאָך אַזאַ וווּנדערבאַר ספּעציפיש לאַנד ווי ס׳איז ישראל? שטעלט אייך פאָר, ס׳איז דאָך מלחמה, און דאָס מאָל אַ ביטערע מלחמה, און ווען נישט דאָס וואָס ס׳איז אַביסל פינסטער אין גאַס, וואָלט מען דאָך אפילו נישט געוווּסט אַז ס׳איז מלחמה! און איר מעגט זיין זיכער, אדוני, אין דריי מלחמות האָב איך זיך מיליטעריש אַקטיוו באַטייליקט און, ווי איר זעט, לעב איך. אין דער איצ־

טיקער בין איך נאָך דערוויל נישט באַטייליקט. מיר וועלן די דאָזיקע מלחמה אויך איבערלעבן און גאָר בקרוב. די שונאים וועלן אַריינכאַפּן אַזאַ מפּלה, אַז זיי וועלן שוין פאַרזאָגן קינדער און קינדס קינדער, מער נישט צו טשעפּען מיט ישראל.

— הלוואי, טאַטע זיסער, פון אייער מויל אין גאָטס אויערן.

מיט אַ סך דאַנק האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין ווילטעטער און בין אַריין אין שטוב צו מיין קוזין.

דאָס לאַנד, דאָס גאַנצע לאַנד, האָט זיך מאָביליזירט. צום דינסט פון פאָלק האָבן זיך תיכף געשטעלט אפילו קינדער. זיי האָבן אויסגעפירט מיט ברען פאַרשידענע אַרבעטן פון דערוואַקסענע: צעטראָגן בריוו, געבראַכטע פון די פראָנטן פון די חיילים פאַר זייערע משפחות, וואָס האָבן געלעכצט צו הערן אַ לעבעדיקן גרוס פון זיי. זיי, די קינדער, זענען בכלל געוואָרן פאָסט־טרעגער, צו פאַרטרעטן די רעזערוויסטן, וואָס זענען גערופן געוואָרן אויף די פראָנטן. די קינדער, האָבן אויך געאַרבעט ביים אָנפילן די מענגעס זעק מיט זאַמד, וואָס זאָלן דינען פאַר אַ באַשיצונג. זיי האָבן אויך צומאַרגנס פון דער מלחמה, אָפּגעשטעלט אויף די גאַסן די וועגענער און באַשמירט די רעפלעקטאָרן מיט בלויער פאַרב.

מיידלעך האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי די געשעפטן ווו מען באַקומט פּאַפּיראָסן, זיסקייטן און אַנדערע נוצלעכע זאַכן פאַר די פראָנט־קעמפער. זייערע גרויסע קוישן זענען געווען באַהאַנגען מיט אַפּישן, וואָס האָבן גערופן צו שפּענדן וואָס מער פאַר די חיילים אויף די פראָנטן. די זעלבע קינדער האָבן אויך געזאַמלט אין די שטובן טראַנזיסטאָרן, ביכער און זשורנאַלן אפילו שאַך־שפּילן און דאַמקעס פאַר די חיילים אויפן פראָנט. עלטערע מענער האָבן זיך געמאָלדן צום דינסט אין דער הג״א, אַ מיליץ אַזאַ צו שיצן די באַפעלקערונג. פרויען האָבן באַלאַגערט די שפּיטאָלן, כדי צו העלפן מיט וואָס ס׳וועט זיין נויטיק. יעדער ישראל־מענטש, אַלט און יונג, איז געווען אַ סאָלדאַט און ביי־

הילפיק אויף צו דערגרייכן דעם נצחון. אויף די גאַסן זענען אינסטאַלירט געװאָרן קיאָסקן צו נעמען בלוט ביי מענטשן. קיין געבערס האָבן נישט געפעלט. אומעטום האָט מען געזען ריזיקע רייען שטיין און וואַרטן צו געבן בלוט.

אין פּרינציפּ האָט מען גענומען בלוט ביי מענטשן פון איבער זעכצן יאָר. אַ גרופּע מינדעריאָריקע האָבן זיך אָבער אויך אַריינגעגנאַרט אין דער ריי, זיך פאַרשטעלט פאַר גרויסע און געגעבן בלוט צוגלייך מיט אַנדערע. צווישן דער גרופּע האָט זיך אָבער געפונען איינער וועמען מען האָט דערקענט, אַז ער איז נאָך אַ קינד, און מ׳האָט בכן ביי אים נישט געוואָלט נעמען קיין בלוט. פון עגמת נפש האָט זיך דאָס יינגל שטאַרק פונאַנדערגעוויינט.

שיינע לבנה־נעכט, ווי געזעענע אין חלום אָדער אין סצענישן בילד, האָבן זיך געשפּרייט איבער ישראלס גרעסטער שטאָט, תל־אביב. די דאָזיקע נעכט, ביים שיין פון דער פולער לבנה, וואָלטן פּאָעטן געדאַרפט באַזונגען, און דאָ — איז מלחמה! נישט ווייט פון דאַנען, ביי די גרענעצן, קעמפן ישראלס בעסטע זין און טעכטער קעגן פאַרביסענע שונאים. פאַרטונקלט זענען די שטעט, זאָגן יידן, פאַרטרויערט זענען אונדזערע הערצער צוליב די קרבנות וואָס מיר האָבן געגעבן, אָבער שטאָלץ זענען מיר, זאָגן זיי, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו לעבן אין אַ דור, וואָס שטראַלט מיט גבורה און מוט. מיר האָבן אַ יוגנט, וואָס האָט ווי אַן אייזערנע וואַנט זיך אָװעקגעשטעלט קעגן די אַלערליי שונאים, וועלכע ווילן אונדז פאַרניכטן. אַ יוגנט אַ יידישע, וואָס שמעטערט און ברעקלט דעם שונא. מיט פייער און פלאַם האָבן די שונאים זיך געוואָרפן אויף ישראל, און מיט פייער און פלאַם באַקומען זיי אַ באַצאָלונג פאַר זייער פאַרברעכערישן אָנפאַל.

שוין עטלעכע טעג ווי ס׳האָט געדויערט די מלחמה. שוין געווען אויך גוטע נייעסן פון די פראָנט־קאַמפן: צה״ל האָט די אויבערהאַנט איבערן שונא און זי וועט זיכער מנצח זיין. איך האָב זיך געפונען ביים דיכטער אברהם סוצ־

קעווער אין שטוב. אַ קלונג דורכן אינטערפאָן: „יצחק? — פרעגט סוצקעווער — כ׳קום שוין אַראָפּ״. און צו מיר זאָגט ער: „הערשל, אונטן איז פאַראַן אַ וואָגן, אויב דאַרפט איר ערגעץ זיין, וועט מען אייך צופירן וווהין איר דאַרפט״.

— גוט — זאָג איך — זייער גוט. כ׳בין טאַקע באַשטעלט אויף אַרום פיר אַזייגער, וועט עס זיין זייער באַקוועם פאַר מיר מחמת ס׳איז אַ שפּאַר שטיקל וועג פון דאַנען.

מיר זענען אַראָפּ צום יידן, וואָס האָט געוואַרט מיט זיין וואָגן, מיט אַ „שלום״. סוצקעווער האָט געבעטן מיך צוצופירן צו דעם אָרט ווו כ׳בין געווען באַשטימט. פאַרנדיק פרעגט ער מיך:

— איר ווייסט כאָטש, הערשל, ווער ס׳איז אייער שאָפער?

— ניין — זאָג איך. — זיכער אייערס אַ גוטער פריינט און אַ ווילער ייד.

— אייער שאָפער, הערשל, איז אַ כנסת־דעפּוטאַט.

— זייער אָנגענעם — זאָג איך מיט איבעררעשונג — באמת אַ חשובער שאָפער, וואָס איז נישט בלויז אַ פירער פון אַ וואָגן. באמת אַ גאָלדן לענדל, ישראל — חזר איך איבער די ווערטער פונעם רומעניש ייד, וואָס האָט מיך יענעם טונקעלן פאַרנאַכט געגומען פאַרן האַנט און מיך צוגעפירט צו מיין קוזין צו פוס. אין מדינת ישראל קען אַלץ זיך טרעפן, מיט צען יאָר צוריק אין 1963, האָב איך געהאַט די זכיה צו וווינען טיר ביי טיר אין האָטעל „אילת״ מיטן נשיא זלמן שזר. היינט, פאָר איך דאָ אין איין וואָגן מיט אַ דעפּוטאַט פון יידישן פּאַרלאַמענט אין ישראל...

צי בין איך — האָב איך געקלערט אין דער שטיל פאַר זיך — איך, דער קרבן פון נאַציזם, דער על פּי נס אָפּגעראַטעוועטער פון אוישוויץ־גיהנום, מסוגל משיג צו זיין און באַגרייפן דאָס אַלץ וואָס קומט פאָר אין אונדזער דור? און צי פאַרשטייען עס און באַנעמען עס אויך די, וואָס האָבן געהאַט דאָס מזל נישט צו וויסן און נישט צו זען וואָס עס איז אַזוינס געווען יידישע שוואַכקייט, וואָס עס הייסט האָבן אַן אייגענע יידישע מדינה?...

ה. פערלמוטער

ס׳איז מיר, ווייזט אויס, באַשערט געווען פאָרן קיין מדינת ישראל צו די ימים־נוראים תשל״ג און קומען צו דער „יום־כיפור מלחמה״, מיטצולעבן און מיטצואָטעמען מיטן ישוב יענע גורלדיקע טעג, וואָס איך וועל זיכער נישט פאַרגעסן ביז צו מיין לעצטן אָטעם־צוג.

☆

צווייטער טייל

פון יענעם ו

עסייען
אָפּהאַנדלונגען
בריוו

וועגן

„מיין סטערצעוו"

אברהם סוצקעווער

איר בעט, כ׳זאָל אָנשרייבן אַ מין הקדמה צו אייערע זכרונות, אָדער זכרונותדיקע דערציילונגען, און אייך פֿאַלט גאָרנישט איין, אַז די הקדמה האָט שוין אָנגעשריבן אַן אַנדערער. און ווייסט איר ווער עס איז דער אַנדערער? טאַקע איר אַליין, הערשל פּערלמוטער.

דאָס ערשטע בוך פֿון אַ שרייבער איז די אמתע הקדמה צו זיינע ווייטערדיקע ביכער און צו זיך אַליין.

און אָנגעשריבן האָט איר אייער הקדמה אין אַ וואַרעמען, טאַטע־מאַמעדיקן יידיש, באַטעמט און באַגלייבעוודיק, ווי די שטעטלשע העלדן, געטריי צונויפגעטוליעט אין זכרון, וואָלטן נאָך געלעבט עד־היום און מיט די אייגענע ליפּן דערציילט און אויסגעשפּילט זייערע טראַדיציאָנעלע יוגנטלעכע אַוואַנטורעס און, אויב מען קען אַזוי זאָגן, פֿאָלקסטימלעכע חלומות.

איך האָב געלייענט דעם כתב־יד פון „מיין סטערצעוו״ נאָך אײדער איך האָב אייך געקענט פערזענלעך. שוין דעמאָלט האָב איך דערפילט די עכטקייט און די גוטהאַרציקייט פון אייערע מעשיות, וואָס זייער כוונה איז צו זיין וואָס זיי זיינען, און ניט פּאַפּירענע ליטעראַטור.

אַז מיר האָבן זיך שפּעטער באַקענט אין פּאַריז, איז מיר דער מענטש, וואָס מען רופט אים אויך מחבר, נאָך נענטער געוואָרן. און במילא איז אויך געשלאָסן געוואָרן אַ פריינטשאַפט צווישן אייערע העלדן און מיינע „שוואַכקייטן״.

און איצט אַז איך לייען די מעשיות צום צווייטן מאָל, איז דער איינ־דרוק אַ פיל שאַרפערער, מחמת נאָך אַ סיבה: איך קען אויף אַ רגע ניט פאַרגעסן, אַז איר האָט זיי געשריבן נאָכדעם ווי איר האָט איבערגעלעבט און איבערגעשטאַרבן אוישוויץ.

דער רויך פון אוישוויץ, אָט דער טויטרעפריין, באַגלייט מיך אויף יעדע שורה פון אייערע דערציילונגען. און דער וואונדער באַשטייט אין דעם, וואָס אָט דער שוואַרצער רויך האָט ניט פאַררייכערט אייער פרילינג־הימל, ניט פאַרטונקלט אייער ליכטיק פרישן, זכרון; וואָס איר האָט געראַטעוועט פון קאַלכאויוון אַזאַ געשמאַקן אידיאָמאַטישן יידיש, פול מיט ווערטל־חן און איי־דעלען הומאָר. אפילו כלי־זמר און בדחנים־לשון איז דאָ ציטערדיק אויפ־געהיט. אויך דאָס בעל־עגלה־לשון פון קלמן אָרטשיק איז ביז גאָר חנעוודיק, עלעהיי דער בייטש זיינער איז געפלאָכטן פון זיידנס אָדער פון ווייכע רציעות . . .

נאָך אוישוויץ — און ניט נאָר איז ביי אייך דער מענטש ניט פאַרמיאוסט געוואָרן, נאָר ער איז ביי אייך ממש אַ מענטש!

אַלע שטעטל־געשטאַלטן זיינען באַזונגען מיט רירנדיקער ליבשאַפט. איר קושט אויס זייערע נעמען מיט צערטלעניש: פישעלע, רחלע, . . . אפילו די העלדין פון דער לעצטער, סאַמע לענגסטער און סענטימענטאַלסטער דער־ציילונג, די העלדין וואָס איז „שיין ווי אַ מלאך״ און אין דער אמתן איז זי גאָר ניט אַזאַ צאַצקע — הייסט ביי אייך חוהלע. — סיי אין די דערציילונגען, און סיי אין לעבן: אַזויפיל מענטשן־ליבשאַפט נאָך אוישוויץ!

ליבשאַפט האָט אַ גילדענעם עכאָ. האָב איך טאַקע געהערט ווי אייערע חברים רופן אייך ביז היינט: הערשעלע...

פאַלט מיר איין ביים ענדיקן דעם בריוו, אַז אין אייער פאָלקסשריי־בערישן נוסח און יידישלעכער האַרציקייט איז פאַראַן אַ קרובהשאַפט מיט יעקב דינעזאָן. און אַז ס׳ווערט אַרויסגערופן אָט דער נאָמען, דערמאָן איך זיך אויך אַז דינעזאָן האָט אפילו אַ ראָמאַן מיטן נאָמען „הערשעלע."

איצט, נאָך דער „הקדמה" וואַרט איך אויף אייער צווייטן בוך: וועגן אוישוויץ. זאָל איך שטאַרקן אייער ריינע מענטשן־ליבשאַפט ביים שילדערן אייערע דאָרטיקע העלדן.

תל־אביב, זעקסטער נאָוועמבער, 1966.

☆

סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי

מיר זענען געלעגן אויף די נאַרעס אין די שטעלער, און אין טרוים האָבן מיר געזען אונדזערע היימען, געפילט זייער שטילקייט, זיך צוגעהערט וואָס עס דערציילט די נאַכט.

דערציילט האָט זי נישט נאָר פון טויט, נאָר אויך פון אַ פאַרגאַנגענהייט פון שטעט און שטעטלעך, פון הייזער פון ציגל און כאַטעס פון האָלץ, ווו יידן האָבן געוווינט דורות לאַנג. פאַרשידענע יידן, פאַר וועלכע די וועלט איז געווען פרעמד, און אַזעלכע וועלכע האָבן געוואָלט ענדערן די וועלט. און אין דמיון און זכרון האָבן אויפגעלעבט אונדזערע שטעט און שטעטלעך, באַרימטע און אומבאַקאַנטע, גרויסע און קליינע, וועלכע זענען אפשר קיינמאָל נישט

דערמאָנט געוואָרן אין דער געשיכטע, אפילו נישט אין אַ בוך אָדער אַ צייטונג.

ווער ווייסט ווו עס ליגט סטערצעוו? ווער סטערצעוו? וואָס סטערצעוו? וואהין האָבן געפירט בעת די מלחמה די וועגן פון סטערצעוו? קיין וואַרשע, פּאַריז, ניו־יאָרק, ירושלים? ווער ווייסט? אָבער קיין טרעבלינקע און אוישוויץ האָבן זיי באַשטימט געפירט.

איצט קומט אַ באַשיידענער יידישער מענטש, אַ געבוירענער אין סטערצעוו, מיינס אַ חבר פון לאַגער, און פּרוּווט אין דער שטילקייט פון זיין שטוב אויפבויען אויף דאָס ניי אַ שטעטל, אַ יידיש שטעטל ערגעץ ווו אין פּוילן. אַ נישט באַקאַנט שטעטל, וואָס וועט אַ דאַנק הערשל פּערלמוטער ווייטער לעבן אינעם זכרון פון מענטשן, וועלכע לייענען יידישע ביכער.

סטערצעוו „באַרופן צום לעבן" דורך הערשל פּערלמוטער איז אַ רעאַליטעט. „מיין סטערצעוו" איז אַנטשטאַנען אינעם האַרץ און דמיון פון אַ מענטש פאַר וועלכן דער אָנהייב און דער מיטלפּונקט פון זיין געפילן־מקור געפינט זיך אין אָט דעם קליינעם שטעטל. דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל געהערט די ווערטער — מיין קינד, און דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל געזאָגט — טאַטע... מאַמע...

סטערצעוו איז פאַרגאַנגענהייט און סטערצעוו איז קעגנוואַרט. אויך מאָרגן וועט דער יידישער לייענער געפינען אין דעם בוך אַ צייכן, אַן אָנדענק פון נאָך איין אָפּגעמעקטן יידישן ישוב. דער נאָמען: סטערצעוו איז אַ צופעליקער. דאָס שטעטל האָט געקענט טראָגן גאָר אַן אַנדערן נאָמען.

דער טיטל „מיין סטערצעוו" איז ווי אַ הייסע, ביטערע טרער.

וואַרשע, דריטער סעפּטעמבער 1966.

משה יונגמאַן

„מיין שטעטל סטערצעוו האָט פאַרמאָגט אין גאַנצן 500 יידישע משפחות, אָבער דער שטייגער לעבן איז געווען אַזאַ פאַרביקער, אַז אַ סך שרייבער וואָלטן פון דאָרט געקענט ציען יניקה פאַר קינסטלערישע שאַפונגען". אַזוי הייבט אָן הערש פערלמוטער זיין בוך זכרונות „מיין סטערצעוו".

פערלמוטער שרייבט ניט קיין „קינסטלערישע" שאַפונגען. זיין קונסט איז: אָפּהיטן אין זכרון, איז ליבשאַפט צו זיין פאַרשניטן שטעטל. ער איז אַ געראַטעוועטער. פילט ער אַ חוב אַפּצוראַטעווען אויך פאַר זיך און פאַר אַנדערע דעם אָנדענק פון שטעטל. ער וויל זיך נאָך אַ מאָל אַרומרינגלען מיט די געשעע־נישן, מעשיות, געשטאַלטן וואָס זענען געווען נאָענט און איצט זענען זיי היי־ליק געוואָרן. ניט „קונסט" — מ'דאַרף נאָר אַוועקשטעלן דאָס שטעטל ווי עס שטייט און גייט, ווי עס האָט גערעדט און געטאָן. געשטאַלטן אַזעלכע ווי איך און דו און מיר אַלע האָבן געקענט; געשעענישן, „מעשה נוראָ'ס" און מעשה קונדס וואָס האָבן געקאָנט פּאַסירן אין אַ ליאַדע וואָס פאַראַ שטעטל, אָבער דאָס מאָל טוען זיי זיך אָפּ אין סטערצעוו, פערלמוטער פאַרשרייבט זיי.

סטערצעוו איז געווען אַ שטעטל ווי הונדערטער אַנדערע אין פוילן צי אין אוקראַינע: „מיט אַ פּאָסט מיט אַ טעלעגראַף, אַ טייך, אַ בית־עולם, אַ רב, א בית־מדרש, צוויי חסידים־שטיבלעך, אַ גערער און אַן אַלעקסאַנדערער, א תלמוד־תורה און, להבדיל, אַ קלויסטער מיט אַ גלח, אַ שטאַטנאַר, עטלעכע נגידים, אַ סך קבצנים". מיר אַלע וואָס האָבן אַזעלכע שטעטלעך געקענט, דאַרפן בלויז לייענען אָט די שילדערונג, כדי דאָס גאַנצע סטערצעוו זאָל ווידער שטיין ווי לעבעדיק פאַר אונדזערע אויגן. אַזוי האָבן מיר געלעבט, גע־שוויבלט איבער די געסלעך, געהאַנדלט, געוואַנדלט, דאָ פלעגן מיר, ווי פערל־מוטערס העלדן, אָפּטאָן אונדזערע „שטיקלעך".

פערלמוטערס זכרונות זענען אָנגעפּיקעוועט מיט אַנעקדאָטישע עפּיזאָדן. די עפּיזאָדן מאַכן נעענטער די העלדן, שאַפן אַן אַטמאָספער (אוודאי האָט זיך

דאָס אַנעקדאָטישע מער איינגעקריצט אין זכרון, ווייל בשעתו האָט זיכער ס׳שטעטל מיט זיי געדרודערט). אָט באַקענען מיר זיך מיטן לאָמען בעריש, וועמען מען האָט פאַראיבעריקט נאָך אַ צונאָמען „בעריש יום־טוב״ און געשען איז עס דערפאַר ווייל אין יאָר 1905, ווען עס זענען אויסגעבראָכן שטרייקן קעגן צאַר, האָט בעריש „גענומען זיין לאָמען פוס וואָס ער האָט אים ביים גיין, נעבעך, געשיקט מיט אַ צוויי איילן פאַראויס, און זיך געלאָזט איבערן שטעטל צו די טאָנדעטניקעס מיט זיין אייגענעם פיזמון: מ׳טאָר ניט אַרבעטן — ס׳איז יום־טוב״. מער האָבן שטעטלשע לצים ניט באַדאַרפט: ס׳איז פאַרבליבן דער נאָמען „בעריש יום־טוב״. זיין ווייב יהודית־נעכע, וואָס „די נאַטור האָט זי באַשאָנקען מיט אַ טאָפּלטער פאַרציע ווי איר מאַן״ אויך אַ „קלאַסן־באַוווסטע״, האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן ידיד מיט קאַרל מאַרקסן. קומט זי אַמאָל אַריין אין לאָקאַל פון דער שטעטלשער פרץ־ביבליאָטעק, ווו עס הענגען אַ סך בילדער אויף די ווענט, טייטלט אויף אַ בילד און פרעגט ווער דאָס איז. זאָגט מען איר אַז דאָס איז קאַרל מאַרקס. „וואָס? דאָס איז קאַרל מאַרקס? — ענטפערט זי פאַרחידושט — כ׳גלייב נישט! וואָס? כ׳דערקען דאָך אים נישט״.

פערלמוטערן גיט זיך איין מיט עטלעכע שטריכן, מיט אַ ווערטל, מיט אַ קאָמישע סיטואַציע אַוועקצושטעלן טיפּן וואָס קריצן זיך איין אין מוח. ביים רוב טיפּן שטעלט ער זיך אָפּ צוליב עפּעס אַ טשעקאַווע מעשה וואָס איז מיט זיי געשען. ער פלעכט זיי ניט איין קיין איבריקע שמועסן, פאַרשפּינט זיי ניט אין קיין „ליטעראַרישע״ קאַנוועס. אַזוי זענען זיי געווען, דאָס האָבן זיי געזאָגט, צוליב דעם האָבן זיי געקראָגן זייער צונאָמען. אָט למשל יאָמע „האַק״ דער האָט זיך „זיין נאָמען איינגעהאַנדלט פון די אורחים, די שנאָרערס, וואָס ער האָט זיי ניט געקאָנט פאַרטראָגן. ווען איינער אַזאַ פאַרשווין האָט זיך באַוויזן אין זיין שטוב בעטן אַ נדבה, פלעגט ער אים דערלאַנגען אין האַנט אַריין אַ האַק. ווען יענער פלעגט אַ פאַרחידושטער פרעגן וואָס דאָס באַטייט, פלעגט ער אים ענטפערן: דאָס איז אויף צו גיין אין שטאָל אַריין האַקן האָלץ, קיין געלט בחינם גיב איך נישט״.

טייל מאָל פֿאַרברייטערט פּערלמוטער אַן אַנעקדאָט, שטעלט זיך מער אָפּ ביי דעם אָדער יענעם פּאַרשוין, הייבט אַרויס אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך פֿון שטעטלשן שטייגער־לעבן. ווי דאָס געשעט מיטן שילדערן די פּרעכטיקע יוגנט, בחורים „וואָס האָבן מיינסטנס געשטאַמט פֿון בית־המדרש און זענען ר״ל אַראָפּ פֿון גלייכן וועג און דער עיקר דער אפּיקורס „שמואל רייך מיטן גאַזאָמעטער״ (גערופֿן האָט מען אים אַזוי, ווייל געזאָגט האָט ער, אַז ס׳איז קיין גאָט ניטאָ, קיין גהינום אא״וו און ס׳איז זיך נישטאָ אַזוי אַרום פֿאַרוואָס צו שרעקן. די נשמה פֿון מענטשן „דאָס איז אַזאַ מין גאַזאָמעטער״).

אַן אַנדערש מאָל דינט אַ שטייגערישער עפּיזאָד פּאַר אַ קערן פֿון אַ לענגערן פּרק זכרונות, ווי עס געשעט אין די דערציילונגען „אַ פֿאַרשטערטע חתונה״, „אַן אויטאָמאָביל מיט פֿערד״ צי אין „איך שפּיל צום ערשטן מאָל טעאַטער״. אין אָט דער דערציילונג ווי אויך אין צוויי אַנדערע: „אַן אַכט יאָ־ריקער מלמד״ און „איך ווער אַ קאָנקורענט פֿון שערעשעווסקין״ ברענגט דער מחבר אַ סך אויטאָביאָגראַפֿישע עלעמענטן, אַלע אַדורכגעפֿלאָכטענע מיט שטעטלשן שטייגער־לעבן. אָט באַקענען מיר זיך מיט די מלמדים, מיטן בית־המדרש ווו מ׳קנעלט תורה מיט די קעסט־איידעמלעך אין יידיש־אַרענדאַרישער רחבות אינעם דאָרף וווהין דאָס אַכט יאָריקע בחורל „פּאַרפּאָרט״ ווערן אַ מלמד; אָט באַקענען מיר זיך מיט דער לאַגע פֿון שטעטל נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה: מגפֿות, ראַנגלענישן, פּרנסה־זוכענישן; און אָט ווידער: מיטן „קולטור־לעבן״, דאָס שפּילן טעאַטער אין פֿייערלעשער־זאַל, בענקענישן, אַנ־טוישונגען, לצנישע שטיקלעך; צי גאָר אַ לענגערע מעשה נורא מיט אַן אורח־אַרטיסט, רעזשיסער־הולטיי, וואָס פֿאַרדרייט די קעפּ פֿון די יונגעלייטלעך און פֿאַרפֿירט זיי שפּילן „טעאַטער״, און דער עיקר פֿאַרדרייט ער די קעפּ פֿון די יונגע מיידלעך און... הערצער ווערן צעבראָכן, און עס גיסן זיך טרערן און ס׳איז — הימל עפֿן זיך. געשעענישן, מעשיות, אַנעקדאָטן. סאַרע קלוגע, האַר־ציקע, תמימותדיקע יידן ס׳זענען געווען! אַ גרויסע ליבשאַפֿט און וואַרעמקייט שלאָגט אַרויס פֿון פּערלמוטערס יעדע שורה צו אָט די יידן, וואָס זענען מער ניטאָ, צום שטעטל, וואָס איז מער נישטאָ.

ווי געזאָגט: זכרונות. פּערזענלעכע זכרונות. אָבער אַט די זכרונות האָבן אין זיך די זעלטענע סגולה צו דערוועקן אין דיין האַרץ אָפּקלאַנגען. דו דער־מאָנסט זיך אויך אָן דיין פאַרשניטן שטעטל, מיט זיינע היטלמאַכערס, שוסטערס, שניידערס־טאַנדעטניקעס און לצים און דו קריגסט ליב פּערלמוטערס העלדן, ווייל זיי זענען אויך דיינע און אונדזער אַלעמענס מער נאָך, אַז אַלץ איז גע־שריבן אין אַזאַ פּיקחותדיקן, מחיהדיקן יידיש, יידיש פון אַ גאַנצער וואָך.

הערשל פּערלמוטערס ציל איז געווען, ווי ער שרייבט: „אַרויפצוברענ־גען אויפן פּאַפּיר מיין געבוירן־שטעטל, וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן גע־וואָרן און עס לעבעדיק מאַכן פאַר די אויגן פון היינט".

זיין ציל האָט ער דערגרייכט און דאָס איז זיין גרויסער זכות.

„די גאָלדענע קייט", נ׳ר 59, תל־אביב 1967.

☆

יוסף אַקרוטני

אין „מייך סטערצעוו" האָט דער בעל־יסורים הערשל פּערלמוטער, אַן עקס־איינוווינער פון אומקום־לאַגער אוישוויץ, אַריינגעלייגט אַן אוצר בענק־שאַפט און טריישאַפט צו זיין אייגענעם אַמאָל, אונטערן הימל פון אָרעמען שטעטל. מיט דער תמימות פון אַ פאָלקס־מענטש, וואָס האָט ליב ס׳לעבן, האָט דער מחבר אויפגעלעבט אין זיין געדעכעניש מערערע בילדער פון סטערצעוו, וואָס ווערט אויך אונדז היימיש, אַ דאַנק דעם וואָרעמען אָטעם פון זיין דער־ציילן.

די פיין אָנגעשריבענע סקיצעס פון שטעטלשן וועלטל, וואָס איז ער־טערווייז דורכגעוועבט מיט אַ באַשיידענער איראָניע, לייענען זיך, ווי נאָך אַ

ליטעראַרישער דאָקומענט פון פּאָלקישן יידישן פאַרגיין אין פּוילן אונטער דער האַק פונעם משחית.

„הכל תלוי במזל" (צו אַלץ דאַרף מען האָבן מזל) זאָגן די חז"ל. האָט טאַקע „מיין סטערצעוו" אויך מזל צו זיין פאַרזען מיט הקדמות פון אונזערע גרויסע דיכטער און שרייבער אברהם סוצקעווער און סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי, וואָס באַשיינען און פאַרשטאַרקן דעם חשיבות פון בוך.

(פראַגמענט)

„יידישע צייטונג", בוענאָס איירעס.

☆

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

גאָר אַנדערש שילדערט די יידן פון זיין שטעטל ה. פערלמוטער. אויף אַ וויציקן אופן ברענגט ער אַרויס די אָרעמקייט פון דעם אָרום. דורך עטלעכע שמייכלענדיקע באַמערקונגען, זעט זיך דער גאַנצער טרויער פון אָרעמען לעבן. שפּאַנענדיק פון איין גלייכווערטל צום אַנדערן, קומט ביים מחבר אַרויס, אַ יידיש שטעטל מיט יידישן הומאָר, וואָס שוועבט איבער אַלע מאַטערנישן. אַזוי אויך די הויכע מאָראַל פון דעם אָרעמען שטעטל. איבער דער אָרעמקייט שוועבט אַ שטראַל, און איבער אַלעמען די יידישע פעסטונג. בקיצור, יידישקייט.

דאָס גאַנצע בוך איז דורכגענומען מיט טיפער בענקשאַפט צו זיין שטעטל.

(אויסצוגן)

„סביבה", ניו־יאָרק.

☆

ד״ר לייב קורלאַנד

דער מחבר, אונדזערס אַ פֿאָלקס־ייד, איז געבליבן — טראָץ זיין אויש־וויצער „סטאַזש״ — אַ ייד, געקניפּט און געבונדן מיט יידישן פֿאָלקס־נוסח. זיין ספר איז בסך־הכל אַן אינטערעסאַנטע לעקטור, פול מיט האַרציקייט, אהבת־ישראל, אייגנאַרטיקער תמימות: און דערצו — אַ מצבה און אַ קדיש, און אַ העל־פֿלאַמיק נר־תמיד ליכט, וואָס וועט העלפֿן אויפֿרייסן די נאָך־חורבנדיקע חשכות פֿון די אומהיילבאַרע יאָושיסטן.

דעם ליבן „אונדזער־קיום״־חסיד, דעם מחבר פֿון „מיין סטערצעוו״ ה. פּערלמוטער, אונדזער האַרציקן דאַנק צוזאַמען מיט אונדזער סמיכה, מיט אַ קרוינענדיקן שרייבער אַטעסטאַט!

(אויסצוג)

„אונדזער קיום״, פּאַריז.

☆

יהודית קאַלמאַן

ה. פּערלמוטער וואָס איז אַ פּאַריזער תושב, האָט פֿון שטענדיק אָן געהאַט אַ נייגונג צו טעאַטער. שטייט טאַקע דאָס שפּילן טעאַטער אין מיטלפּונקט פֿון די זכרונות זיינע. כמעט אַלע געשטאַלטן, וואָס ווערן דורך אים געשילדערט פֿון דעם אַמאָליקן שטעטל, טראָגן אויף זיך דעם חותם פֿון גוטסקייט און איידל־קייט.

דער מחבר אידעאַליזירט אפשר דאָס שטעטל זיינס. אָבער ווער קען אים דאָס פאַרוואַרפן ? בפרט ווען אַלץ איז באַשריבן מיט אַ קערנדיקער, רייכער, פאָלקס־טימלעכער שפּראַך !

(אויסצוגן)

„נייע פּרעסע״, פּאַריז.

☆

יצחק גרודבערג־טורקאָוו

זכרונות פון „דער אַלטער היים״, פון די געבוירן־שטעטלעך, פון די קינדער־יאָרן, זענען לעצטנס אַ סך דערשינען — פון שרייבערס און סתם יידן. „מיין סטערצעוו״ פון ה. פערלמוטער האָט אָבער עפּעס אַ מין באַזונדערן אַראָמאַט: ס׳איז אַ מין יזכור־בוך פון אַ יחיד.

„מיין סטערצעוו״ (דערשינען אין פאַרלאַג „המנורה״, תל־אביב) איז טאַקע פאַרזען מיט אַן אַריינפיר פונעם מחבר (אגב אַזעלכע הייליקונגען זענען אַן אָפטע דערשיינונג נאָכן דריטן חורבן) „זאָלן די דאָזיקע זכרונות פון מיין געבוירן־שטעטל זיין געהייליקט די, וואָס זייער אָנדענק איז אויף תמיד פאַרבונדן מיט יעדן טאָג, וואָס כ׳האָב דאָרט געלעבט... זאָל מיין בוך דינען ווי אַ קדיש צו זייערע יאָרצייטן און ווי אַ מצבה אויף זייערע אומבאַקאַנטע קברים״. ובכן — אַ יחידיש יזכור־בוך, אַ פאַמיליען יזכור־בוך. נייערט: וואָס איז דער באַזונדערער אַראָמאַט פון דעם בוך, דאָס ווערט אונדז קלאָר פון צוויי שרייבערישע הקדמות אינעם בוך און פון „אַ וואָרט פון מחבר״.

ה. פערלמוטער איז „אַ ייד, וואָס האָט איבערגעלעבט אוישוויץ. דאָרט האָט ער דאָך אפילו נישט געקענט חלומען, אַז ער וועט נאָך האָבן די זכיה אָנצושרייבן אַ בוך און אַרויסגעבן עס אין אַ יידיש אייגן לאַנד — אין ישראל״.

פון דעם ווערן מיר אויך געוווּיער, אַז דאָס שטעטל סטערצעוו, אין האַרץ פון פּוילן, האָט פאַרמאָגט איינגאַנצן 500 יידישע משפחות, „אָבער דער שטייגער־לעבן איז געווען אַזאַ פאַרביקער, אַז אַ סך שרייבער וואָלטן פון דאָרט געקאָנט ציען יניקה פאַר קינסטלערישע שאַפונגען", נייערט ה. פּערלמוטער שטעלט זיך נישט אַזאַ אויפגאַבע, ער וויל בלויז „אַרויפברענגען אויפן פּאַפּיר מיין געבוירן־שטעטל, וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן".

דאָס טוט ער טאַקע בשלימות אין זעקס (און טיילווייז אויך אין זיבעטן) קאַפּיטלעך פון זיין בוך. מיט אַ סך וואַרעמקייט, סענטימענט, און מיט אַ גוט אויג. און — ווי מאָדנע ס'זאָל נישט זיין — מיט אַ חוש פאַר הומאָר. דערביי זענען פאַראַן ביי אים אייניקע געשטאַלטן געצייכנטע ממש מיט אַ שרייבערי־שער פעדער (אַ שטייגער: מענדל מלמד פון קאַפּיטל „אַן אַכט יאָריקער מלמד") אָדער עפּיזאָדן (אַ שטייגער: דאָס קאַפּיטל „אַ פאַרשטערטע חתונה" ביי קלמן אָרטשיק) און געשעענישן אין שטעטל (דאָס „שפּילן טעאַטער" פון דראַמאַטישן קרייז, „אַן אויטאָמאָביל מיט פערד").

נאָך אַ ספּעציעלע אייגנשאַפט האָט דאָס בוך „מיין סטערצעוו" וואָס עס איז געשריבן פון אַ פּוילישן ייד, וועלכער האָט איבערגעלעבט אוישוויץ און לעבט זינט יאָרן אין פּאַריז: צוויי הקדמות פון באַקאַנטע שרייבערס: „אַנשטאָט א הקדמה" — אַ בריוו פונעם דיכטער אברהם סוצקעווער, וועלכער רופט אָן דאָס בוך „די אמתע הקדמה צו ווייטערדיקע ביכער און צו זיך אַליין", און ער וואַרט אויף פּערלמוטערס צווייטן בוך: וועגן אוישוויץ. סוצקעווער באַוווּנ־דערט ווי אַזוי דער מחבר „האָט געראַטעוועט פון קאַלכאויוון אַזאַ געשמאַקן אידיאָמאַטישן יידיש פול מיט ווערטל־חן און איידעלן הומאָר" נאָכן איבער־לייענען דאָס בוך בלייבט בלויז מסכים צו זיין מיט סוצקעווערס ווערטער.

די צווייטע הקדמה איז פונעם יידיש־פּוילישן שרייבער סטאַניסלאַוו ווי־גאָדזקי, אַ לאַגער־חבר פונעם מחבר, וועלכער הויבט אָן: „מיר זענען געלעגן אויף די נאַרעס אין די שטעלער און אין טרוים האָבן מיר געזען אונדזערע היימען, געפילט זייער שטילקייט, זיך צוגעהערט וואָס עס דערציילט די נאַכט"... און אַז דער מחבר האָט אויפגעבויט „אַ יידיש שטעטל ערגעץ ווו אין פּוילן, אַ

נישט־באַקאַנט שטעטל, וואָס וועט אַ דאַנק הערשל פּערלמוטער ווייטער לעבן אינעם זכרון פון מענטשן, וועלכע לייענען יידישע ביכער״ און ער פאַרענדיקט: „מיין סטערצעוו״ איז ווי אַ הייסע, ביטערע טרער״.

און לאָמיר צוגעבן, אַז אין דער טרער, שפּיגלען זיך אָפּ אַ סך ליידן, אָבער אויך פריידן פון אַ פאַרשניטן קליין יידיש שטעטל אין פּוילן, דאָס לעבן, דאָס האַרץ און די געפילן פון אַ האַרציקן יידישן פאָלקס־מענטשן — ה. פּערלמו־טער.

„פאָלקסבלאַט״ נ׳ר 9־10, 7־טער מאַי 1967.

☆

לוי שאַליט

אונדזער אַ גוטער פריינט און גוטער לייענער, האָט דאָ אַנומלט צוגע־שיקט אַ בריוו אין רעדאַקציע מיט אַ גוטער שאלה: איר פלעגט אַמאָל שרייבן אָפּהאַנדלונגען וועגן ניי־דערשינענע ביכער. פאַרוואָס האָט מען עס אויפגע־הערט? עס פעלט טאַקע.

ווען מען פעלט עס, וויפיל לייענער זענען פאַראַן, וואָס דאָס פעלט זיי טאַקע? דאָס איז יידישלעך: מיט אַ פראַגע צוריק. וויסנדיק וויפל יידישע בי־כער „מען פאַרקויפט״ אין ישוב, קען מען זיך לייכט משער זיין דעם ענטפער. אָבער פאַר זיך אַליין — איז עס ניט קיין תירוץ. ווייל פאַר אונדז ליגן אַ צאָל ביכער, אַנדערע שוין לאַנגע חדשים, וועלכע בעטן זיך ממש מען זאָל זיי דער־מאָנען, זאָגן כאָטש אַ וואָרט וועגן זיי — ווען אפילו דאָס זאָל נאָר זיין אַן איבער־רופן זיך מיט זייערע מחברים, וואָרעם אַ צאָל פון די מחברים זיינען אינטימע חברים, מיט וועלכע מען איז געבונדן מיט האַרציקע פעדים. און עס איז ניט

געגנוג דאָס ענטפערן זיי אויף אַ פּערזענלעכן אופן פאַר אַ צוגעשיקטן בוך. זיי ווילן, און זיי זענען ווערט, אויך אַן עפנטלעך וואָרט. קומען ווידער באַקאַנטע תירוצים: מען איז גאָר ניט איינגעשטעלט צו שרייבן „קריטיק" און ווו נעמט מען צייט אויף אַלץ, ווען מען איז געציילטע מענטשן אין ווערקשטעל — לויטן אויסדרוק פון י. ל. פרץ — און די לויפיקע, גרויע צייטונגס־אַרבעט עסט אויף די צייט און עסט אויף דעם מענטשן.

אַט דאָס זענען די ענטפערס, און די התנצלות, סיי פאַר דעם וואָס מען האָט ניט געשריבן וועגן די ביכער ביז איצט, און סיי פאַר דעם, וואָס אויך איצט וועלן מיר מוזן זיך מסתפק זיין נאָר מיט קורצע דערמאָנונגען, אָבער דאָס — ניט כדי יוצא זיין, נאָר כדי דערמוטיקן זיך, און די לייענערס, צו אַ צאָל יידישע ביכער. און — אויף אַזויפיל די הקדמה.

לאָמיר אָנהייבן ווי עס דאַרף צו זיין: „מיין סטערצעוו" הייסט דאָס בוך שטעטל־זכרונות פון ה. פּערלמוטער. און מיר דוכט זיך אַז איך האָב שוין וועגן דעם בוך אַפילו געשריבן. טאָ פאַרוואָס ליגט עס נאָך אַלץ צווישן די ביכער, וועלכע וואַרטן אויף אַן אָפּרוף? קען זיין עס איז דערפאַר, ווייל וועגן דעם בוך וויל איך שרייבן — יעדעס מאָל, ווען נאָר עס קומט אויס צו דערמאָנען שרייבערס און זייערע אַרבעטן. און דאָס איז — צוליבן מחבר. און לאָמיך ניט האַלטן קיינעם אין „שפּאַנונג" און גלייך אויסזאָגן, אַז מיטן מחבר איז מען געווען צוזאַמען דאָרטן, אין דאַכאַו טאַקע, און דאָרטן פאַרחברט געוואָרן. און אַז מען האָט פאַר זיך אַ בוך פון אַ דאָרטיקן, טאָ וואָס איז שייך איין מאָל שרייבן וועגן דעם!

ווען איך גיב אַ בליק צום בוך פון הערש פּערלמוטער, גיבן אַ ציטער אויף יענע זכרונות. דאָס איז נאַטירלעך. אָבער ווען איך טו נאָר אַ בליק אין דעם ספר זיינעם, גיט אַ ליכטיק אויף פאַר מיר זיין פּנים, טאַקע מיט אַ ליכטיקן שמייכל, דעם שמייכל וואָס איז דער צלם אלקים, און וואָס דאָס האָט ער אויך ניט פאַרלוירן, און דער שמייכל וואָס טראָגט זיך טאַקע פון בוך אויך.

ער דערציילט, שילדערט וועגן זיין שטעטל גאָר ניט מיט קיין אָנגענומע־נעם איינשטעל פון זכרונות ביכער, וועלכע מערן זיך ביי אונדז. ניין, זיין בוך

איז אַן אויסנאַם אויך דערמיט, וואָס ער באַווייזט ניט דאָס שטעטל, ער דער־ציילט ניט וועגן חורבן ; ער דערציילט וועגן לעבן אין שטעטל, און דאָס אויך וועגן דער סאַמע ליכטיק־לאַכיקער זייט : טעאַטער. דאָס איז די פאַרבינד־שנור, וואָס גייט אַדורך אין בוך, ווי מען האָט געשפּילט יידיש טעאַטער און דעם מחברס אייגענעם חלק אין דעם.

דערמיט — אַחוץ אַנדערע מעלות, ווי לשון, קורצקייט, בליציקער מעטאַפאָר — איז דער חידוש, די אַנדערשקייט פון אַט די זכרונות אין „מיין סטערצעוו".

„אידישע צייטונג", יאָהאַנעסבורג.

☆

אברהם קאַרפּינאָוויטש

די יידישע מאַפּע פון פאַרן חורבן איז באַשאָטן געווען מיט קליינע ישו־בים, ווי זומער־שפּרענקעלעך אויף אַ ליבן פּנים. איצט, נאָך יאָרן, ווען יעדער פון אונדז האָט באַשטימט פאַר זיין געבוירן־אָרט אַ בלוטיק ווינקעלע אינעם אייגענעם הארץ — איצט זענען אָט די ישובים, די צעוואָרפענע שטעטלעך, נאָך נענטער צו אונדזער דמיון און געמיט. מיר פאַרגעסן אפילו אויף אַ רגע, אַז זיי זענען פאַרברענט און פאַרשניטן. מיר זעען זיי דורך אונדזער פאַרנעפּלטער בענקשאַפט כמעט דעקאָראַציעמעסיק, ווי אין אַ געטלעכן טעאַטער. אָט איז דאָס טייכל, און אָט איז די בריק, דאָס באַרימטע וועלדל אויפן וועג צו פּריצס מאַיאָנטעק. דער גערדונגענער עפּל־סאָד און דאָס שענסטע מיידל אין שטעטל, וועמענס מאַנדל־אויגן האָבן באַוויזן אַ מנין בחורים צו פּרווון זייערע כוחות אין דיכטונג. מיר זעען אויך דעם מאַרק, אַ פאַרפּלאָנטערטן אין די פאַרביקע סטענ־געס פון די פּויערטעס ; דעם קצב און דאָס אוממוטיקע קעלבל. דעם גבירס בן־

יחיד, וואָס האָט מורד געווען און זיך געחברט מיטן שטאָטישן פּראָלעט; דעם שמיד און דעם גאַרבערס געזעלן. און ביי דער זייט פון אָט דעם פּיטאָרעסק שטייט דער שטעטלשער לץ, דער פּאַריקמאַכער, וואָס לאָזט קיינעם נישט אַדורך אָן אַ גלייכווערטל, פונעם רב ביז צום בעדער.

האָט אַ שריד פון יענער קאָלירפולער וועלט, הערשל פּערלמוטער, אָנגע־שריבן אַ בוך זכרונות אונטערן נאָמען „מיין סטערצעוו". זאָגט ער דאָרט אינעם וואָרט פון מחבר: „מיין שטעטל סטערצעוו האָט פאַרמאָגט אינגאַנצן פינף הונ־דערט יידישע משפחות, אָבער דער שטייגער־לעבן איז געווען אַזאַ פאַרביקער, אַז אַ סך שרייבער וואָלטן פון דאָרט געקענט ציען יניקה פאַר קינסטלערישע שאַפונגען".

הערשל פּערלמוטער, אין זיין עניוות, לאָזט עס איבער פאַר שרייבער צו ציען יניקה פאַר שאַפונגען. אין זיין ערלעכן צוגאַנג צו דעם גאַנצן ענין קינסט־לעריש שילדערן דאָס אָרט און די סביבה פון די יוגנט־יאָרן, מיינט ער, אַז דאָס איז אַן עובדא פאַר רייפע פען־מענטשן. ער פאַרגעסט, אָבער, דערביי, אַז ווען, למשל, שלום אַש האָט באַשריבן דאָס שטעטל, האָט עס געלעבט מיט דעם גאַנצן ברויז, מיט אַלע שטורעמס פון יידישן קיום. איצט אָבער, ווען אונדזערע שטעט־לעך ליגן אין שטויב, איז אפשר גאָר נויטיק די וואַרעמע תמימות, וואָס באַ־הויכט די באַשרייבונגען פון פערלמוטערס העלדן, כדי זיי זאָלן אונדז ווערן נאָך נאָענטער און היימישער. אָט טאַקע דעם מחברס אוממיטלבאַרער נוסח, זיין נישט זוכן דאָס אויסגעצאַצקעטע אין דער שילדערונג, איז גורם צו אַ געפיל, אַז מען לייענט נישט, נאָר אַז עמעץ זיצט קעגנאיבער דיר און דערציילט אַזוי שטיל וועגן מענטשן און פּאַסירונגען אין אַ יידיש שטעטל; און דאָס דערציילטע איז פאַרהוילן אין אַ טריבער בענקשאַפט, ביז מען כאַפּט זיך, אַז נישט פאַר בענקשאַפט איז דער פּלאַץ, נאָר פאַר צאָרן און קללה אויף די קעפּ פון די רוצחים, וואָס האָבן פאַרטיליקט אונדזערע היימען.

אין איין זאַך איז הערשל פּערלמוטער יאָ גערעכט. דאָס שטייגער־לעבן אינעם שטעטל איז טאַקע געווען זייער פאַרביק. צווישן די שמאָלע דורכגענג פון די נידריקע יידישע שטיבער האָבן זיך געדרייט טיפּן, וואָס יעדער פון זיי

איז געווען איינאונאיינציק. עס איז זיכער אַז ווען מען זאָל איינעם פון זיי אַרי־בערפירן אויפן פאַן פון אַן אַנדער אומגעבונג, וואָלט ער זיך בשום אופן נישט אַריינגעפּאַסט דאָרט. יעדער פון די־אָ אייגנאַרטיקע פּאַרשוינען, וואָס ס׳איז זיך גאָרנישט פּאָרצושטעלן אונדזער אַמאָליק לעבן אָן זיי, איז געווען צוזאַ־מענגעשלאָסן מיט דעם אַרום. אָט, למשל, שילדערט דער מחבר די חברה כלי־זמרים ביי אים אין שטעטל. מען קאָן זאָגן, אַז עס איז אַ שטיק זיטן־געשיכטע, אָט דאָס קאַפּיטל וועגן זיי. פּערלמוטער באַשרייבט נישט בלויז זייער שטייגער, נאָר אויך זייער לשון, וואָס דאָס איז אַ פּענאָמען פאַר זיך. אָט די אור־אבות פון די שפּעטערדיקע יידישע קינסטלער, וואָס האָבן באַהערשט די וועלט־עסטראַ־דעס, ווי זיי האָבן דאָס געפּאַרבט דאָס שטעטלשע לעבן אין פריידיקע קלאַנג־פאַרבן, אַפילו בעתן אויסוויינען אויף זייערע פידלען אַ כלה־באַדעקן. בלויז שוין צוליב דעם שמועס פון די כלי־זמר אויף זייער זשאַרגאָן, אַ פאַרשטענד־לעכן נאָר אינעם פאַך — בלויז צוליב דעם איז ווערט געווען אָנצושרייבן די שטעטלשע פרשה וועגן אַן אויטאָמאָביל מיט פערד. ס׳איז שווער זיך איינצו־האַלטן נישט צו ציטירן דעם קורצן איבעררעד צווישן צוויי כלי־זמרים, אַ זון מיט אַ טאַטן:

— לייבקע, כ׳דאַרף סטראָיען די כלי, גיב מיר נאָר א, א, א...

— טאַטע, רייב ווי דו קענסט, ס׳איז שפּעט, מען דאַרף אָפּשפּילן דעם „מזל־טוב"...

מען קאָן אַמאָל זיצן אויף אַ קאָנצערט אין „היכל התרבות" און פּלוצים זיך דערמאָנען אין אַזאַ מוזיקער שמועס. איז אָט זענען מיר פון ערגעץ אַרויסגע־וואַקסן. מיר פאַרמאָגן אַן אָפּשטאַם, אַפילו אַ יחוס.

הערשל פּערלמוטער האָט זיך געראַטעוועט אין אוישוויץ. דאָס פייער האָט נישט צעשרפעט זיין נשמה. מען פילט אין זיין שרייבן די אמונה אינעם מענטש, אין דער אַרומיקער שיינקייט. טאַקע פון אים, וואַרטן מיר אויף אַן אויטענטישער שילדערונג פון מענטשלעכער דערהויבונג אינעם ים פון דיי־טשער רציחה און שפלות.

„לעצטע נייעס", תל־אביב, 21 אַפּריל 1967.

ל. מאַקאָווסקי

נישט איך קען הערשל פערלמוטער און נישט איך האָב געהערט וועגן אַזאַ שרייבער. באַקומען זיין בוך און געזען דעם נאָמען „מיין סטערצעוו" האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז אַ יזכור־בוך געווידמעט דעם שטעטל סטערצעוו — אַ יידיש שטעטל אין דער לאָדזשער וואָיעוואָדסטווע, וואָס איז אומגעקומען אין דעם פייער פון היטלער־גיהנום, פונקט אַזוי ווי ס'זענען אומגעקומען הונדערטער אַנדערע יידישע קהילות אין פוילן.

אָבער געפונען האָב איך עפּעס אַנדערש אין דעם דאָזיקן בוך. אמת, פערלמוטער האָט דאָס בוך געווידמעט זיין היימשטעטל סטערצעוו, ווי זיין טראַגיש אומגעקומענע משפחה. דאָס איז אָבער נישט קיין יזכור־בוך אין דעם זין ווי עס זענען אָנגעשריבן געוואָרן פיל ענלעכע ספרים אין די לעצטע יאָרן, דאָס איז אַ בוך זכרונות וועגן דעם שטעטל אין וועלכן דער מחבר איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

הערשל פערלמוטער, איז אַ ייד אַ געראַטעוועטער פון אוישוויצער קאַלך־אויוון, אַ מענטש וואָס האָט געזען צענדליקער מאָל דעם טויט פאַר זיינע אויגן. האָט אים דאָך זיכער געצויגן צו באַשרייבן זיין אַדורכגעלעבטן גיהנום אין אוישוויץ, זיינע שרעקלעכעליידן און דעם טויט פון זיינע אומגליקלעכע ברידער. און עס וואָלט געווען נאַטירלעך, ווען ער וואָלט דאָס געטאָן אין זיין ערשטלינג־בוך. אָבער ניין, הערשל פערלמוטער האָט ליבער געוואָלט, אַנ־שטאָט צו באַשרייבן זיינע אייגענע שרעקלעכע איבערלעבונגען, אונדז צוריק־פירן אין זיין געבוירן־שטעטל סטערצעוו און צוריק אויפלעבן פאַר אונד־זערע אויגן די שוין איצט פאַרשווונדענע טיפּן פון דעם אַמאָליקן קליינשטעטל־דיקן יידישן יישוב.

מיט פיל טאַלאַנט פירט פערלמוטער אַרויס אויף דער אַרענע די יידישע פּאַלקסטיפּן פון אַמאָל, וועלכע האָבן געלעבט און געשאַפן אין דעם יידישן שטעטל פון אַמאָליקן פוילן. אַ פילפאַרביקע גאַמע פון יידישע האָרעפּאַשניקעס

און קבצנים, פילפאַרביק אין זייער אויסזען און לויט זייערע נעמען, ווי למשל: געלער אַנטשל, שוואַרצער רפאל, ווייסער פּיוויש, בלינדער טוביה, טויבער בערל, לאַנגער נחמן און אַנדערע.

צי זענען דאָס סטערצעווער טיפּן? האָב איך די זעלבע יידישע פּערסאָ־נאַזשן נישט שוין פריער געטראָפן ביי מענדעלען און שלום עליכעמען? און צי האָב איך זיי נישט אַמאָל געזען אַרומשפּאַצירן אויף די געסלעך פון מיין אייגן היימשטעטל? — — —

און וויכטיק ביי פּערלמוטערן איז, וואָס אוישוויץ האָט נישט צוגענומען ביי אים דעם גלויבן אין דעם מענטשן. נאָך אַלע פּורעניות אוןליידן איז דער מחבר געבליבן אַן אומבאַשעדיקטער מענטש און זיינע געשילדערטע געשטאַלטן פון אַמאָל זענען לעבעדיקע, גאַנצע, מענטשלעכע. — — —

אין זיין „אַ וואָרט פון מחבר" שרייבט הערשל פּערלמוטער: „ביים שריי־בן מיינע זכרונות, האָב איך נישט געטראַכט צו וועלן דערמיט דערגרייכן אַ קינסטלערישע מדרגה. מיין ציל איז געווען אַרויפצוברענגען אויפן פּאַפּיר מיין געבוירן־שטעטל, וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן, און עס לעבעדיק מאַכן פאַר די אויגן פון היינט".

„אַרבעטער־וואָרט", פּאַריז, אַפּריל 1967.

☆

אברהם לעוו

צום ערשטן מאָל הער איך דעם נאָמען: סטערצעוו. איך ווייס נישט וווּ דאָס קליינע יידישע שטעטל געפינט זיך אויף דער פּוילישער מאַפּע. איך ווייס אויך נישט צי עס איז דערשינען אַ יזכור־בוך וועגן דעם אָפּגעמעקטן שטעטל,

ווי עס זענען דערשינען וועגן הונדערטער אַנדערע קהילות, וואָס דער נאַ־צישער צורר האָט אָפּגעווישט.

און אָט איז געקומען אַ ייד אָן פּרעטענציעס „צו וועלן דערמיט דערגרייכן אַ קינסטלערישע מדרגה״, אַ ייד וואָס האָט איבערגעלעבט — אָדער ווי סוצ־קעווער זאָגט: „איבערגעשטאַרבן״ — אוישוויץ. אפשר דער איינציקער, אָדער פון די געציילטע, וואָס זענען געבליבן פון ק״ק סטערצעוו און דערלאַנגט אונדז אַ בוך אין וועלכן ער שילדערט אויף די הונדערט און אַכציק זייטן זיין „גע־בוירן־שטעטל וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן״. עס רוישט אַדורך אַ פילפאַר־ביקע יידישע עדה, מיט זייער שטייגער־לעבן און מענטאַליטעט, מיט זייערע מאָדנע טיפּן, פּירונגען און יידישן נוסח.

לייענסט דאָס בוך און וווּנדערסט זיך: פון וואַנען נעמט זיך צו דעם יידן, וואָס איז נישט קיין ליטעראַט — ווי ער זאָגט אויף זיך אַליין עדות — אַזאַ קלאָרקייט, אַזאַ זאַפטיקער פאָלקס־לשון ביים שילדערן די יידן פון זיין אונטערגעגאַנגענעם שטעטל. דערפאַר אָבער פאַרמאָגט ער נישט די אַלע ליטע־ראַטישע פליטערלעך און באַפּוצונגען. ער דערציילט קלאָר און לויטער, און דווקא דער נוסח פון דערציילן איז מחיה־נפשות די אַלע געשטאַלטן פון דעם שטעטעלע.

פערלמוטער גריבלט זיך נישט אין זיינע טיפּן וועלכע ער שילדערט, ער איז אַ מסיח לפי תמו, אַזוי האָט ער זיי געזען, אַזוי האָט ער אויפגענומען זיינע שטעטלשע מענטשן, און אַזוי דערציילט ער. די גרויסע מעלה פון אָט דעם פאָלקס־ייד איז: ער ווייס צו דערציילן אַזוי, אַז ס׳זאָל דיך אַ כאַפּ־טאָן ביים האַרצן. לייענענדיק דוכט זיך דיר, אַז דעם געשילדערטן מענטשן האָסטו שוין באַגעגנט ערגעץ אין לעבן. און דאָס איז די גרויסע מעלה פון פערלמוטערן.

לאָמיר אַ קוק טאָן אין סטערצעוו, ווי דער מחבר שילדערט עס. אַ פּראַצע־וואַטע שטעטל, מיט בעל־מלאכות פון אַלע פאַכן, מיט כלי־קודש, מיט רייסע־רייען אַרום אַ חזן, אַרום אַ רב. פאַרשידענע משונהדיקע יידן; טשודאַקעס, וואָס אַזוינס האָבן מיר נאָך נישט אָנגעטראָפן אפילו ביי אונדזערע קלאַסיקער. פאַר־

שטענדלעך, אַז זיי זענען געשילדערט אָן קינסטלערישן פאַרנעם — אָבער זיי קומען אַרויס מיט זייער גאַנצער פשטות און תמימות.

דאָס רוב יידן פון שטעטל האָבן צונעמען, ביי וועלכע מען רופט זיי. אַמאָל צוליב זייער פאַך, אָדער אויפפירונג, אָדער אַזוי אַ מעשה שהיה און דער נאָמען פאַרבלייבט אויף שטענדיק.

אַזוי האָט דער לאָמער בעריש געקראָגן אַ צונאָמען „גוט יום טוב". ווייל אין נײַנצן פינף, ווען ס'האָבן אויסגעבראָכן שטרייקן אונטערן צאַרישן רע־זשים, איז בערל אַרומגעלאָפן צווישן די טאַנדעטניקעס און נישט געלאָזן אַר־בעטן: „מען טאָר נישט אַרבעטן, ס'איז יום טוב" און דער נאָמען איז אים שוין געבליבן אויף אַלע זיינע יאָרן. אָדער אַ ייד, וואָס מען האָט גערופן „יאָמע האַק". ווייל בטבע אַ קאַרגער ייד, פלעגט ער נישט וועלן געבן אומזיסט קיין נדבה. קומט אַריין אַן אָרימאַן, גיט ער אים אַ האַק אויף האַקן האָלץ, וועט ער באַקומען דעם לוין. אַזעלכע יידן אין ערשטן פרק שילדערט דער מחבר אַ סך און אַרום זיי וויקלען זיך עפּיזאָדן: משפחה־לעבן, פאַרלויפעניש און צאַנקע־רייען.

אַ שטעטל ווי אַלע שטעטלעך אין פוילן, וואָס פאַרמאָגט אַלץ, וואָס אַ יידיש שטעטל דאַרף האָבן: אַ מקוה, אַ טייך, אַ גלח און להבדיל אַ רב און יידן — יעדער מיט זיין שטאַרקייט צו שוואַכקייט. און פערלמוטער פאַרמאָגט אַ גאַנץ פיינע דאָזע הומאָר שילדערנדיק די פאַרשידענע פאַרלויפענישן מיט זיינע שטעטלשע פאַרשוינען, ביי וועמען ער שטעלט זיך אָפּ ווייניקער, ביי וועמען מערער. אָבער דער לייענער האָט אַ הנאה בעת מעשה פון די פאַרשי־דענע געשיכטעס, וואָס דער מחבר דערציילט אונדז, נישט חלילה אויסגעלאַכט, נאָר פאַרקערט — לעבעדיק געמאַכט אַ טויט שטעטל יידן, וועלכע קומען צו אונדז מיט זייער לשון, מיט זייערע מעשים, טיילמאָל גאַנץ לעכערלעכע, ווי מיר קוקן אויף דעם היינט. אָבער דאָס איז דאָך געווען דער שטייגער לעבן פון דורות יידן, ביז דער צורר האָט זיי אָפּגעווישט פון דער פוילישער ערד.

און נאָך דעם ווי ער שטעלט פאַר אונדז פאַר זיין שטעטל, גייט ער אַרי־בער צו דערציילן פון זיין אייגענעם לעבן. דאָס לעבן פון אַ גערעטן יינגל אין אַן אָרעמער שטוב. דאָס איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און די נויט פאַרטרייבט אים צו אַכט יאָר ווערן אַ מלמד אין אַ דאָרף ביי אַ יידישן פויער, אַן אַרענדאַר, וואָס האָט גרויסע פאַרגרעבטע זין, וואָס קענען נישט קיין צורות אות, און דאָס קליינע יינגל דאַרף גיין קנעלן מיט זיי.

די וויטערדיקע קאַפּיטלעך זענען ווי דערציילונגען פאַר זיך. אַזוי די „פאַרשטערטע חתונה", „אַן אויטאָמאָביל מיט פערד" אָדער די לענגסטע אין בוך: „חוהלע". חוהלע איז דווקא אַ פרוי אַ רשעטע, אָבער פערלמוטער שיל־דערט זי מיט וואַרעמקייט. ווייבאַלד דער מחבר האָט שוין פון אָנהייב זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער האָט נישט קיין שום קינסטלערישע פּרעטענציעס, איז דווקא מחיהדיק צו לייענען די מעשיות, וואָס זענען זיך פאַרלאָפן מיט אַ פער־ציק יאָר צוריק; ער שילדערט זיינע שטעטלשע מענטשן און זייערע פּאַסירונ־גען מיט בענקשאַפט און ליבע, און אַלע די גוטע און די שלעכטע, די צדיקים און די רשעים, אַלע, זיי גייען אַרויס ריין און געלייטערט, ווי נאָכן טראַגישן יידישן אומקום אין פוילן וואָלט ער נישט געוואָלט, אַז עס זאָל פאַלן אַ פלעק אויף זיי.

הערשל פערלמוטער, נישט קיין ליטעראַט, איז אָבער ביכולת פאַרצושטעלן דאָס שטעטל זיינס מיט אַלע אירע יידן און יידענעס, מיט דער יוגנט, וואָס האָט זיך געריסן צו אַ בעסער לעבן. דאָס איז אַ בוך וואָס אַ ניצול־געוואָרענער ייד פון אוישוויצער גיהנום, האָט געפילט ווי אַ חוב אָנצושרייבן און פאַראייביקן די טיפן און דעם לעבנס־שטייגער פון זיין שטעטל, וואָס איז צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע קיבוצים אָפּגעווישט געוואָרן.

„לעבנס־פראַגן", תל־אביב, מערץ־אַפּריל 1968.

באַרווין פרענקעל

„זכרונות" איז בטבע אַ לעצט קאַפּיטל, נישט נאָר אין דער ליטעראַטור, נאָר אויך אין לעבן. מען קומט נאָך אַ לאַנגן וועג פול מיט איבערלעבענישן, גוטע און שלעכטע, רעאַליזירטע און נישט רעאַליזירטע פאַרלאַנגען, מיט אַן טאַ, עס איז נחרב געוואָרן, בויט מען עס צוריק אויף אין דמיון. נעמט מען צו־אַ שיעור דעזאילוזיעס צוריק אַ היים. די היים, דאָס שטעטעלע איז מער ניש־הילף דעם זכרון, די פאַנטאַזיע און מען שטעלט עס צוריק אויף, און עס דוכט זיך אויף אַ ווײַלע, אַז עס לעבט צוריק אויף אין מיר, מיט די אייגענע גליק־לעכע קינדער־יאָרן. די „שיינע תקופה" טויכט ווידער אויף, דאָס מאָל אויפן פּאָן פון אַ גרויער ווירקלעכקייט.

דער זשאַנער פון זכרונות־ליטעראַטור האָט זיך ביי אונדז לעצטנס שטאַרק פאַרשפּרייט — פּאַראַלעל צו דער חורבן־ליטעראַטור — און עס ווערט אפשר דערמיט געטאָן אַ גוטע זאַך. עס בלייבט אַ זכרון נאָך אַן אויסגעראָט לעבן אין די ד׳ אמות פון אַ שטעטל.

ה׳ פערלמוטער איבערלאָדנט נישט זיינע זכרונות מיט ליטעראַרישן ווילד־גראָז. ער זאָגט אַליין : „ביים שרייבן מיינע זכרונות האָב איך נישט געטראַכט צו וועלן דערמיט דערגרייכן אַ קינסטלערישע מדרגה". די באַשיידנקייט און אויפריכטיקייט איז כדאי אונטערצושטרייכן. דאָס איז אָבער בלויז טיילווייזער אמת, ווייל דער מחבר פאַרקערעוועט אין לויף פון זיין שרייבן אויף „באַטשנע וועגן פון סטערצעוו". ער באַגענוגנט זיך נישט בלויז מיטן איבערגעבן די אַט־מאָספער און צייכענען געוויסע פאַרשוינען פון זיין שטעטל, נאָר פרווט אויך אויס זיין שרייבערישן טאַלאַנט אויפן דערציילערישן געביט. „אַ סך שרייבער וואָלטן פון דאָרט געקענט ציען יניקה פאַר קינסטלערישע שאַפונגען" — זאָגט ער אין זיין „אַ וואָרט פון מחבר". און ער פּרווט אונדז דערפאַר געבן אייניקע מוסטערן פון זיין שרייבערישע פעאיקייט. זיי זענען געבויט אויף אמתע פּאַסי־רונגען, וועמענס העלדן זיינען אים געווען גוט באַקאַנט.

זיכער זענען זיך פאַרלאָפן פאַרשידענע געשעענישן אפילו אין דעם קליי־נעם שטילינקן און באַשיידענעם סטערצעוו, און זיי האָבן אים געדינט ווי אַ רויער לעבנס־מאַטעריאַל פאַר אַ פּאָר דערציילונגען ווי „אַ פאַרשטערטע חתו־נה", „אַן אויטאָמאָביל מיט פערד" און פאַר אַ גרעסערע דערציילונג מיטן נאָ־מען „חוהלע". אין די דאָזיקע דערציילונגען איז אָבער אויך פאַראַן די אַטמאָס־פער פון סטערצעוו, מער זיין אויסערלעכע זייט אין אַ געוויסן פיטאָרעסק, וואָס רופט אַרויס נאָסטאַלגיע ביי די וואָס האָבן איבערגעלעבט די מעשיות, אָדער זענען געווען פאַרבונדן מיט די העלדן. אין שטעטעלע האָט יעדער געוווסט וואָס ס׳פּראַזשעט זיך אונטערן שטערצל ביי אַ צווייטן, אָבער מען האָט פאַרזען דעם עיקר. — — —

עס איז פשוט רירנדיק אָט דאָס אַלץ וואָס פּערלמוטער דערציילט און דערצו פאַריונגערט עס אונדז. מען האָט דעם איינדרוק, אַז מען איז יונגער געוואָרן מיט אַ פופציק יאָר און אַז מען איז אַלץ פאַרבליבן אין שטעטל (אין הילכות ליטעראַטור). דאָס איז די מעלה אָבער גלייכצייטיק אויך דער חסרון. אויב דער לייענער ווערט דערביי אַביסל „פאַריונגערט", ווערט אָבער אונדזער ליטעראַטור דערפון פאַרעלטערט. פּערלמוטער האָט געהאַט דערביי זייער גוטע כוונות און ער דרוקט עס אויס אויף אַ פשוטן עמך־אופן. עס איז נישט גע־קינצלט, עס איז נישט סנאָביסטיש, פאַרקערט, עס פאַרמאָגט אפילו אַ נאַאיוון חן פון אַ פּרימיטיוו. קען מען אַזוי אַרום האָבן דערפון דעם פאַרגעניגן, ווי מען וואָלט למשל געבלעטערט אַ פאַרגעלטן פאַמיליען־אַלבאָם מיט אַ סענטימענ־טאַלער טרער אין ווינקל פון אונדזערע, צוליב עלטער פאַררויטלטע אויגן.

אברהם סוצקעווער פאַרענדיקט זיינע וואַרעמע אַריינפיר־ווערטער צום דאָזיקן בוך אַזויאַרומעט: „איצט, נאָך דער הקדמה — וואַרט איך אויף אייער צווייט בוך וועגן אוישוויץ, זאָל אייך שטאַרקן אייער ריינע מענטשן־ליבע ביים שילדערן אייערע דאַרטיקע העלדן". און דער ווונטש איז אויך אונדזערער, וויל די וועגן פון די הונדערטער סטערצעוו׳ס האָבן געפירט קיין אוישוויץ. ה. פּערלמוטער געהערט צו די זעלטענע, וואָס איז פון דאָרט אַרויס אַ לעבעדי־

קער און גלייכצייטיק פול מיט ליבע און גלויבן אין מענטשן. זיין גבית־עדות און זכרונות קענען אַזוי אַרום האָבן אַ גרויסן ווערט פאַר אונדז.

„אונדזער שטימע", פּאַריז, נומ. 60, מערץ 1967.

☆

חשובער פריינט ה. פערלמוטער

קודם כל, אַ האַרציקן דאַנק אייך פאַר דעם גרויסן פאַרגעניגן וואָס איר האָט מיר פאַרשאַפט מיט אייער בוך „מיין סטערצעוו“. יע, דאָס איז אַ לעבעדיק בילד פון אַ יידיש שטעטל מיט אַלע אַראַמאַטן, מיט אַלע חנען און מיט דעם נויטיקן זאַלץ און פעפער. לאַנג לעבן זאָלט איר! צווייטנס, דאַרף איך ביי אייך בעטן סליחה, וואָס אַזוי לאַנג נישט אָנגעשריבן אייך. די מעשה איז, וואָס איך בין באמת פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, עס פעלט מיר אויס אַ פאָר שעה אין טאָג, איך גנבע זיי פון די נעכט, אָבער נאָר אַלע מאָל געלינגט מיר די גנבה, אַזוי, אַז איך בין שטאַרק הינטערשטעליק מיט בריוו און נאָך מער — מיט לייענען. האָט אייער בוך געוואַרט אויף זיין ריי. איז דאָך אָבער דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, מאַכט זיך ביי מיר אַ נאַכט אָן שלאָף, כאַפּ איך מיט דער האַנט אין דער פינצטער עפּעס פון דעם, וואָס ליגט לעבן מיין בעט און לייען... יורשט זיך פאַר־לייענט און פאַרלאַכט זיך ביז די פייגעלעך אויף די ביימער איבער מיין גאַס האָבן גענומען דאַווענען שחרית... אַ קוק, שוין איבערגעלייענט מער ווי הונדערט זייטן און געבליבן שטאַרק צופרידן. לאַנג לעבן זאָלט איר! היינט, נאָדיר גאָר אַ בריוו מיט אַ באַגריסונג אויך! בין איך דאָ אַ בעל עוולה! בין איך באמת צופרידן, וואָס די נאַכט האָט זיך עפּעס ניט געשלאָפן. מעשה אחשורוש מיטן ספר הזכרונות! אָבער איך מוז אייך זאָגן: איר קענט דערציילן, און גאָר פיין דערציילן. און עס איז מיר אַ וווּנדער, וואָס ביז איצט

ניט געטראָפן אייער נאָמען. ווי קומט עס ? ווי מיר דוכט זיך, זייט איר בכוח צו געבן מער און ברייטער ווי איין ביכל. מדוע ולמה ? איך וועל זיין צופרידן צו קריגן פון אייך מער אינפאָרמאַציע. ווי פלעגט מען זאָגן אין שטעטל ? — „לאָמיר זיין באַקאַנט״.

איך וועל פרווון נאָך עפעס אַנשרייבן וועגן אייער בוך. דערווייל — אייך מיין בעסטן דאַנק. איך בין באמת געווען גאָר צופרידן. אַ דאַנק !

שרייבט, צי איר האָט מיינע נייע ביכער, וועל איך צאָלן עין תחת עין — אַ בוך פאַר אַ בוך. לאָמיר זיך צווינטשן פטור צו ווערן פון די שונאי ישראל !

אברהם גאָלאָמב

לאָס אַנדזשעלעס יוני 1969

☆

איך בין שטאַרק גערירט פון דער פשוטקייט און ערלעכקייט פון אייער שרייבן. און נאָך מער גערירט פון אייער פיעטעט, צוריק צו ברענגען צום לעבן אייער און אונדזער אַלעמענס שטעט און שטעטלעך ווו יידן האָבן געוווינט דורות לאַנג, ווו דער פאָדעם פון זייער לעבן האָט זיך פלוצעם איבערגעריסן. „סטערצעוו של מעלה קוקט אויף אייך אַראָפּ מיט פאַרווייינטע אויגן״.

איך מוז ספעציעל דערמאָנען אייער דערציילונג „אַן אַכט יאָריקער מלמד״ וואָס האָט אויף מיר געלאָזן אַ טיפן איינדרוק. איך בין נאָכגעגאַנגען מיטן יינגל דעם לאַנגן וועג צו פוס צוריק אַהיים אין שטעטל.

איר מעגט מיט פאַרגעניגן אויסנוצן מיינע פאָר ווערטער. און אויב עמעצער וועט זיך צוהערן צו זיי און ס׳וועט דערפון צוקומען נאָך אַ לייענער, וועל איך זיך פרייען. אַזעלכע ערלעכע און פאַרליבטע בילדער פון אייער אַלטער היימשטאָט, זענען ווערט צו לייענען.

יוסף לעפּטוויטש

לאָנדאָן, נאָוועמבער 1969.

אַ יישר־כּוח פֿאַר אייער סטערצעוו־מתּנה מיט וואָס איר האָט מיך מהנה געווען אויף יו״ט. זענט איר גערעכט, אַז לגבי ליטעראַטור איז נישט חל דער דין פֿון עבר זמנו. אדרבא, עפּעס גוטס קען מען תּמיד לייענען.

פֿאַרדריסט מיך נאָר, וואָס אין פֿאַריזער הו־האַ האָב איך זיך מיט אייך נישט פֿריער באַגעגנט. אַזאַ ייִד ווי איר פֿאַרמאָגט דאָך עפּעס. ווייס איך נישט צי אייער עשירות באַשטייט אין חומר, אָבער באַשטימט אין ירושהדיקייט און שטייגערישקייט. זענט איר דאָך נישט בלויז אַ בעל־זכרונות, נאָר איר קענט גאָר פֿײַן מאָלן די ייִדישע אַמאָליקייט, אירע ייִדן מיט זייער גאַנצער קליינ־שטעטלדיקייט אָבער אינעווייניקסטער רחבות און נאָבלקייט. הקיצור — ייִדיש לעבן מיט זײַן גאַנצער פּשטות און חן. איז דאָך דאָס געווען אונדזער אַלעמענס שטעטל, מיט זײַנע מעלות און חסרונות, אָבער פֿון וואַנען מיר ציִען נאָך עד היום דאָס ביסל גײַסטיקע יניקה און פּרוּוון ממשיך צו זײַן זײַן ירושהדיקייט.

אוודאי וואָלט איך וועלן הערן אַ סך מער פֿון אייער סטערצעוו, וואָס איז לײַדער אָוועק מיטן רויך. נאָר אַ שאָד, וואָס איר האָט איבערגעריסן אינמיטן און געוואָרן פֿאַרפּלאָנטערט אינעם ראָמאַן פֿון דער שיינער חוהלע־עוועלין. אייער אַרטיסטיש האַרץ האָט אײַך מסתּמא געצויגן צו מירעלען.

פֿונדעסטוועגן שרײַבט ווײַטער איבער סטערצעוו, טאַקע מיט זײַן ענג־שאַפֿט און קליינשטעטלדיקייט, אָבער מיט זײַן גײַסטיקער רחבות, זײַן ייִדישער קוואַליטעט און שטייגערישקייט. איר קענט דאָך מאָלן, פֿאַרוואָס זאָלט איר אָפּ־האַקן אין מיטן?! לויט ווי איך זע פֿון סוצקעווערס נאָטיץ, זענט איר נאָך דערצו איינער פֿון די וואָס זענען ניצול געוואָרן פֿון אוישוויץ. לעבט איר שוין

לאַנג אין פּאַריז? האָט איר עפּעס פאַרעפנטלעכט אַחוץ אייער „בן זקונימל״? וועט זיין אַביסל לייכטער אויפן האַרצן, וועט מען זיך אפשר צונויפטרעפן אין פּאַריז. עס קען גאָר גריילעך געמאָלט זיין, אַז איך וועל זיין **בקרוב אין פּאַריז** (נישט חלילה צו האַלטן לעקציעס) נאָר אַדורכגייענדיקערהייט, אַ צוויי טעג. וועל איך עס באַוויזן, וועט עס זיין פאַר מיר אַ נחת־רוח אייך און אַ פּאָר חברים־לדעה צו טרעפן.

האָט מיר אַלדאָס גוטס און נעמט אָפּ נאָך אַמאָל אַ דאַנק פאַר דער שיינער, ציכטיקער סטערצעוו־מתנה. חילך לעבודתך!

ד״ר יעקב י. מייטליס

לאָנדאָן, מוצאי יו״ט פון פסח תשכ״ט (1969).

☆

מיט עטלעכע טעג צוריק, אַז איך האָב דערהאַלטן פון אייך „מיין סטער־צעוו״ — אונדזער אַלעמענס סטערצעוו. איז קודם כל נעמט צו מיין טיפסטן דאַנק פאַר דער אַנגעלייגטער פאַר מיר מתנה.

ווי אַ ייד וואָס פריידט זיך מיט יעדן יידישן בוך — האָב איך תיכף איבערגעלייענט אייערע צוויי דערציילונגען: 1) „אַ פאַרשטערטע חתונה״ און 2) „חוהלע״. איך האָב די דערציילונגען געלייענט מיט שפּאַנונג, מיט נייגיר און מיט הנאה. **דער יידיש** איז נישט קיין געקינסטלטער און די דערציילערישע פאָרם אין איר גרויסער פשטות, איז פאַר מיר די שענסטע פּאָעזיע.

„מיין סטערצעוו״ איז בלי שום ספק אַ ווירדיקע מצבה פאַר אייערע טייערסטע. זאָל גאָט אייך מזכה־זיין מיט געבענטשטע שאַפונגען פאַר לעבעדיקע דורות.

ישראל חיים קלינגער

לאָנדאָן, פעברואַר 1969.

באַקומען מיין סטערצעוו און עס אַריינגעלייענט מיט איין שלונג, ווי אַ שטיקל ברויט אין דאַכאַו. וואָס איז שייך צו געבן „אָפּשאַצונגען" וועגן אַזאַ ווערק? עס איז געשריבן מיט האַרץ — און עס ברעכט דאָס האַרץ, ווייל דאָס אַלץ איז שוין מער ניטאָ. געוויס זעט מען דעם טעאַטער־מענטש, דעם שרייבער. וואָס הייסט מען זעט? עס רעדט אַראָפּ פון אַלע זייטן. איך מיין עס ניט נאָר ווייל וועגן טעאַטער און טעאַטער־מענטשן איז בעיקר דערציילט, נאָר אויך דאָס ניט טעאַטראַלע איז סיי ווי געשריבן פון אַ טעאַטראַל, פון אַ שוישפּילער — אין דעם ווי עס איז באַשריבן; מען פילט דעם ריטעם פון אויפלעבן מענטשן ווי אויף אַ סצענע, זיי באַוועגן זיך, ריידן, לאַכן־לעבן. און מען פילט אויך דעם יידישן טעאַטער־מאַן, וואָס דערציילט ניט, שילדערט ניט, שפּילט ניט איבער לשם פאַרוויילונג — און גוט אַזוי. דער אַנטלאָפּענער אינטעליגענט דאַרף האָבן זיין פּסק פאַרן איבערלאָזן אַ ווייב מיט אַ קינד, און אַזוי דאַרף אויך באַשטראָפט ווערן די געליבטע זיינע. לאָזט זיי דער שרייבער ניט אָפּ, פאַרענדיקט ניט די מעשה אין שטעטל, נאָר גייט זיי נאָך — כדי ס׳זאָל ניט בלייבן קיין גוישער „העפּי ענד", נאָר אַ יידישער מוסר־השכל. גוט אַזוי. אַזוי דאַרף שרייבן אַ ייד. און געוויס אַזאַ ייד, וואָס קומט פון יידן־לאַנד און פון טויטן־לאַנד. זאָלן געשטאַרקט זיין די הענט, דער גוף און די נשמה, טייערער חבר. איך האָף, אַז מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען אין פריידן!

לוי שאַליט

יאָהאַנעסבורג, מערץ 1967.

זייער חשובער פריינד ה. פערלמוטער,

דאָס בוך איז אינטערעסאַנט און איז ראוי צו פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ אין אונדזער יזכור־ליטעראַטור. אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט אונדזער פאַר־שניטן יידיש לעבן, דאַרף ווערן פאַרצייכנט און פאַרפיקסירט פאַר קומענדיקע דורות.

אַ דאַנק פאַרן בוך און אַ דאַנק פאַר די גוטע ווונטשן.

אהרן צייטלין

ניו־יאָרק, יוני 1969.

27 יוני, 1969

ליבער חשובֿער פֿרײַנד מר. ה. פּאָלאָטין,

א דאַנק פֿאַרן בריװ און א דאַנק פֿאַר די
גוטע װוּנטשן.

דאָס בוך איז אײַנגעטראָפֿן און איז דאָך
צו באַגרײַפֿן א חשובֿן פּלאַץ אין אונדזער
ליטעראַטור־היסטאָריע. אַלץ, װאָס האָט צו
טאָן מיט אונדזער נאָענטן ייִדישן
לעבן, דאַרף װערן פֿאַרשריבן און
באַאַרבעט פֿאַר קומענדיקע דורות.

מיט בעסטע גרוסן,
אהרן צײטלין

באַקומען היינט אַן עקזעמפּלאַר פון אייער בוך „סטערצעוו“ און איך דאַנק אייך. דאָס איז שוין דער צווייטער עקזעמפּלאַר פון אייער בוך. מיט אַ צייט צוריק האָט עס מיר געשיקט סוצקעווער.

בין איך מיט אַ שטיקל פאַרלעגנהייט — וואָס טוט מען מיט דעם צווייטן עקזעמפּלאַר ? האָב איך באַשלאָסן דאָס בוך צו פאַרהאַלטן און עס געבן אַ מתנה **אין אייער נאָמען** איינעם וואָס האָט ליב די יידישע ליטעראַטור און האָט נישט קיין מזומן צו קויפן ביכער.

אייערע זכרונות געפעלן מיר שטאַרק. זיי זענען געשריבן מיט האַרץ און דאָס איז דער עיקר. זייטזשע מיר געזונט און שטאַרק און אַל דאָס גוטס —

מלך ראַוויטש

מאָנטרעאָל, פעברואַר 1969.

מאנטרעאל,דעם 19טן פעברואר 1969

טייערער חבר פערלמוטער –

באקומען היינט אן עקזעמפלאר פון אייער בוך "סטערצעווו"
און איך דאנק אייך.
אין בוך איז געלעגן אייער בריוו פון 23טן יאנואר.
קודם כל דאנק איך פאר אייערע ברכות צו מיינע 75
יאר לעבן.
דאס איז שוין דער צווייטער עקזעמפלאר פון אייער בוך.
מיט א צייט צוריק האט עס מיר געשיקט סוצקעווער.
בין איך מיט א שטיקל פארלעגנהייט – וואס טוט מען
מיט דעם צווייטן עקזעמפלאר?
האב איך באשלאסן דאס בוך צו פארהאלטן און עס געבן
א מתנה אין אייער נאמען איינעם וואס האט ליב די יידי-
שע ליטעראטור און האט נישט קיין מזומן צו קויפן ביכער.
זייט זשע מיר געזונט און שטארק
און אל דאס גוטס –

[illegible]

פ.ס.
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
י.ר.

5431 TRANS ISLAND
MONTREAL
CANADA

בראַוואָ, בראַוואָ, בראַוואָ!

באמת אַן איבערראַשונג פֿאַר מיר! סאַרע שיינע שפּראַך! סאַרע לעבע־דיקע געשטאַלטן. אַ רירנדיקע פֿאַלקסטימלעכע פּשטות און גלייכצייטיק אַ **ראַפֿינירטע** אמתע קינסטלערישע און טיפֿע פּסיכאָלאָגישע אָבסערוואַציע־פֿע־איקייט!

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דער רויטער פֿאָדעם פֿון אייער איינגעבוי־רענעם טעאַטער־אָדער. איצט ווערט מיר קלאָר אייער אָרגאַנישע פֿאַרבינדונג מיט די פֿאַרשידענע טעאַטער־פּראָבלעמען און אייער אויפֿריכטיקער אינטערעס צו דעם טעאַטער־„וואַרשטאַט״.

די לענגערע דערציילונג „חוה׳לע״ איז אויסערגעוויינלעך שפּאַנענדיק! עס לוינט זיך די דאָזיקע נאָוועלע נאָך מער צו באַאַרבעטן און פֿאַרוואַנדלען זי אין אַ גרעסערן ראָמאַן. נאָכן איבערלייענען, בלייבט דאָס געפֿיל פֿון נישט־„פֿאַרענדיקייט״. די דאָזיקע רירנדיקע חוה׳לע, איז לויט מיין מיינונג, אַ גוטער מאַטעריאַל פֿאַר אַ פּיעסע. אפשר וואָלט איר זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם?

איך וווּנדער זיך גאָרנישט, וואָס אייער בוך האָט אַזוי נושא־חן געווען ביי די אַלע, וואָס האָבן עס איבערגעלייענט.

נעמט צו מיינע האַרציקסטע גראַטולאַציעס, ליבער טאַלאַנטפֿולער פֿריינט הערשל, צום דערשיינען פֿון אייער „מיין סטערצעוו״. איך ווינטש אייך ווײַ־טערדיקע שעפֿערישע דערגרייכונגען אויפֿן דאָזיקן געביט. איך בין זיכער, אַז אין אַ צייט אַרום וועט איר אונדז ווידער שענקען אַ מתנהלע — אַ ניי בוך — אַ ניי שיין און אינטערעסאַנט דערפֿרישנדיק ספֿרל, אמן!

יעקב ראַטבוים

ווראָצלאַוו, מאַי 1967.

אייער אויפמערקזאַמקייט האָט מיך זייער אָנגענעם איבערראַשט. די ער־שטע שורות פונעם בוך, וואָס דערקלערן די סיבה פון זיין דערשיינען, זיינען זיך צעגאַנגען אין אַלע מיינע אברים. אייערע קדושים — צי מיינע, אייער סטערצעוו — צי מיין סטערצעוו, וואָסערע נפקא־מינא איז עס? איך האָב אויך געקענט שערעשעווסקיס קאָנקורענטן און אַן אָרן אָרטשיק איז געווען מיינער אַ גוטער ברודער. נאָר אייערער פלעגט זאָגן „דאָס צרהדיקע **ביסל** דאַוונען" און מיינער „דאָס צרהדיקע **ביסכיע** דאַוונען". דערפון קענט איר שוין אַליין דרינגען, אַז מיר זיינען פון איין געגנט, כמעט שכנים. קיין וווּנדער נישט, וואָס ביים אָפּשטעקן שלום עליכם אַ סטערצעווער זענען צוגעקומען מיינע סטערצעווער, אויסגעשטרעקט אַ שפּיץ באָרד און מיט פאַרחידושטע אויגן געפרעגט: און ווו בין איך־איכע? שוין אויעס? געמוזט דיך דערמאָ־נען, אַז איך בין נאָך דאָ?... און איר האָט זיי אַלעמען געבראַכט אין מיין זכרון ערלעך, כמו שהם, אָן ליטעראַצקע באַפּוצונגען און צוטראַכטעניש, אָן „שעפע־רישע פּרעטענציעס". איך האָב געהאַט הנאה פון אַלע אייערע מעשיות, „חוה׳לען האָב איך געלייענט — ווי מען זאָגט — מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, טאָ נאָכאַ־מאָל אַ דאַנק!

לסוף: איך פאַרשטיי ווער עס האָט אייך אָנגערעדט מיר שיקן דאָס ספרל. הני דאמרי אנשי: „לעז אַמי דע מעז אַמי סאָן אָסי מעז אַמי" (די פריינט פון מיינע פריינט זענען אויך מיינע פריינט). זייט געזונט. און אפשר כאַפּט איר זיך אַמאָל אַראָפּ קיין האָלאַנד?

ד"ר לעאָ פוקס

אַמסטערדאַם, נאָוועמבער 1967.

איך האָב גענומען אין האַנט דאָס בוך, וואָס איז אַזוי שיין אַרויסגעגעבן און געוואָלט בלויז דערווייל אַריינקוקן, אָבער עס האָט מיך געפאַנגען און איך האָב עס שוין מער נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט, דערלייענט ביז דער לעצטער זייט. ס׳איז זייער פּאָלקסטימלעך געשריבן, מיט אַ קלוג אויג און מיט חוש פאַר הומאָר. מיר גייען אייך נאָך און וואַרטן אויפן סוף פון יעדער מעשה און דערמאָנען זיך גלייך אין ענלעכע פאַסירונגען פון אונדזערע שטעטלעך. מיט איין וואָרט, איר קענט דערציילן בילדלעך, שפאַנענד. דאָס בוך דאַרף זיין אַן אָנ־הייב צו ווייטערדיקע שאַפונגען, ספּעציעל יענע גרויזאַמע איבערלעבונגען אייערע, וועלכע מחן דערציילט ווערן, פאַר היינטיקע און מאָרגנדיקע מענטשן, עס זאָל זיין ניט בלויז אַ דערמאָנונג, נאָר אויך אַ מאָנונג און אַ וואָרנונג.

ס׳איז אייער חוב דאָס צו טאָן. איך דערוואַרט וויכטיקע ביטראַגן פון אייך צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

זאָלן אייערע איבערלעבונגען ניט בלייבן קיין סוד. איר האָט דערצו סיי די פּייאיקייט, סיי די פאַרשטענדעניש ווי אַזוי און אויף וועלכן אופן צו דערציילן, אַז עס זאָל דינען די וואָס קעמפן דערפאַר, אַז אַזוינס וואָס איז פאָרגעקומען אין אונדזער צייט, זאָל זיך מער ניט איבערחזרן.

זייט געזונט און שטאַרק. איך ווינטש אייך נאָך פיל שעפערישע יאָרן.

דאָראַ טייטלבוים

פּאַריז, אַפּריל 1967.

איבערגעלייענט אייער „סטערצעוו" מיט גרויס אינטערעס און איך דרוק אייך אויס מיין דאַנקבאַרקייט פאַרן פאַרגעניגן צו האָבן איבערגעלעבט **אייער** יוגנט. ס'איז דאָס שטעטל פון אונדז אַלעמען. יעדער פון אונדז טראָגט אין זיך דעם אומפאַרגעסלעכן עבר! איר האָט בפירוש געטאָן אַ גוטע זאַך אַרויסצו־ברענגען עס, ס'זאָל בלייבן ווי אַ זכר, נאָך אַ שטריך צו דער געשיכטע פון גרויסן פוילישן יידנטום.

ווי אַ יונגן מחבר, ווינטש איך אייך אַ סך דערפאָלג. איך האָב געזען, אַז אומעטום ווו מען שרייבט וועגן אייער בוך, איז מיט אַ סך וואַרעמקייט, וואָס איר האָט עס באמת פאַרדינט.

בנימין שלעווין

פאַריז, מאַי 1967.

☆

נעכטן באַקומען אייער פיינעם בוך און היינט שפּעט אין אָוונט, שוין ליגנדיק אין בעט, גענומען אייער ספר אין האַנט, כדי בלויז אַ בלעטער צו טאָן, צו כאַפּן אַ קוק. דערווייל האָב איך אַ מידע, אַ פאַרמאַטערטע אָנגעהויבן לייענען און וויט פאַרפאַרן. וואָלט איך געהאַט די חוצפּה צו לאָזן ברענען דאָס ליכט און נישט לאָזן אַנדערע שלאָפן, וואָלט איך זיכער די גאַנצע נאַכט פאַר־בראַכט אין אייער סטערצעוו, אין אייער־אונדזער יידיש שטעטעלע, מיט אונד־זערע פאַרשניטענע האַרציקע יידן, וועלכע איר לעבט אויף מיט אַזויפיל ליב־שאַפט און סובטעלקייט. איך קוויק זיך ממש מיט אייער פאַלקסטימלעכן יידיש־לשון, היינט אייער שרייבערישער צימצום!

ווי איך שטויס זיך אָן, איז דאָס אייער ערשט בוך. זאָל זיין מיט מזל! אַ דאַנק.

לילי בערגער

פאַריז, יאַנואַר 1969.

OFFICE OF THE PRESIDENT OF ISRAEL

לשכת נשיא המדינה

17 רחוב אלחריזי, ירושלים

ו' באדר תשל"א
3. במרץ 1971

לכבוד
הערן ח. פערלמוטער
פאריס

זעהר געעהרטער הער פערלמוטער,

דער פרעזידענט פון ישראל, הער זלמן שזר, האט מיך געבעטן אייך דאנקען פאר אייער בוך, "מיין סטערצעוו", וועלכעס ער האט באקומען צוזאמען מיט אייער בריוו פון דעם 31-טן יאנואר, און אייך זאגן ווי טיף גערירט ער איז פון אייער אריגינעלער שאפונג גילטנדיק אלס א מצבה פאר אייער געבוירן שטעטל סטערצעוו, וועלכע איז דורך אייך אויפגעשטעלט געווארן מיט אזוי פיל עמפפינדליכקייט.

מיט די הערצליכסטע גריסע צו אייך פון פרעזידענט,

האכאכטונגספאל,

שולמית נרדי
בעראטערין צום פרעזידענט

Monsieur H. Perlmutter
5, Rue d'Alexandrie
PARIS - 2e

שנ/מב

פון יענעם 2

ע ס יי ע ן
אָ פּ ה אַ נ ד ל ו נ ג ע ן
ב ר י וו

וו ע ג ן

„אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ"

יוסף אַקרוטני

אַלע מאָל כאַפּן מיר זיך אויף מיט אַ ווייגעשריי פונעם שוין אַנטדרימלטן געמיט: ווי עס דערלאַנגט אונדז איבערן געהירן דאָס אַנגעשוואָלענע געדעכעניש! מיר ווילן ווי עס איז דערפון אַנטרינען, אָבער „דאָס" לויפט אונדז נאָך. געמיינט, ס'איז שוין פאַרצויגן מיטן הייטל פון שכחה די וואונד, די אַזוי גערופענע חיי שעה האָט דערצו מיטגעווירקט, אָבער דער אמת דערגראָבט זיך צו דאָס זייניקע: דאָס יידישע געדעכעניש, וואָס האָט זיך אַנגעליטן איבער אַלע מאָסן, לאָזט זיך נישט פאַרשיטן. עס איז נישט קיין קבר, נייערט אַן אויס־טערלישער קוואַל פון בייע לעבנס־אימפּולסן. די כלומרשטע פאַרגעסעניש, איז געווען נאָר אַן אויסטראַכטעניש. דאָס געשעען וואָס האָט געטראָפן מיט אונדז, לאָזט זיך נישט פאַרגעסן; סע קען נישט אָפּגעמעקט ווערן די טיפע וואונד, וואָס ס'בייז פון דער „וועלט" האָט אונדז גורם געווען, וואָס מ'האָט באַוווּסטזיניק גע־בראַכט אויף אונדז. ניין, פון פאַרהיילן אַזוינס איז אפילו נישט צו טראַכטן. סיידן געריטע אויפן מוח זאָלן חלומען דערפון.

און נישט קיין וואונדער: ווייל די וועלט, די גוישע וועלט, לענקט זיך נאָר לפי איר ענגהאַרציקן אייגנגוטץ. זי באַדאַרף רק אָנהאַלטן איר „שטאַר־קייט", זי מוז באַווייזן נאָר איר כוח אַנטקעגן די שוואַכע און מינדערווערטיקע. נאָר אַזוי אַרום וועט זי בלייבן אין אויבן־אָן. זי'ט קענען הערשן, באַהערשן. מהאי טעמא נערט אונדז די דאָזיקע וועלט מיט פּיין, מיט בלוט־פאַרגיסונגען און רדיפות, וואָס זי באַמיט זיך צו דעקן מיט אַזוי גערופענער לעגאַליטעט, מיט געזעצן וואָס זי כשרט מיטן כוח פון אירע כלי משחית. אַזוי שוין לאַנגע, לאַנגע דורות. פאַרשטייט זיך, אַזוינס לאָזט זיך בשום אופן נישט פאַרגעסן. דער האַס און די שנאה, וואָס די אומות־העולם ברענגען אויף אונדז, איז אָפט מאָל דער איינציקער יסוד פון זייער שטאַרקייט און דער טומאַן וואָס פאַר־נעפּלט די מוחות פון זייערע מושלים, וועלכע האַלטן זיך רק אויפן פינסטערן כוח פון המונישן אומוויסן.

קלאָר, אַז עיקר־סיבה פון דעם יידן־האַס, וואָס האַלט אויף די עקסיס־טענץ פון טייל מלוכות, אפילו היינט צו טאָג, איז מחמת די יידן האָבן אין משך פון זייער זיין צווישן די פעלקער, זיך אַרויסגעוויזן פאַרן עם קשי עורף, פאַר דעם לעבנס־פעאיקן, אויב נישט דעם לעבנס־פעאיקסטן שטאַם פונעם מענטשן־מין אונטער גאָט'ס הימלען. מ'שניידט אים אויס, מ'הרגעט אים, און דאָך לייכט זיין קאָפּ ווי אַ שטראַליקער טורעם איבער דער וויסטעניש, וואָס איז אַקאָרשט אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט. פשוט, די קנאה צו יידן צעפרעסט די פעל־קער, צווישן וועלכע אונדז איז נאָך באַשערט צו גלותן און דערצו זיך אַרויס־הייבן מיט כלערליי טאַלאַנטן.

אוודאי, ס'איז אַ זעלטענער טאַלענט, ממש אַ גאונות, אַרויסצוקומען מיט אַ גאַנצן קאָפּ פונעם מבול נגישות; גובר צו זיין די מוראַדיקסטע פייניקונגען און דאָך בלייבן אויף די פיס, טאָקע צו להכעיס די פרעהס פון אַלע צייטן, די אכזריותדיקסטע אינקוויזיטאָרן וואָס דער מיסטקאַסטן פון דער געשיכטע האָט אַרויסגעוואָרפן, אַזוי עד היום הזה, אַריינגערעכנט טשינגיס כאַן, טאָרקוועמאַדאַ, היטלער און סטאַלין, ביז די היינטצייטיקע סאָוויעטישע שטרייכערס ימח שמם.

יאָ, דער זכרון איז אונדז אַ שונא מיט זיין האַרטנעקיקייט פון אַ מוכיח, ווי איינער זאָגט: פאַרגעס זיך נישט ייד. דער שונא איז וואַך און ער לויערט; פון דער צווייטער זייט איז דער זכרון אונדז אַ שטראָפער מיט אַ זיס קולכל; ער פאַרגינט נישט דעם ייד קיין מנוחת הנפש, אפילו ווען די חיי שעה איז צופעליק גינציק צו אים: לעב אַ גוטן טאָג, מענטש, וואָרן האָסט שוין איבער־געגנוג באַצאָלט מיט ביטערע קרבנות און ברענענדיקע ליידן. נו, ס׳געוויסן צע־פּייניקט סיי ווי איבער אַלע מאָסן דאָס לייב און די נשמה פונעם לעבנגעבליבע־נעם נאָך דער הריגה וואָס איז אָנגעגאַנגען אין משך פון יאָרן איבערן הויז פון ישראל דעם פאָלק, ווי דעם יחיד פון אַ יעדער עדה אין פוילן צי טשעכיי אָדער פראַנקרייך אין אַלע אומעטומען פון דער יידן־אומה.

אָן עדות דערויף זענען די מערערע ביכער וואָס זענען אָנגעשריבן גע־וואָרן נאָך די יאָרן פון פינסטערניש וואָס האָט געפּלאָגט די זין און טעכטער, וועלכע זענען אין דער מהומה וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער וועלט, אַריינגעפאַלן אין קלעם פון די בעסטיעס אין געשטאַלט פון אַרמייען און רע־גירערס איבער פרעמדע לענדער.

אונטערן בלוטיקן צייכן פון די הײנטצייטיקע טעווטאָנען האָבן די מורא־דיקסטע פּיינען געבראַכט אויף די יידישע עדה׳ס די היטלערישע חיילות וואָס האָבן פאַרכאַפּט פוילנס שטעט און שטעטלעך. אויף די גרוילן וואָס עס האָט אָנגעצייכנט די תוכחה האָבן די דייטשן פאַרמשפּט די איבערגעשראָקענע, די צעטומלטע, אומבאַהאָלפענע יידן, יונג און אַלט, און אַריינגעטריבן זיי אין דער ענגעניש פון געטאָס און אומקום־לאַגערן. אַ גרויסע מלוכה פון אינדוסטריאַ־ליזירטן טויט, יידישן טויט, איז געוואָרן די מדינה פוילן אונטער דער בייזער ממשלה פון עמלקן דעם דייטש, וואָס איז געקומען אין לאַנד פון דער ווייסל און וואַרטע באַוואָפנט ביז די ציין.

אַ ווײמוטיק קאַפּיטל פון יענער וויסטער מגילה האָט אָקאָרשט אונדז גע־בראַכט איינער פון די שרידי המבול, וועלכער האָט באַוויזן זיך אַרויסצורייסן פון פוילן דעם קברים־לאַנד און געפונען אַ נייעם מקום מקלט אויף פראַנצוי־זישער ערד.

הפנים, ס׳איז סכנות שווער אויך דעם דאָזיקן אַנטלויפער פונעם ווי צו פאַרהיילן די וווּנדן וואָס דער חורבן האָט אים גורם געווען. וואָרעם אַפּריער האָט ער שוין געפּרוּווט זיך היילן מיטן געדאַנקלעכן צוריקקער צום געבוירן־אָרט סטערצעוו, וואָס איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער יידן־מאַפּע. אַ צעבלו־טיקטער עדות פון יענעם וועלטל, וואָס האָט אויפגעכאַוועט אַ לעבן פון יידיש־קייט און חלום, האָט ער אויף דער זכרונות־קאַנווע ווידער אויפגעשטעלט אַ טיפן־גאַלעריע, וועלכע האָט בשעתו אים, דעם מחבר, איינגעוועבט אינעם לעבן, וואָס האָט מיט אַלע פאַרבאָרגענישן פון דער נשמה זיך געשטרעקט אין דער צוקונפט אַריין, און די צוקונפט האָט ער דעמאָלט נאָר געזען מיט יונגע אויגן, מיט יונגע כוחות. איז אָבער געקומען דער פאַרדאַרבער און ר׳האָט מיט רשעות אונטערגעגראָבן דעם פונדאַמענט פון אָט דער וועלט, געוואָרן אויס יעדער חלום און אויס מיט דער ממשותדיקער וועלט, וואָס איר נאָמען איז געווען פאַר אים, דעם מחבר, די עיר הבירה סטערצעוו, וועלכע איז געבליבן ערגעץ ווו פאַריתומט, אָן יידן, אין דעם פוילן וואָס איז פאַר אונדז שוין אויסגע־לאָשענע, ווייטע, פרעמדע טעריטאָריע...

ה. פערלמוטער איז דער מחבר פון מגילת סטערצעוו, די בלוטיק ליקווי־דירטע. אַצינד איז ער געקומען מיט אַ צווייטער מגילה. אויך זי איז אויסגע־וועבט אויף דער קאַנווע פון צוואַנציקטן יידישן געדעכעניש. „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ״ איז דער טיטל פון ה. פערלמוטערס נייעסטער פּובליקאַציע, וועלכע איז אָפּגעגעבן „דעם צווייטן טייל״ פון זיין, פון אונדזער אַלעמענס מאָומדיקער עפּאָפּייע פון יענע וויסטע יאָרן, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגעסן. ווייל בשום אופן קאָן מען נישט, טאָר מען נישט פאַרגעסן די תקופה פון טאָטאַלן אומברענגג, וואָס די חיות אין מענטשן־געשטאַלט האָבן בכוונה געבראַכט אויף אונדזער פאָלק.

יאָ, יידן ווי אַ ביאָלאָגישע דערשיינונג זענען פאַר זיי די שטאַרקע און די הערשגיריקע, אַ דאָרן אין אויג, און זיי האָבן פאַרטראַכט זיי אומצוברענגען. קודם כל איז עס געווען דער פאַרטראַכט פון די דייטשישע קולטור־טרעגערס און פילאָסאָפן, וואָס האָבן אָפן, אומפאַרשעמט מזנה געווען אינטעלעקטואל און פיזיש מיט די בלוטגיריקע יונקערס און שווערדן־האַלטערס. צו די דייטשן וואָס זענען אַרויס אין „קריג קעגן די יודען״ איז צוגעשטאַנען דאָס פּסולת פון די

פעלקער, וואָס האָט אומגעשטערט, געמיין געאייפערט אויף די יידן הלמאי זיי זענען רייך, זענען פראָפעסאָרן אא״וו. די פּאָליאַקן, טאַקע אויך די שוואָבן פון אַלע היגטערגאַסן, די אוקראַינער, די ליטווינער און לעטן זענען באַלד צוגעשטאַנען צום ערב־רב, וואָס איז אויפגעשווומען אויפן אויבערפלאַך פון זומפּ וואָס די מלחמה האָט אָנגעווירן.

ווי עס איז געווען אין דער ערשטער, וואו די נאַציישע שלאַנג האָט אויפּ־געהויבן דעם גיפטיקן קאָפּ, איז שוין אַ סך געשילדערט געוואָרן און באַשריבן, אפילו פון נישט־יידן. מיר האָבן די דאָזיקע מגפה שוין פּאַראייביקט אין אַ גאַנצער ליטעראַטור, אין יחידישע עדות־זאָגונגען און אין פּנקסים פון אַ רוב אָפּגעמעקטע קהילות וואָס נאָך זיי איז געבליבן שרייען צו די שטומע הימלען הוילע טויטע וויסטענישן. דער מחבר ה. פּערלמוטער באַשרייבט בפרטות, אין זיין נייער מגילה זיינע יחידישע איבערלעבונגען אין טויטן־לאַגער אוישוויץ.

אָבער דאָס איז נישט בלויז די מגילת פּערלמוטער, נייערט אַ מגילה וועגן אַ גאַנצער אונטערוועלט, וועלכע האָט זיך געוואָרפן מיט רציחה, מיט ציניזם און רויבגיר אויף יידן וואָס זענען מיט אַמאָל געשטעלט געוואָרן אין אַ מצב פון הפקרות פּנים אל פּנים מיט אַלע מינים הפקרים. דער פּאַרברעכער, דער אויסוואורף האָט אָן אייגזעעניש מיט פּאַריסנקייט זיך געוואָרפן קודם כל אויפן ייד, וואָס איז געפאַלן אין זיינע הענט אַריין. אוישוויץ איז געווען דאָס עקספּע־רימענטאַלע פעלד פאַר אַלע טויטן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן אויפן אומ־באַהאָלפענעם פאַרהונגערטן, קראַנקן ייד, איידער ער איז דערפירט געוואָרן צו דער גאַז־קאַמער, צום קרעמאַטאָריע־אויוון. אוודאי, וועגן דער טאָג־טעגלע־כער פּראַקטיק אין די טויטן־פאַבריקן איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן ביי אונדז. מיר האָבן אַ צאָל קינסטלער־כראָניקערס פון יענע וויסטע יאָרן. זייערע נעמען זענען סימבאָלן פון יענעם חשכות פאַר יידן. מרדכי שטריגלער, ישעיהו שפּיגל, קאַצעטניק, זיי זענען דערגאַנגען צו מייסטערשאַפט אין די שילדערונ־גען פון געטאָ, פון אומקום־לאַגער. אויך מערערע דיכטערישע ווערק בויען זיך אַריין אין דעם בילד. אָן זייערע, מיט יסורים געהייליקטע ביכער, איז נישט שכיח אויפצושרייבן די פולע געשיכטע פון דעם מוראדיקן כרת וואָס די באַ־וואָפנטע האָרדעס פון די פערציקער יאָרן האָבן געבראַכט אויפן יידישן פאָלק

אין נאָמען פון היטלערס „ענדלייזונג״ פון דער יידנפראַגע, פונקט ווי עס וועט נישט זיין מעגלעך צו געבן אַ פול בילד פון דער סטאַלין־עפּאָכע אין יידישן אַספּעקט אָן די ביכער פון משה גראָסמאַן ע״ה, פון ישראל עמיאָט און אַנדערע קרבנות פון די סאָוויעטישע „חסידים״.

אַן ערנסטע פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור פון יידנס חורבן אונטער דער דייטשער רוט, איז בלי גוזמא ה. פּערלמוטערס „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ״.

די אַרענע פון דער שילדערונג איז דער עיקרשט דער טויטן־לאַגער אויש־וויץ וואו עס האָבן געהערשט כלערליי פּאַטאָלאָגישע טיפּן פון פאַרברעכערס, קאַפּאָס, שטובנדינסטן און לוסטמערדערס. דער אריינפיר צו דער עפּאָפּייע הייבט זיך אָן אין דער שטאָט סאָסנאָוויץ, ווו פּערלמוטער האָט זיך געהאָט באַ־זעצט מיט זיין יונגער משפחה, מיט ווייב און קינד. סאָסנאָוויץ מיט דעם ציגנדז וואָס איר עדה האָט געצאָלט דעם אָקופּאַנט איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּרשה פון פאַרלענדונג.

ס׳איז אַ פּייגלעכע איבערלעבונג צו באַקענען זיך פון ס׳ניי מיט די דאָ־זיקע נסיונות, אויף וועלכע יידן זענען געווען פּאַראורטיילט — אין דערוואַר־טונג פון די שוידערלעכע דעפּאָרטאַציעס. מ׳האָט זיך געקליגט, אויסצובאַ־האַלטן פון די באַוואָפנטע דייטשישע און פּוילישע מערדערס, מ׳האָט געבויט בונקערס, אונטערערדישע באַהעלטענישן, זיך איינגעאָרדנט אין דער האָפנונג, אַז אפשר... עד יעבור זעם, וועט מען דורכגענאַרן, און מיט גאָטס הילף דערוואַרטן זיך צו דערשפּינען דעם מענטשישן חלום וואָס יעדער האָט פאַר זיך געחלומט. ה. פּערלמוטער, ווי איינער פון אַ סך פון דער קהילה סאָסנאָ־וויץ, איז נישט מער באַשערט געווען קיין חלום. ער איז אַריינגעוואָרפן גע־וואָרן אין כף־הקלע. אוישוויץ איז די עדותשאַפט פונעם מוראדיקן אומקום פון זיין 26 יאָריקער פרוי און פון אַכט־יאָריקן בן יחיד. אַ בליענדיקע יוגנט איז אכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן פון דער האַק אוישוויץ, דאַכאַו, מיידאַנעק און אַנדערע טויט־פאַבריקן.

ס׳איז מער ווי אומהיימלעך צו ברענגען באַזונדער עפּיזאָדן וואָס זענען צוהאַנדן געקומען אַזאַ פּערלמוטער, די טויטשרעק וואָס די סאַדיסטן האָבן געבראַכט אויף דעם רוב געפאַנגענע יידן, וואָס זענען יעדן טאָג, איטלעכע מינוט פון טאָג און נאַכט, אויסגעשטאַנען פון די פאַרריסענע דינער פונעם מולך, וואָס האָט אויפגעבויט שטעט פון אומברענג פאַר מענטשן, פאַרן מאַסנ־האַפטן טויט וואָס איז צוגעקלערט געוואָרן פאַרן ייד. ה׳ פּערלמוטער האָט ווי איינער פון יענע בעלי־נסיון זיך געשטאַרקט איבערצולעבן דעם ווײ און פּיין כדי צו קענען מיט זיין עדות־זאָגן אויף יענער צעיושעטער תקופה, אַז דער מענטשן־מין זאָל דערפון לערנען די גורלדיקע לערנונג, אַז ס׳איז נויטווענ־דיק די שאַרפסטע וואָפן פון משפּט אויף צו פאַרפלאַנצן אין מאָרגן אַריין אמתדיקן, מער הומאַנעם יושר ווי עס האָט אים איינגעשטעלט אין אונדזער וועלט די שענדלעכע שותּפות פונעם נאַצי־קאָמוניזם.

דער עדות און דער אָנקלאגער אין דעם־אָ משפּט איז דער טראַגיזם פון אַזאַ ווי פּערלמוטער, דער סאָסנאָווצער ייד פון דער שארית הפליטה, וועלכער האָט זיך אַליין באַצוווּנגען צו שפּילן אין דער טויטנהיים אוישוויץ די ראָל פון אַן אַקטיאָר, אַ פריילעך־מאַכער און אַ טרערן־קוועטשער פאַר די מטורפ־דיקע מענטשן־מערדער. ס׳איז גרויליק דער באַוווּסטזיין וואָס אַ מענטש, אַ שוידערלעך געפּרוּווטער מיט די מוראדיקסטע יסורים, האָט געמוזט אויסנע־מען מיט אַ געמאַכטער שטימונג אַנטקעגן די רייכערנדיקע קרעמאַטאָריעס וואָס פאַרשלונגען די טייערסטע. דאָס איז די טרויעריקסטע דראַמע וואָס דער יחיד צווישן יידן האָבן געמוזט אויסטראָגן אויף זיין רוקן אין יענע פיינלעכע טעג, ווען די נשמה איז גערעגט געוואָרן פון די שאַרפסטע קאָנצערטן.

עס בעט זיך ממש צו ברענגען אַ צאָל ציטאַטן פון ה. פּערלמוטערס רע־ליעפע שילדערונגען פון די גיהנום־סצענעס וועלכע ער גופא האָט געמוזט איבערלעבן אין אוישוויץ, נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז אין סוף פון ויינע אוישוויצער צייטן געווען אין טויטן־לאַגער אַ יחסן... אין די אויגן פון די „פּראָמינענטן״ צווישן די געמיינסטע אויסוואורפן, טאַקע אַ דאַנק זיין ראָלע פון אַן אַקטיאָר, אַ קולטור־שפּייזער צום געשמאַק פון די פאַרברעכערס, יידן

צווישן זיי. עס ווילט זיך באַקרעפּטיקן כאָטש מיט „פּראָבקעס" פון אָט דעם אויסטערלישן גבית־עדות, אָבער דערפון ווילן מיר זיך צוריקהאַלטן. עס גייט אין שוינען די לייענערס פון די דאָזיקע שורות, סיידן זיי גופא ווילן זיך באַקענען מיט דעם וויכטיקן דאָקומענט (דערשינען אין פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1972) וואָס גיט אָפּ אין זיין עקספּאָזיציע מיט גאָרער אויטענטיק.

אגב וועגן דער אויטענטיק פון ה. פּערלמוטערס טראַגישער ראָל אין אוישוויץ ווי אַ פיינער ייד און ווי אַן „אַקטיאָר", זאָגן עדות אין זייער הקדמות צום בוך דער באַוווסטער פּויליש־יידישער שרייבער סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי, היינט אַ תושב אין מדינת ישראל און דער פּובליציסט לוי שאליט פון יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע.ביידע האָבן בשעתם געטיילט דעם גורל פון ה. פּערלמוטער אין די טויט־לאַגערן אוישוויץ און אויך דאַכאַו. יאָ, מיטן בוך „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ" איז כדאי זיך צו באַקענען ווי מיט אַ יידישן דאָקומענט פון דער חורבן־עפּאָכע.

„אידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, דעצעמבער 1972.

☆

סטאַניסלאַוו וויגאָדסקי

דאָס ערשטע בוך פון ה. פּערלמוטער „מיין סטערצעוו", איז געווען אַ ליבּ־געזאַנג אויף אַ קליין שטעטל אין פּוילן, ווו דער מחבר איז געבוירן געוואָרן. „מיין סטערצעוו" איז געווען אַ לירישע נסיעה אין דעם לאַנד פון דער קינדהייט, אַ צוריקקומען צו ערטער אַרומגעהילטע מיט זכרונות, פרייע פון די אַלע איבּערלעבּענישן, וועלכע האָבּן שפּעטער פאַרמאַטערט נישט בּלויז דעם מחבר, ווען ער איז אַרויס אַ לעבּעדיקער פון געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און אפשר דערפאַר, האָט זיך בּיי אים דערוועקט דער ווילן צוריקצוקערן זיך מיט די געדאַנקען און געפילן קיין סטערצעוו, ווו עס איז געווען בּיטער, אָבּער ווו יידן האָבּן געלעבּט, געאַרבּעט, געפּאָרעט זיך און געהאָפט. „סטערצעוו" איז פאַר אים נישט בּלויז אַ געאָגראַפישער באַגריף — דאָס איז טאַקע, מאַמע, בּרידער און שוועסטער, דאָרט איז געשטאַנען אַ הויז, ווו איבּער זיין וויג האָט געזונגען אַ וויג־ליד די מאַמע.

אין סטערצעוו האָט זיך געיאַוועט אַ „טעאַטער־אַנסאַמבּל". אין וועלכן יידישן שטעטל האָט מען נישט געשפּילט „טעאַטער"? און אָט דער עפּיזאָד איבּער וועלכן פּערלמוטער האָט געשריבּן אין זיין ערשטן בוך, האָט אין אַ גאָר שטאַרקער מאָס בּאַאיינפלוסט דעם מחבר. ער האָט זיך פאַרליבּט אין דער וועלט פון אילוזיע. און שפּעטער... אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָט ער פאַר הונדערטער צום טויט־פאַרמשפּטע יידן ווידער געשאַפן יענע אילוזיע, וואָס נאָר די קונסט איז בּכוח צו שאַפן. אַ ליבּהאָבּער פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער אינעם טיפסטן דנאָ פון גיהנום געעפנט אַ שפּאַלט, אַן אויסבּליק צו לעבּן אין פרייהייט.

נאָך דער מלחמה פלעג איך — נאָך זייענדיק אין פּוילן־וואַרשע — באַקומען גרוסן פון ה. פּערלמוטער, אַ חבר פון אוישוויץ און פון דאַכאַו. כ'בּין אָבּער פון די גרוסן נישט גערירט געוואָרן. ווער איז ה. פּערלמוטער? ווי זעט ער אויס? ווער איז ער געווען? אין אַ געוויסן טאָג, האָבּן מיר זיינע פריינט פון פּאַריז קלאָר געמאַכט: פּערלמוטער, דאָס איז דער „טעאַטראַל".

ווער „טעאַטראַל" איז, האָב איך זיך גלייך דערמאָנט. דאָס איז געווען יענער חבר, וואָס האָט אין קאַצעט רעציטירט און געשפּילט טעאַטער. איך ווייס, אַז דאָס איז נישט דער ריכטיקער אויסדרוק. וויכטיקער איז אָבער גע־ווען די סיטואַציע, אין וועלכער אַ ייד, אַ געפּייניקטער ווי אַנדערע, און צום טויט־פאַראורטיילטער ווי אַנדערע, האָט געפונען אין זיך דעם מוט צו וועקן דורך יידישע ליטעראַטור, יידישע לידער און יידיש טעאַטער.

פערלמוטערן האָט מען אין לאַגער גערופן „טעאַטראַל". דאָרט, אויף דעם שטח אַ באַהערשטן פון לייד, אוממענטשלעכקייט און ברוטאַליטעט, דאָרט האָט דער „טעאַטראַל" אויפגעוועקט צום לעבן שלום־עליכמען, פּרצן, אַנ־סקין, אַשן, לייוויקן, בראָדערזאָנען און אַנדערע יידישע ליטעראַטור־שאַפער.

מיר גייען אונטער. אונדזערע לעבנס צאַנקען ווי דער סוף פון אַ ליכטל. דער טיפוס און טובערקולאָז, דער הונגער און די קוילן פון די ס.־ס.־לייט, פאַר־לאַנגען טאָג און נאַכט נייע קרבנות. און טראָץ דעם, ווי אויף צו להכעיס, זאַמ־לען מיר זיך צונויף און אַנטלויפן פונעם לאַגער, פון טויט, צום שטח פון דערהויבנקייט און מענטשלעכקייט. דאָרט זענען מיר ווידער פרייע מענטשן. דער „טעאַטראַל" רעציטירט...

דער „טעאַטראַל" איז אַ דרייסטער מענטש. נאָך פינף און צוואַנציק יאָר קערט ער זיך צוריק קיין אוישוויץ און דאַכאַו: ער וויל נאָך אַמאָל אַדורכשפּאַ־נען די געסלעך פונעם געטאָ, די ראַמפּע וווּ די טויטצוגן פלעגן זיך פאַרהאַלטן. פון אייגענעם ווילן קוקט ער זיך צו נאָך אַמאָל צו די קרעמאַטאָריעס... וואָס פאַראַ מוט — נאָך אַ טרעפן זיך מיט פרוי און קינד, מיט נאָענטע, וואָס זענען דאָרט פאַרבליבן.

אַ ייד דערציילט איבער זיך. איבער זיך? איבער מיר, און דיר, איבער אונדז אַלעמען, וואָס זענען דאָרט געווען.

נעם אָן דעם מוט, וועלכן דער מחבר האָט געהאַט ווען ער האָט די בלעט־לעך געשריבן, און צי נאָר מיט טינט?

גבעתיים (ישראל) דעם 4־טן אויגוסט 1971.

לוי שאַליט

ווינטער. נאַכט. אַ גרופּע לאַגערניקעס צוזאַמענגעיאָגט ביים שטעכיקן דראָט. מען ציילט זיי — צום וויפלטן מאָל? מען מוסטערט זיי אין וועג אַריין צו אַ נייעם לאַגער, צו איינעם פון דעם צענדליק אויסן־לאַגערן אַרום דאַכאַו. די סעלעקטירטע יאָגט מען אַרויס פון די באַראַקן אין מיטן דער נאַכט, זיי זאָלן זיך איינפּאַקן און זיין גרייט אין וועג... און זיי זענען שוין איינגעפּאַקט די צעשלאָגענע מידעביינער אין זעק פון שלאַבערדיקער הויט.

עס שאַריעט אויף טאָג. בלויע שטערן ווערן בלייך. דער בלייכער הימל איז פּראַסטיק בלוי. די מחנה רירט אין וועג, שוואַרצע שאָטנס אויפן פרישן שניי. מען גייט ביים ברעג פון אַ וואַלד. די גרינע יאָדלעס האָבן אַראָפּגעבויגן זייערע קעפּ, אונטערן בלישטשנדיקן שניי אויף זיי. אַלע גייערס זענען יונגע. דער גאַנג צעוואַרעמט די פאַרפראָרענע גלידער. אפשר דערמאָנט זיך דאָ אימי־צער אַ שול־שפּאַציר צום היימישן וואַלד. ווען ניט די שומרים מיט די ביקסן, וואָלטן זיי אויפגעזונגען אַ ליד...

מען זעט שוין ניט דעם לאַגער, וועלכן מען האָט פאַרלאָזן. אין די מאַסן־קברים, ביים וועלדל דאָרט, נעבן דער גרויסער גרוב, זיינען געבליבן אייגע־נע — אַ טאַטע, אַ ברודער, חברים. דרייט מען אויס דעם קאָפּ אויף צוריק, מען געזעגנט זיי מיט אַ טרער, וואָס בלייבט פאַרפרוירן אויף די וויעס.

דער וועג איז ניט לאַנג. אָט באַלד אַ צווייט וועלדל, און אין אים דער צווייטער לאַגער, אַ נייער, מיט נייע באַראַקן, פאַרגראָבענע אין דער ערד. דער נייער שטעכל־דראָט אַרום לאַגער שיינט מיט אַן אָפּשיין ווי פון פּרעמדע, ווייטע וועלטן...

ביים טויער דערוואַרט אַ קבלת־פּנים: אַ פּאָר צענדליק לאַגערניקעס נעמען אויף די ניי־געקומענע מיט שאַרפע בליקן און האַרטע רייד, ביים שווייגנדיקן בייזיין פון די דייטשע לאַגער־אָנפירערס. אין דעם פריערדיקן אָרט איז מען אַלע געווען כמעט פון זעלבן לאַנד, פון ליטע, מיט אַ קליינעם צומיש

פון פוילישע יידן. און געווען עטלעכע ליטווינער און דייטשן, פאַרברעכערס, וועמען מען האָט געבראַכט פון טורמעס, אַז זיי זאָלן העלפן די וועכטערס אין „האַלטן אָרדנונג״. אין דעם דאָזיקן נייעם אָרט זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע. אַהער האָט מען אָבער אויך געבראַכט אַ גרופּע יידן פון אוישוויץ. יענע האָבן אַ לאַנגען, לאַנגען לאַגער־סטאַזש. זיי דאַרפן דאָ זיין אַ ביישפּיל, ווי צו פירן זיך אין אַ „קאַצעט״ און „מחנך״ זיין די נייע. אָט גיבן זיי גלייך ביים אַריינקום די ערשטע לעקציע: אָט אַזוי דאַרף מען אַנלויפן און זיך אויפשטעלן ביים אַפּעל, לויט „פאָדערמאַן״ און „הינטערמאַן״, און די רייען זאָלן זיין גראַד ווי אַ ווירע; ווי צו דערקענען די בעהערדע, לויט זייערע ראַנגען, און ווייטער ווי צו ציען פאַר זיי די „מיצן״, אַז די היטלען זאָלן צופאַלן צו די הויזן מיט אַ קלאַפּ. עס איז אַ גרויסער „שולחן־ערוך״ און יעדע מצווה איז באַגלייט מיט „זכור״, געדענקט איר אַזעלכע און אַזעלכע, אַז איר זייט דאָ ניט געקומען אין קיין סאַנאַטאָריע... און קיין זאַך וועט אייך ניט זיין פאַרגעבן, „עס גיבט קיין פּאַרדאָן״. (אין דעם לאַגער־וואָקאַבולאַר פון די אוישוויצער זיינען אַריין אַ צאָל פראַנצויזישע ווערטער, אויפגעכאַפּטע פון די פראַנצויזישע אַרעסטירטע דאַרטן. די אוישוויצער ניצן אָט די ווערטער מיט קאָנטיקער גאווה, אפילו ווען די ווערטער פּאַסן ניט אריין צום געזאָגטן).

דורכגעקומען אָט דעם „מעמד״, טיילט מען איין די באַראַקן און די נאַרעס, באַגלייט מיט געשרייען און שטורכעס. זאָלן די נייע פילן, אַז זיי זענען אין אַ „קאַצעט״. אויך דאָס איז אַ ניי וואָרט פאַר די געקומענע. אין פריערדיקן אָרט האָט מען געוווּסט, אַז מען איז אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, אָבער וויבאַלד מען איז געווען צווישן היימישע, האָט מען עס גערופן היימישער: לאַגער. די אוישוויצער רופן עס מיט חשיבות, כמו דער באַנוץ פון א ראשי תיבות צווישן לומדים. „קאַצעט״ קלינגט שאַרפער און — ווייטיקדיקער...

ווי נאָר זיך „איינגעאָרדנט״, הייבט מען אָן מאַכן באַקאַנטשאַפטן מיט געקומענע פון פריער, און עס איז דאָ מיט וועמען! אַ גאַנצער קיבוץ גלויות: יידן פון אונגאַרן און פון טשעכיע, פון פוילן און פון סלאָוואַקיי, פון סאַלאָניקי און פון ציפּערן, יידן פון אַזויפיל מקומות, אַ טייל פרעמדלעכע פאַר די פון מזרח־אייראָפּע, אָבער אַלע אין אייגענעם גורל.

מען הערט אַ געמיש פון לשונות און יידיש אין פאַרשידענע דיאַלעקטן. מיין חבר, דער פילאָלאָג פון ליטע, איז אויך דאָ. ער האָט שוין געוויס אַרויס־גענומען זיין באַהאַלטענעם שטיקל בליַיער און פאַרשריבט, אויף פאַפּיר פון צעמענט־זעק, אויסדרוקן, ווערטלעך, וואָס ער וועט זיי אַריינגעמען אין זיין ספר „דאָס פאָלקס־מויל אין נאַצי־קלעם". עס איז דאָ אַ זעלטענע געלעגנהייט פאַר אויפזאַמלען פאָלקלאָר, ריידנס־אַרטן פאַר שפּראַך־פאַרשונג. זאָל מען געדענקען ווי דאָס פאָלק האָט גערעדט — ווען דאָס פאָלק וועט שוין מער ניט זיין...

די גרופּע אוישוויצער — ווי נאָר געענדיקט מיט דער מושטירונג און ד'ערוויטערט פון די וועכטערס אויגן — ווערן צוגעלאָזן און באַריידעוודיק. זיי ווילן וויסן פון וועלכע היימערטער מען קומט, ווי לאַנג מען איז שוין אין „קאַצעט" און צי מען ווייס עפּעס נייעסן. און דערביי באַרימען זיי זיך פאַר די „בייע" מיט זייער לאַנגן קאַצעט־יחוס. זיי שטרעקן אויס די אָרעמס מיט אַרויפגעשאַרצטע ארבל: נאַ, זע מיין נומער, געקומען פון די ערשטע טויזנט אין אוישוויץ!

די אוישוויצער האַלטן זיך צוזאַמען. זיי האָבן פאַרנומען די לעצטע באַראַקן. אויב עפּעס אַן אומגעוויינלעכע צרה — זיינען זיי וואָס וויטער פון טויער, און עס וועט אפשר נאָך זיין צייט זיך צו העלפן. דאָס רוב פון זייעריקע אַרבעטן אויך אין איין קאָמאַנדע, און טאַקע ביי לייכטערע אַרבעט. מען שמועסט אַפילו בסוד, אַז אַ טייל פון זיי האָבן אויסבאַהאַלטן דאָלאַרן, גאָלד, און זיי קריגן דערפאַר עסן ביי די וועכטערס.

אָבער אויך צווישן די אוישוויצער זיינען ניט אַלע גלייך. פּיאַק איז אַן אויסנאַם. ער איז אָנפירער פון זייער קאָמאַנדע, און אפילו דאָרטן ציטערן אַלע פאַר זיין פאַרע. פּיאַק איז דווקא אַ שטילער. ער האָט אַ רואיקן בליק, גייט מיט געמאָסטענע טריט, רעדט מיט דער געלאַסנקייט פון אַן אַלטן תפיסהניק — און אַלע האָבן פאַר אים אָפּשיי. ווען גייען אַרום מעשיות אין לאַגער. ער זאָל זיך קענען מיטן סאַמע הויפּט פון לאַגער, נאָך פון אוישוויץ, און דאָ, הייסט עס, האַלטן זיי זיך ווי לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיך געטראָפן אין דער פרעמד.

דער „אַבער־שטורם־פירער" זאָל זיך טאַקע קוואַפּענען אויף פּיאַקס דאָלאַרן, און פּיאַק לייקנט ניט, אַז ער האָט אַ סך, נאָר ער גיט אים צו ביסלעך, אין טראַנזאַקציעס פאַר קליידער און פאַר עסן. ווייזט אויס, אַז ביידע האָבן זיך אָפּגעמאָסטן נאָך אין אוישוויץ...

דער היפּוך פון פּיאַקן איז — אַן אַנדערער אוישוויצער, וואָס פּאַסט זיך גאָר ניט אריין אין יחוסדיקן קרייז. יענער האַלט זיך טאַקע מיט זיי — אָבער אַביסעלע פון ווייטן. אָדער אפשר האָבן זיי אים דערווייטערט. ער איז אויך עלטער ווי די גאַנצע חבורה, וואָס באַשטייט פון לויטער יונגע. ער האָט אַ פאַרדאגהט פּנים, אַ געבויגענע פּלייצע און שלעפּט די פיס מיט שווערקייט, ווי אַלע לאַגערניקעס. האָט טאַקע דאָס אַרויסגערופן אויפמערק צו אים. ווען איך זע אים אין לאַגער, קומט מיר אויף אַ חשד, אַז דאָס האָט ער זיך אַריינגע־שמוגלט צווישן דער קאָמפּאַניע, וואָס מען האָט אַהער געשיקט פון אוישוויץ, זיך פּשוט פאַרשטעלט, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן אַקטיאָרישע מאַסקע, און איז דעריבער אויך אַ יונג צווישן יונגען. ניט ווייניק יידן שפּילן אין לאַגער דעם גיבור ווען עס קומט צו אַ סעלעקציע, ווען די שוואַכע און על־טערע ווערן אָפּגעקליבן צום טויט. אָבער דער דאָ — איז שוין אַן אמתער אַקטיאָר, צו קענען אָפּנאַרן אוישוויץ.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט איז אַן אויפלויף ערגעץ אין אַ ווינקל פון לאַ־גער. אַ קאַפּאָ איז אָנגעפאַלן אויף איינעם, און דאָס גלייך מיט די פויסטן אין פּנים. ניט קיין נייעס. אָבער דער דאָ, ווען דער קאַפּאָ שלאָגט, איז אַן אוישוויצער — אַזוינס איז נאָך ניט געזען און ניט געהערט געוואָרן. קומט מען נענטער, זעט מען יאָ, עס איז טאַקע דער, וואָס „שפּילט" דעם אוישווי־צער — וואָרעם צו אַן אַנדערן פון „זיי" וואָלט זיך דער קאַפּאָ ניט געוואַגט. אָבער אָט גיט זיך אַ צערוק דער געזעמל, אַן אַ וואָרט, פון זיך אַליין, ווייל אין מיטן שפּרייזט אַן פּיאַק — און שוין איז פּיאַקס האַנט פאַרלייגט אויף דער פּלייצע פון צעפּאַכעטן שלעגער. פּיאַק רעדט געלאַסן, אָבער יעדעס וואָרט קייקלט זיך אַראָפּ פון זיינע ליפּן ווי אַ שטיין פון אַ באַרג. „ווּעמען שלאָגסטו עס, ווּעמען! דו ווייסט ווער ער איז? ער איז דאָך פון די קלענסטע נומערן אין אוישוויץ. מיר האָבן אַלעמען איבערגעלעבט, האָבן מיר. אויב דו ווילסט אויך

איבערלעבן, זאָלסטו ניט הייבן די הענט קעגן אַן אוישוויצער"... (דרך אגב, די דאָזיקע סצענע פּיאַק מיטן קאַפּאָ, דעם שלעגער פון אַן אוישוויצער, ציטירט ד"ר מיכאל באַרוויטש אין זיין פאַרשונג־בוך אין דער פראַנצויזישער שפּראַך וועגן די טויט־לאַגערן).

אַז אַך און ווי, אַז מען דאַרף זיך דאָ אָננעמען פאַר אַן אוישוויצער, און מען דאַרף דערקלערן זיין מעטריקע, ווייל מען זעט עס ניט אין זיין פּנים, אין זיין האַלטונג. ניט אַנדערש, ווי אַט דער האָט זיך אַריינגעשמוגלט אין דער קאָמ־פּאַניע. ער איז אַ פאַרשטעלטער, אַן אַקטיאָר, אָבער ער שפּילט די ראָלע, וועל־כע ער האָט גענומען אויף זיך, ניט גענוג רעאַליסטיש...

עס זענען אַוועק חדשים. עס איז געקומען פרילינג. טויזנטער יידן זיינען אין צווישנצייט געפאַלן און די לעבעדיקע האָבן זיך קוים געשלעפּט אויף די פיס, געשוואָלענע פון הונגער. אַ גרויסע טייל זיינען געווען קראַנק אויף טיפוס, האָט מען דעם לאַגער געשלאָסן. אָבער די באַפרייאונג נענטערט זיך. מען הערט עס, און מען זעט עס אויך, אין אַנרויש פון די אַמעריקאַנער אַעראָפּלאַנען. אַלע נאַכט. אין איינער אַזאַ נאַכט האָט פּיאַק דורכגעשניטן דעם דראָט און איז אַוועק. אויף מאָרגן האָט מען געשלעפּט די לאַגערניקעס אין לאַנגן מאַרש קיין טיראָל. די באַפרייאונג איז אַנטקעגן־געקומען די גייערס אין וועג. די שפּיטאָלן אַרום מינכען זיינען געוואָרן פול מיט יידן. עס שאַפן זיך דערביי יידישע לאַ־גערן. און אַזוי נאָר ווי די קראַנקע הייבן אָן קומען צו זיך — קומען אויף לאַגער־קאָמיטעטן, אַ געאָרדנט יידיש לעבן — אין לאַגערן פון נעכטיקע קאַצעטניקעס. און אָט איז שוין גלייך דאָ אַן אייגענע יידישע צייטונג. עס אָרגאַניזירן זיך פּאַרטייען, חברות, לערן־קורסן. מאָדנע, אָט די מענטשן האָבן ניט פאַרלוירן דעם ווילן זיך איינצובויען אויף ס'ניי, און אין זיי איז פאַראַן אַ הונגער — צו קולטור גאָר.

אין איינער פון יענע ערשטע וואָכן נאָך דער באַפרייאונג קומט אָן אַ פאַרבעטונג, צו אַ פּרעמיערע, פון אַ טעאַטער־קאָלעקטיוו; זי קומט אָן פון פעלדאפינג, אַ לאַגער ניט ווייט פון מינכען.

לאַגער און טעאַטער, אַ פאַרבעטונג און אַ פּרעמיערע? לאָמיר פאָרן אָנ־קוקן נאָך אַ ווונדער אין דעם גאַנצן קנויל פון וווּנד און ווונדער, וואָס עס שפּילט זיך דאָ אָפּ.

דער פאָרהאַנג אין טעאַטער עפנט זיך און — איך קוק זיך גוט צו. יאָ, עס איז טאַקע ער, דער וועלכער האָט „געשפּילט" אין לאַגער דעם אוישוויצער — און ער איז דאָך טאַקע אַן אַקטיאָר אויף אַן אמת... דאָ שפּילט ער עכט, מיט געפיל און טאַלאַנט; דאָ וויל ער זיין, וואָס ער איז, אַ יידישער אַק־טיאָר און אַ ייד פון „עמך", ווי עס הייסט דער טעאַטער־קאָלעקטיוו, וועלכן ער האָט געהאָלפן שאַפן.

אַ סך יאָרן שפּעטער האָט ה. פערלמוטער — און אים מיינען מיר — זיך אויך באַוויזן ווי אַ שרייבער, מיט זיין זכרונות־בוך „מיין סטערצעוו", און איצט ברענגט ער דעם לייענער אַ בוך וועגן אוישוויץ. דער „אבן מאסו", אָט דער וועלכער האָט זיך ניט אָנגעזען ווי „אַן אוישוויצער" אין דאַכאַו, ווערט דער־ציילער וועגן אוישוויץ, און איך בין געבעטן געוואָרן צו שרייבן אַ הקדמה. איך ווייס ניט וועד עס דאַרף אַ הקדמה צו אַ בוך וועגן אוישוויץ — אַ פאָרהויז צום גיהנום? אָבער אַז אַ דאַכאַו־חבר בעט, האָב איך געטאָן לויט זיין ווילן און לויט זיין ווערט.

יאָהאַנעסבורג, דעם 5־טן נאָוועמבער 1971.

☆

הלל שאַרגעל

ביים לייענען די ברענענדיקע שורות פון ה. פערלמוטערס בוך, וואָס באַשרייבן די פאַרניכטונג, דעם אומקום פון יידן דורך דעם נאַצישן צורר; זיין אָנקומען אין אוישוויץ, זיינע פיין און יסורים, ווי די יסורים פון זיינע חברים און מיט־ברידער און זייער אויסדויער דאָרטן — ווערט פאַרווירט און פאַרמישט דאָס געמיט. עס לויפן רעיונות אויף און אָפּ, גלייך דו אַליין ביסט דאָרט געווען. דאָס בוך פאַרמאָגט אָבער אויך קוואַליטעט פון לויטערן בטחון, האָבן זיי, אָט די לויטערקייטן מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט, און מיך געפירט.

און געזען האָבן מיר צוויי כוחות — דער שוואַרצער כוח פון שטן המ־שחית, מיט זיינע טויזנט און טויזנטער געהילפן און יוצר־משרתים און דער אַנדערער כוח — דער כוח פון אמונה און בטחון. וואָרעם קיין דריטער כוח, אַ מענטש־וועלט־כוח איז דאָרט נישט געווען בנמצא, און אויב עס האָט זיך געוויזן, דאָ אָדער דאָרטן, אַ ניצוץ פון מענטשלעכקייט און הילף, איז ער בטל געוואָרן בשישים אלף שישים. היינט זײַנען אַפילו אין טויזנטער יאָרן אַרום, ווען מענטשן מוזן צוגעבן, אַז אויב נאָך דעם אַלעם זענען יידן אויפגעקומען צוריק ווי אַ פאָלק, איז עס אַ סך צו פאַרדאַנקען דעם גייסט, וואָס איז אויסגעגליט געוואָרן דאָרטן ביי די געציילטע געראַטעוועטע אין די וועלדער, און פון נעבן די קאַלך־אויוונס. עס האָבן זיך אָקומולירט און ס׳זענען אויסגעוואַקסן אומצע־שטערבאַרע כוחות. קיינער ווייסט נישט וואָס די כוחות זענען, אָבער מיר רופן זיי אָן ביים נאָמען וועלכן מיר קאָנען — „אמונה און בטחון”. פון דאַנען אַרויס האָבן זיי אַרויסגעלויכטן ווי אַ געטלעכע מאָראַל, אויסהאַלטנדיק נסיונות, ווי אַ גלייבן אין גוטסקייט, וואָס קיין שום שלעכטס קען עס נישט פאַרפלייצן אפילו די סאַמע טיפסטע טיפן פון גיהנום.

סופערלאַטיוון זענען נישט מסוגל צו דינען ווי נעמען פאַר דעם מיליאָ־נען־פאַכיקן צאַנקען און צאַפּלען בעתן אומענדלעכן אומקום. דער באַקאַנטער שרייבער ק. צעטניק, האָט געפונען אַ נאָמען פאַר דער גרויל־פּלאַנעטע וואָס ער באַשרייבט אין זיין בוך: „סאַלאַמאַנדרע”. דאָס איז אַזאַ מין לעגענדאַרע

חיה וואָס אין די קדמונים האָט מען געגלייבט אַז זי ווערט געבוירן אין אַ קאַלך־אויוון, וואָס ברענט זיבן יאָר אָן אויפהער, די חיה אַליין איז אומצע־שטערבאַר או"ן ווער ס׳ווערט איינגעשמירט אין איר בלוט, דעם וועט שוין קיין פייער ניט נעמען (חגיגה, כ"ז).

בלייבט אָבער דער הויפט־אונטערשיד צווישן פּערלמוטערן און ק. צעט־ניק דאָס, וואָס בעת ביי ק. צעטניק איז יעדער פּסוק אַ גליענדיק שטיק פייער, און ביי פּערלמוטערן שפּירסטו דאָ, אַז עס שרייבט איינער וועמענס האַנט ס׳איז אָנגעפּירט דורכן אומשטערבלעכן גאָט פון רחמים־געגאָד און בטחון. ס׳איז דאָס זאַלבע ברענענדיקע פייער, דער זעלבער ברענענדיקער וועג פון די גהינומס און דאָך — אַנדערש...

איך שטעל מיר פאָר פּערלמוטערן — וואָס האָט אין אוי־שוויץ באַקומען דעם צונאָמען „טעאַטראַל" — ווי ער לייענט פאָר אין איינער פון די „אויסגעציגול־טע" מינוטן פאַר זיינע חברים און אַנדערע צוהערער, דאָס ליד פון ה. לייוויק:

„די וועלט נעמט מיך אַרום מיט שטעכיקע הענט,
און טראָגט מיך צום פייער, און טראָגט מיך צום שייטער;
איך ברען און איך ברען און איך ווער ניט פאַרברענט, —
איך הייב מיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער."

דאָס ליד דאָרט געלייענט דרינגט אַריין ווי אַ היילונג אין זייערע נשמות, ווי אַן איבערערדישער כוח וואָס דערהאַלט ביים לעבן. און זיי, זיינע צוהערער, דערהאַלטן אים ביים לעבן. דער נס געשעט: ווען דער קאַפּאָ ציילט אים אַריין 25 דעמבענע שטעקענעס אויפן הוילן לייב און ער טאָר ניט שרייען — מוז נאָך אַליין ציילן די קלעפּ! זיי פאַרטייטשן דעם נס דערמיט, וואָס די קלעפּ זענען געפאַלן אויפן ווייכן זיך־פלייש — ניט אין שטעקן וואָלט געפאַלן איבער די נירן, איז אַלץ פאַרענדיקט... און עס קומט די רפואה: זיי זאַמלען צונויף אַלטע פאַרדאַרטע כזיתן ברויט, אויסבאַהאַלטענע פאַר עקסטרעמע נויט־פאַלן, און גיבן אים דאָס ווי אַ רפואה! ער בלייבט לעבן און מיר לייענען זיין בוך ווי אַ שליחות...

דאָס בוך איז געשריבן מיט אַ מייסטערישער פעדער. ווי אַ טייערער און אײדעלער גייסט, ווערט זיין בוך — אַ שליחות קעגן פיל געצנדינער פון אונדזער צייט. אָבער וואָס, דער געדאַנק אַליין, אַז די יידן זענען געווען די ער־שטע אין דער וועלט, וואָס האָבן אין זייער פריסטער קינדהייט — און מעגלעך אין דער פריסטער קינדהייט פון דער מענטשהייט — אויסגעפונען סדום, דאָס הייסט, זיי האָבן זיך דערטראַכט, אַז דער אָרגאַניזירטער דענקנדיקער מענטש איז מסוגל צ־צוקומען צו דער מדרגה פון אַן אַלץ־פאַרדאַרבער — אַז זיין פאַרברעכן זאָל זיין אַזוי הימל שרייענדיק, אַז ער זאָל אַליין ווערט זיין פולע פאַרניכטונג? אָט די דערפינדונג איז געווען אַזוי דערשיטערנדיק, אַז דאָס גערעכטיקייטס־געפיל פון אונדזערע אור־דענקער האָט נישט געקאָנט דערלויבן אַז אַזאַ פאַרברעך זאָל אַוועקגיין אומבאַשטראָפט און באַשטראָפן דאָס, קען נאָר אַן אַלמעכטיקער גאָט. און וויבאַלד גאָט איז אַזוי אַלמעכטיק, קען ער זיך נישט אַריינלאָזן אין דעטאַלן... לכן איז דער מענטש מחויב וואָך צו זיין מיט רחמים, ווי ס׳איז פאַרשריבן אין ספר בראשית...

אַז איך קום צוריק צום בוך פון ה. פערלמוטער און גיי מיט אים מיט אויף די פיין־וועגן פונעם פויליש־יידישן שטעטל, שוידערט אויף די איינזאַמ־קייט פונעם ייד אין דער פוילישער אַרומרינגלונג. דער ייד האָט דורות לאַנג געגעבן פון זיין בלוט און כוח כדי פוילן צו באַרייכערן און עס בײשטיין אין אַן עת צרה, און ווי פאַלש עס שפּילן די פוילישע מענטשן אַנטקעגן ייד. דערפאַר פאַרצייכנט פערלמוטער דעם איינציקן פאַליאַק יאַן באיער וואָס האָט יאָ גע־וואָלט העלפן, אָבער לײדער נישט פיל געקענט העלפן.

איינער פון די טייערע שטריכן אין דעם בוך איז דאָס אומגעהייערע געפיל פון געהערן... דאָס דאָזיקע געפיל איז אַ טייל פון דער אמונה, אַז דעם נאַצי י״ש וועט נישט גע־ינגען זיין טײוולאָנישער פּלאַן פון פולקאָמער יידן־פאַרניכ־טונג. דער יחיד פערלמוטער געהער צום פאָלק און אַלס אַזעלכער, ווען ער ראַנגלט זיך ווי אַ טרינקענ־קער, אומבאַוווסטזיניק, פאַר זיין עקזיסטירן, ראַנגלט ער זיך באַוווסטזיניק פאַר דער עקזיסטענץ פון זיינע חברים. דער־פאַר די דיסקוסיעס מיט זיי, אַז ס׳איז כדאי אויסצוהאַלטן די פיין. און אַזוי ווי ס׳איז אוממעגלעך צו נעגירן די שטאָלענע צײַן, וואָס קענען יעדע רגע איינ־

בייסן זיך אינעם לייב פון די פּאַרמשפּטע, פּונקט אַזוי און מיטן זעלבן כוח קלאַמערן זיי זיך איינער אינעם צווייטן, כדי צו העלפן זיך אין זייער פאַר־צווייפלונג.

אַזוי איז דאָס קלאַמערן זיך אין כלל ישראל ביים אָנטאָן אויף זיך די צונויפגעגנייטע שטיקלעך טלית אויפן הוילן לייב, כאָטש דאָס פּאַרמערט דאָס בייסעניש — ווייל טלית איז דאָך פון וואָל — אָבער דערפאַר שפּירט זיך דער מענטש. ער איז נישט אליין דאָ, עס גייען מיט אים יידן פון דער גאָרער וועלט, פון די שייטערס ביז די אויוונס, אבי נישט אַליין. דער רעיון פון געהערן מיידט אויך נישט די קאַפּאָס, כאָטש האַרט־הויטיקע, פאַרדאָרבענע, אָבער דאָך יידן. טליעט אין זיי אַ פונק פון געהערן צום פאָלק און אַ דאַנק זייער פאַרלאַנגען גייסטיקע פאַרוויילונג, ווערט אונדזער „טעאַטראַל" מער ווי איין מאָל ניצול פון טויט.

דאָס לעצטע קאַפּיטל אין פערלמוטערס בוך רופט זיך „נקמה נעמער". איך מיין אַז די גרעסטע און אמתע נקמה איז דאָס וואָס זיי, ער און זיינע חברים, זענען געבליבן לעבן. דאָס לופטיקע מעטאַל פון אמונה און בטחון האָט זיך איבערגעשטאַרקט איבערן האַרטן מעטאַל פונעם שטן המשחית. און דער לא אמות כי אחיה, איז געווען און בלייבט די גרעסטע נקמה!

דאָס טייערע ליכט פון בטחון איז געווען מיט אונדז און מיר האָבן זיך מתגבר געווען. און איינער פון די טויזנטער באַווייזן איז דאָס בוך פון ה. פּערל־מוטער „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ".

„ישראל־שטימע", תל־אביב, 29־טער נאָוועמבער 1972.

☆

יחזקאל קאָרנהענדלער

מיר ציילן שוין איצט דאָס 28־טע יאָר נאָך דער נאַצישער מפּלה און דאָס עפענען זיך פון די דעפּאָרטאַציע־לאַגערן פאַר די על פּי נס אָפּגעראַטעוועטע יידישע מענטשן און כסדר, אומאויפהערלעך דערשיינען אַלץ פרישע זכרונות־ביכער וועגן יענע טראַגישע איבערלעבונגען און צו דער גרויסער צאָל ווערק פון דעם מין איז צוגעקומען אַ וויכטיק בוך מיט אַן אויסטערלישן נאָמען: „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ״.

דער מחבר ה. פּערלמוטער איז אַ פּאַריזער תושב פון נאָך דער מלחמה. די ערשטע 80 זייטלעך פון בוך דערציילן וועגן זיינע און בכלל יידישע אי־בערלעבונגען זינט די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט פּוילן. מיר לייענען דאָרט וועגן פיל יידן וואָס שערן זיך אָפּ די בערד, כדי נישט צו שטעכן די אויגן פון די יידן־פאַרפאָלגער, וועגן דאַוונען ביי אַ שכן כדי נישט צו דאַרפן אַרויסגיין אויף דער גאַס אין מיטן אָנקומען פון די ימים נוראים, פון אָנגייענדיקע דיסקו־סיעס מכוח יאָ אָדער נישט בלאָזן שופר, וואָרעם מען קען דאָך חלילה באַטראַכט ווערן פאַר שפּיאָנען, וואָס גיבן צייכנס... און מען „טאָר נישט ריזיקירן דער־מיט״ און וועגן דראַמאַטישן פאַרלויף פון יום־טובדיקן דאַוונען, וועגן וואָס דער פאָטער פון מחבר האָט זיך אויפגעדריקט „אַז ס׳האָט זיכער דערגרייכט צום כסא הכבוד״ (זייט 27). מיר לייענען וועגן דייטשע גרופּעס וואָס קומען אין יידישע וווינונגען, רויבן, מאַכן רעוויזיעס, פּרעסן אויס געלט, וועגן תליות אויף וועלכע מען הענגט יידן א.א.וו.

ערשט אויף דער זייט 83 הויבט אָן דער מחבר צו דערציילן זיין איבער־לעבעניש אין אוישוויץ.

אוישוויץ! וויפיל זכרונות־ווערק עס זענען שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן די דעפּאָרטאַציע־לאַגערן און ממילא אויך וועגן דעם דאָזיקן אַזוי טרויע־ריק־באַרימטן אָרט. ה. פּערלמוטער האָט אָבער אַריינגעבראַכט אַ ניי בלעטל אין די, דוכט זיך, אַזוי גוט באַקאַנטע איבערלעבונגען אין די נאַצי־לאַגערן און

דאָס נייע ליגט שוין אין נאָמען פון בוך גופא. ווארעם דאָס מאָל האַנדלט עס זיך וועגן „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ״.

דער אַקטיאָר, דאָס איז טאַקע געווען דער מחבר ה. פערלמוטער גופא, וואָס איז אין די יוגנט־יאָרן אין זיין היים־שטעטל סטערצעוו, געווען אַ טעאַטער־אַמאַטאָר און מיטגעשפּילט אויך מיט וואַנדערנדיקע טעאַטער־טרופּעס. געפינענדיק זיך אין אוישוויץ, איז געשען, אַז אין געוויסע מאָמענטן, ווען מען פלעגט קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם, פלעגט ער רעציטירן פאַר זיינע אומגליקלעכע אַ פּאָר פערזן פון עפּעס אַ פּאָעמע, אָדער אַ פראַגמענט פון אַ טעאַטער־ספּעקטאַקל, אַ זינג טאָן אַ יידיש לידל און ממש מחיה זיין די חברים אַרום אים און אויפגעלעבט דעם צעטרעטענעם אָנדענק פון יענע טעג ווען זיי האָבן געלעבט ווי פרייע און קולטורעלע מענטשן.

אין פרייע מאָמענטן הייבט מען אָן בעטן ביי אים ער זאָל עפּעס „אויספירן״ פון דעם רעפּערטואַר וואָס איז אים פאַרבליבן אין זכרון, עפּעס רעציטירן, זינגען. ער באַקומט דעם נאָמען דער „טעאַטראַל״. זיין שם הייבט זיך אָן פאַרשפּרייטן איבערן לאַגער און דערגייט צו די לאַגער־יחסנים, וואָס האָבן אַן איבעריק שטיקל ברויט און אפילו מער. „דער טעאַטראַל״ הייבט אָן אויספירן אַ וויכטיקע ראָלע, אויפהייבן דעם מוט ביי די לאַגערניקעס און ספּעציעל אויך ביי די פּאַוואַריזירטע „קאַנאַדער״ און בלאָק־עלטסטע. ער באַמיט זיך אויפצולעבן אין זיין זכרון סצענעס, מאָנאָלאָגן און לידער. ער פירט אויס פראַגמענטן פון „דיבוק״. ער רעציטירט מאָריס ראָזנפעלדס „אַ, איר קליינע ליכטעלעך״, סצענעס פון אַש׳ס „קידוש השם״, פון לייוויקס „גולם״ און אַז ער זינגט פאַר זיינע אומגליקלעכע צוהערער „אלי, אלי״, וויינט אַרום אים דער גאַנצער עולם.

„דער טעאַטראַל״ און איצט דער מחבר ה. פערלמוטער איז אַזוי אַרום געוואָרן דער, וואָס האָט אין אַזעלכע טראַגישע באַדינגונגען אַרויסגערופן אַ שמייכל אויף די ליפּן פון די פאַרשמאַכטע מענטשן, זיי אויפגעהייטערט און אַרויסגעשלעפּט אַפילו אויף קורצע מינוטן פון דער „טאָג־טעגלעכער מרה־

שחורה״ (זייט 145). סאַראַ גרויסע און הייליקע מיסיע אים איז באַשערט געַ־וואָרן אויסצופירן אין יענע שוידערלעכע באַדינגונגען.

„דער וועג״, מעקסיקאָ, מערץ 1973.

☆

באַרווין פרענקעל

„אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ״ פון ה. פערלמוטער באַדאַרף נישט די הסכמה, לויב־ווערטער צי אַ קריטישע אָפּשאַצונג פּשוט דערפאַר, ווייל דער מחבר האָט פאַר דעם שוין מיט יאָרן צוריק טייער באַצאָלט צוזאַמען מיט מיליאָנען קרבנות וואָס האָבן ליידער נישט די מעגלעכקייט עדות צו זאָגן וועגן דעם שוי־דערלעכסטן קאַפּיטל אין דער מענטשלעכער און יידישער טראַגעדיע.

און הגם אַזויפיל ביכער גבית־עדותן זיינען שוין דערשינען, איז יעטווע־דעס בוך וואָס דערמאָנט די אוישוויצער תקופה אַ נייער דאָקומענט אין דער רשימה פון באַשולדיקונג. אָבער דאָ האַנדלט זיך נישט אַזוי אין „באַשולדיקן״ די היפּער־מערדער, די נאַצי־דייטשן. דאָס בוך „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ״ איז נישט קיין דירעקטער באַשולדיקער פון די תליינים, נאָר דער עיקר — אַ באַווייז (אויב מען האָט אים באַדאַרפט) אַז דער קרבן האָט אפילו אין די מורא־דיקסטע אומשטענדן, זיך שווער געראַנגלט, כדי צו ראַטעווען זיין צלם מענטש־לעכקייט.

די פאָרמען פון גייסטיקן ווידערשטאַנד זיינען פאַרשידנאַרטיקע. די גלויביקע האָבן זיך געקלאַמערט אין גאָט, הגם ער איז אין אוישוויץ נישט געווען. ביי אלי וויזעל איז פאַראַן אַ דערציילונג וועגן דעם, ווען ער איז מיט זיין פאָטער צוזאַמען מיט אַנדערע יידן געקומען אין אוישוויץ און ער, דער

14־יאָריקער גלויביקער בחור, האָט געפרעגט זיין טאַטן: „ווו איז גאָט, טאַטע?״, האָט אים דער פאָטער אָנגעוויזן אַ תליה אויף וועלכער עס איז געהאָנגען אַ יינגל און געזאָגט: „אָט דאָרטן הענגט ער״. אָבער טראָץ דעם איז דער גלויבן געווען ביי אַ טייל אַ מין אַנטרינונג און אַ מיטל ענדגילטיק זיך נישט מייאש צו זיין.

אויך די, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַן אידעאָלאָגישע באַזע, זיינען נישט ענדגילטיק געפאַלן. און די איבריקע (אַחוץ די, וואָס האָבן פאַרלוירן דאָס געפיל פון ווירדע) האָבן געזוכט פאַרשידענע אופנים, כדי צו אנטקומען כאָטש אויף אַ ווײַלע פון דער שוידערלעכער ווירקלעכקייט. צי איז עס געווען אין פאָרם פון געזאַנג, רעציטאַציע און אפילו אין דער פאָרם פון „גאַלגן־הומאָר״.

ק. צעטניק, דער מחבר פון „דעם הויז פון די ליאַלקעס״, דערמאָנט אין זיינעם אַ בוך דערציילונג־זכרונות וועגן דעם טעאַטער־שפּיל ווי וועגן אַ פאָרם פון גייסטיקן ווידערשטאַנד, אפילו, ווען זי איז טיילמאָל אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די הענקער גופא.

ביים געוועזענעם קאַצעטלער ה. פערלמוטער קומט דער אַספּעקט פון בענקשאַפט צום ליד, רעציטאַציע, דעקלאַמאַציע, באַזונדערס צום אויסדרוק. עס איז ביי אים נישט געווען בלויז אַ נאָסטאַלגיע צום אַמאָל, וואָס די לידער, די מאָנאָלאָגן האָבן אַרויסגערופן מיט זיך אין דער פאָרם פון אַספּיראַציעס, נאָר זיי זענען אויך געווען אַ מין שטאַרקונג, אַ גייסטיקער כזית ברויט, אַ סטימול צו דערהאַלטן דעם גייסטיקן אָטעם.

ה. פערלמוטער האָט שוין דערמאָנט אין זיין ערשטן בוך „מיין סטערצעוו״, אַז ער האָט געהערט אין זיין שטעטל צו דער אַמאַטאָרן־טרופּע, ווו ער האָט מהנה געווען די טעאַטער־באַזוכער פון זיין שטעטל און פראָווינץ. אָבער אין אוישוויץ, אין דעם תהום פון שוידער, האָט זיין פּרימיטיווער טאַלאַנט באַקומען אַן אַנדערן אויסמעסט. שפּילן טעאַטער איז געוואָרן אַ מין רעטונגס־אַרבעט אויך פאַר אים.

מיר זענען איבערגעטראָגן אין דעם „קאָנצענטראַציע־אוניווערז״ און ווערן אויפגעטרייסלט פון די טאָג־טעגלעכע כמעט „נאָרמאַלע״ מוראדיקע באַדינגונ־

גען. באַזונדער פּול מיט לערע פֿאַר אונדז, פֿאַר די וואָס זענען דאָרט נישט געווען, זיינען די קאַפּיטלען „ליבע דורך שטעכל־דראָטן", „בטחון רעפלעקסן", „דער טויטן־מאַרש".

אין קאַפּיטל „אַקטיאָר" דערמאָנט ער דעם נאָמען פֿון פֿאַריזער דעפּאָר־טירטן הערמאַן (פֿון „פּיאַט"), וועלכער האָט זייער אָפּט געזונגען, און אָפּטמאָל דורך די „קאַפּאָס" צי „אָבער־מענער" געווען געצוווּנגען דערצו, אפילו ווען ער איז שוין געווען אַ מוזלמאַן. זעט אויס, אַז די שפּלדיקע האָבן אויך, פֿון צייט צו צייט, געהאַט די באַדערפֿעניש ריין־צו־וואַשן זייער נשמה מיט דער הילף פֿון אַ פֿאָלקסטימלעכן געזאַנג.

אין קאַפּיטל „ליבע דורך שטעכל־דראָטן" דערציילט ער, ווי אַזוי גע־וויסע „אוישוויצער" וואָס זענען געווען באַשעפֿטיקט אין „דעפּעקטן"־קאַמער, האָבן דורכגעוואָרפֿן פּעקלעך מיט פֿרויען־מלבושים איבער די שטעכל־דראָטן צום פֿרויען־לאַגער. „אַ זאַך וואָס האָט זיי געקענט העלפֿן אויסמיידן גיך צו ווערן „מוזלמאַנקעס". שנית, איז גרויס געווען (אַ דאַנק דעם איבערטועון זיך) די הנאה צו זען צוריק זייער יידישן פֿרויען־חן. ס'האָט זיך געשאַפֿן, קאָן מען זאָגן, אַ נייער סאָרט ליבע צווישן אונדז, „ליבע דורך שטעכל־דראָטן" — האָט מען עס גערופֿן, אַ פּלאַטאָנישע נישט־רעאַליזירבאַרע ליבע, אָבער פֿאָרט אַ ליבע".

די אידיליע האָט נישט לאַנג געדויערט און דאָס אוישוויצער לעבן איז צוריק אַריין אין זיין גיהנום־געזעצן. דער פֿאַקט גופֿא, אפילו ווען ער איז חל אויף געציילטע, באַווייזט ווידער, אַז דער ווידערשטאַנד, קאַמף און פֿאַרשידענע מעגלעכקייטן, האָבן עקזיסטירט. דאָס איז אויך געווען אַ מין ווידערשטאַנד קעגן די אַלע אוממענטשלעכע פּאַלן וואָס האָבן באַדראָט דעם יחידס נשמה.

„אונדזער שטימע", פּאַריז, 30־טן סעפּטעמבער 1972.

☆

צבי ראַיאַק

נישט בלויז היסטאָריקער און שרייבער, נאָר יידן פון אַ גאַנץ יאָר און פון אַלע שטאַנדן, האָבן בעת דער „שואה" איינגעשטעלט זייער לעבן, כדי אָפּצוהיטן פאַר די שפּעטערדיקע דורות און איבערגעבן דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אינעם דייטשן גיהנום. יידן האָבן אַראָפּגעריסן דייטשע מעלדונגען, אויפרופן און באַפעלן און זיי באַהאַלטן, האָבן אויסגעפונען פאַרשידענע המצאות, ווי אַזוי צו זאַמלען דאָקומענטן, ווי אַזוי צו פאָטאָגראַפירן די גרויל-טאַטן. אַפילו אין אוישוויץ, האָבן זיי געגרייט אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג „אויש-וויץ", מיר לייענען אַזאַ פראַגמענט:

„מיר אַלע דאָ, וואָס קומען אום, ביי דער גלייכגילטיקייט פון די פעלקער, מיר, די פאַרגעסענע פונעם לעבן, מיר, די לעבעדיק-טויטע, געפינען פאַר נויטיק איבערצולאָזן אַ וואָרט פאַר די קומענדיקע גענעראַציעס, פון דעם וואָס מיר האָבן געטראַכט, וואָס מיר האָבן געפילט, וואָס מיר האָבן באַגערט. איבער די קברים, אין וועלכע מיר ליגן, צוגעדעקטע מיט שטויב נאָך ביים לעבן, איבער אונדזערע קברים, טאַנצט די וועלט אַ שדים-טאַנץ, און מיטן הו-האַ פון די טענץ פאַרטויבן זיי אונדזערע קרעכצן, געוויינען און הילפס-רופן. און אַז מיר וועלן שוין זיין דערשטיקט, וועט מען אונדז פאַרברענען, און אונדזער שטויב צעשפּרייטן איבער זיבן ימים."

„דאָס זענען פאַרצייכענונגען שוין פון אונטער דער תליה, פאַרן טויט. די שטריק איז שוין פאַרצויגן אויפן האַלדז. דער דייטשער תלין האָט געדולד און צייט. ער שפּילט זיך מיט זיין קרבן, ער טרינקט ביר, רייכערט אַ ציגאַר און לאַכט צופרידן. לאָמיר אויסנוצן די מינוט, ווען דער מערדער איז פאַרנומען מיט פרעסן און זויפן. דעם תליה-בוים וועלן מיר באַנוצן פאַר אַ שרייב-טיש, און לאָמיר קורץ פאַרשרייבן, קורץ — ווי די טעג וואָס זענען אונדז איבערגע-בליבן צו לעבן. ‚אַלן איבערבלייבן בלעטלעך פאַרן אַרכיוו פון יידישן ווייטיק. זאָלן די ווערטער געלייענט ווערן פון אונדזערע לעבן-געבליבענע ברידער — אפשר וועלן זיי דערפון עפּעס לערנען"...

מײַנע עטלעכע הקדמה־ווערטער זײַנען צו באַקרעפטיקן די אָפּשאַצונג פון דעם גרויסן ווערט, פון דעם וואָגיקן און ווערטפולן בײַטראָג צו אונדזערע חורבן־שריפטן, וואָס עס איז דאָס בוך „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ" פון ה. פּערלמוטער. דער מחבר שילדערט צווישן אַנדערן די סצענעס און קאָנצערטן, וואָס מען האָט אין לאַגער געגעבן פאַר זײַער בלאָק־עלטסטן.

„אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג — לייענען מיר — האָט דער בלאָק־עלטסטער געהאַט בײַ זיך צו גאַסט זײַנע „פּאַך־קאָלעגן" און ער רופט מיך, כ׳זאָל „עפּעס פאַרברענגען פאַר די לויטע". עס באַפאַלט מיך אַ שטאַרקע טרעמע. איך ווייס נישט, וואָס אַזעלכעס פאַרצוברענגען פאַר אַזעלכע „הויך־געשעצטע לויטע", אַז עס זאָל זיי געפעלן ווערן. אַ פראַגמענט פון אַנ־סקיס „דיבוק" למשל, אָדער שלום־עליכמס „טוביה דער מילכיקער" איז פאַר די „לויטע" אַ קנאַפּער עניך. איז ווו געפינט מען עפּעס וואָס פאַר זיי זאָל זײַן יאָ פּאַסיק? צום גליק, נאָך לאַנגע אַרײַנקלערונגען, האָב איך זיך דערמאָנט אין לאַטײַנערס אַ דראַמע „אשה רעה", אַ שלעכטע פרוי, וואָס מיר האָבן געשפּילט אין שטעטל מיטן דײַטשן דיאַלעקט. איך האָב זיך דערמאָנט די סצענע מיטן דיאַלאָג פון הויפּטמאַן אַנ־טיגונוס מיט אזבל, די פרוי פון גענעראַל אבנר.

„און איך האָב פון אים באַקומען דערפאַר באַצאָלט נישט ווי זײַן טבע איז געווען, מיט אַ שטעקן, נאָר טאַקע מיט אַ פּאַרציע ברויט. און ער האָט מיר גע־מאַכט אַ קלינגעדיקע רעקלאַמע וועגן מײַן אַקטיאָרישקייט".

אַ סך שרײַבער האָבן געשריבן וועגן לעצטן חורבן. אַ טייל פון זיי זײַנען אָבער פאַרבליבן בגדר פון מענטשן וואָס שטייען מחוץ לתחום, פון דרויסן, און האָבן געשריבן נאָר פון די אײַנדרוקן, וואָס זיי האָב, באַקומען פון דערציילונ־גען, פון לייענען, פון נאָכקלאַנגען, אָבער נישט פון אייגענע איבערלעבונגען. די געשעענישן האָבן זיך נישט אײַנגעזאַפּט אין זייער בלוט, אין זייערע אָדערן, אין זייער וועזן. צוליב דעם איז בײַ זיי דער טיפּול מיטן חורבן אַ סכעמאַטי־שער און נישט אַ גענוג איבערצײַגנדיקער. דער חורבן איז בײַ זיי אַ היסטאָ־רישער זכרון פונעם יידישן פאָלק. ה. פּערלמוטער, וועלכער האָט אליין איבער־געלעבט די יסורים און צרות, האָט זײַן פּסיכאָלאָגיש־מקורותדיקן צוגאַנג

צום חורבן. דער פּיין און ליידן טראָגן זיך פון אַלע זיינע דערציילונגען און שילדערונגען, זיינע געפּלאָגטע פּערזאָנען פונעם אומגליק, ביי וועלכע די צייט האָט נישט באַוויזן צו פאַרהיילן זייערע ווונדן, זיינען קלאָר און בולט אי־דענטיפיצירט. פּערלמוטער קאָנצענטרירט זיך אויך אויף דעם פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון די עינויי־הנפש פון די קרבנות, פון וועלכע מען קאָן אויספירן, אַז צו גייסטיקע ליידן איז נישטאָ קיין רפואה, דאָס וועט שוין די מענטשן אויף אייביק פאַרפאָלגן...

אין ערשטן טייל באַהאַנדלט פּערלמוטער דאָס פאַלן פון פּוילן, און די פּאַניק פון דער ציוויל־באַפעלקערונג — פון דער יידישער איבערהויפּט, באַלד נאָכן אַריינקום פון די דייטשן.

אין צווייטן טייל, „אין אוישוויץ״, שילדערט דער מחבר דעם גיהנום פונעם קאַראַנטין־לאַגער און דעם עמק־הבכא פון אוישוויץ:

„אַ שרעקלעך געפּיל האָט דיך באַהערשט, ווען עס איז דיר אויסגעקו־מען צו טראָגן אַ העמד, אָדער אונטערהויזן, אויפגענייט פון אַ טלית. דאָס האָט דיך אַלע מאָל דערמאָנט אין דיין טאַטן, ווי אַזוי ער פלעגט זיך אין אים איינ־הילן בעת זיינע טאָג־טעגלעכע און שבת־יום־טובדיקע תפילות...

„פאַרבייגייענדיק די גאַז־קאַמער און קרעמאַטאָריעס, באַצייכנט דער מחבר, האָט מען ערשט בולט געזען אונדזער בראָך. אויב עס האָט נאָך ווער פון אונדז ביז דעמאָלט געוואָלט זיך מאַכן אילוזיעס וועגן אונדזערע נאָענטע, איז דאָס אין יענע מינוטן צערונען געוואָרן. מיר האָבן דערזען צווישן די פאַר־פלאָכטענע צווייגן ליגן מתים ווי קלאָפּטערס האָלץ — להבדיל, וואָס וואַרטן אויף זייער ריי פאַרברענט צו ווערן. ווייזט אויס אַז צו צרות איז דער מענטש דאָס שטאַרקסטע באַשעפעניש. די לאַגער־פירונג גייט זיך ווייטער איר גאַנג. דו האָסט אַפילו קיין צייט נישט אַרומצוקוקן זיך און זען, וואָס דאָ טוט זיך און באַגרייפן, וואָס מיט דיר טוט זיך״.

ווייטער באַשרייבט ער מיט גרויס שטוינונג, ווי אַזוי די מענטשן זיינען פאַרשטיינערט און אַטראָפירט געוואָרן צו זייער אייגענעם גורל. די קרבנות, ביי „וועלכע עס זענען פאַרבליבן געציילטע שעהן צו דער לעבעדיקער וועלט.

ביי קיינעם פון זיי האָט זיך אפילו נישט באַוויזן אין אויג קיין טרער, גלייך ווי דער טרערן־קוואַל וואָלט ביי זיי שוין געווען פולשטענדיק אויסגעשעפּט און אויסגעטריקנט. זייער בקשה צו אונדז איז נאָר געווען: אויב איר וועט זוכה זיין צו דערלעבן די נאַצי־מפּלה, זאָלט איר געדענקען נקמה צו נעמען פאַר זייערע פאַרברעכנס״.

און וועגן דער פאַרגליווערונג פון די קרבנות, זייער גלייכגילטיקייט צו זייער לאַגע: „עס באַווייזט זיך אַ ייד פון אַ צווייטן בלאָק. אויף אונדזער פראַגע, וועמען ער וויל דאָ זען, ענטפערט ער: — איך זוך מיין חבר, איך וויל זיך מיט אים געזעגענען. — וווהין אַ שטייגער פאַרסטו? — זיינען מיר געווען נייגעריק צו וויסן, מיינענדיק, אַז מען שיקט אים ערגעץ אויף אַרבעט. — איך פאָר אין הימל אַריין... מען האָט מיך היינט ביי דער סעלעקציע אויפגעשריבן...

„ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט, ווי ס׳וואָלט זיך גע־האַנדלט אין עפּעס אַ נישטיקן ענין, און גאַנץ געמיטלעך, ווי קיינמאָל גאָרנישט האָט ער זיך מיט אונדז אויך געזעגנט און איז אַוועק...״

זיך צוקוקן צו גרויזאַמקייטן, איז שוין געווען אַ רגילות — באַמערקט פּערלמוטער — און עס האָט קיינעם נישט איבערראַשט. אין איינעם אַ פרי־מאָרגן, ווען דער באַגינען האָט אויפגעוועקט דעם עולם אויפן אַפּעל און אַלץ האָט געמוזט זיין אין מאָמענט פּיקס און פּאַרטיק, האָבן מיר באַמערקט, אַז אונדזער בוקסע־שכן רירט זיך נישט פון אָרט. מיינענדיק, אַז ער שלאָפט שווער, האָט מען אים גענומען וועקן, כדי אויסצומיידן אים קלעפּ, וועלכע ער איז עלול צו באַקומען. ער איז אָבער געווען טויט, קאַלט ווי אַ שטיק אייז. און מיט אים אַ טויטן זענען מיר געשלאָפן די גאַנצע נאַכט אויף איין געלע־גער. אים האָבן גאָר אַנדערע מקנא געווען: „אַז ווויל איז אים, וואָס ער איז שוין איבערגעקומען און וועט מער נישט דאַרפן ליידן. אַ צדיק איז ער געווען, זוכה צו זיין צו אַ לייכטן טויט און נישט דאַרפן דערשטיקט ווערן אין גאַז־קאַמער...״

אַ באַזונדערן פּרק ווידמעט פּערלמוטער דער „זאָנדער קאָמאַנדע״ ווע־מענס באַשעפטיקונג איז געווען צו אַרבעטן ביי די גאַז־קאַמערן און קרעמאַ־

טאָריעס, כסדר געווען טעטיק ביים פאַרברענען און אָפּרוימען די דערשטיקטע מתים, וואָס אַקאָרשט זענען זיי געשטאַנען לעבעדיקע פאַר דיינע אויגן, צומאָל נאָענטע, אייגענע חברים און פריינט, וואָס דו דאַרפסט זיי איצט מיט דיינע הענט וואַרפן אין קאַלך־אויוון. — „עס פלעגט טרעפן, אַז אין גאַז־קאַמער האָט פאַרפעלט דער סם צו דערשטיקן אַן אַקאָרשט געבראַכטן טראַנספּאָרט קינדער, האָבן זיי די „זאָנדער קאָמאַנדע״ געמוזט וואַרפן ווי העלצלעך אין דער קרע־מאַטאָריע לעבעדיקערהייט״.

אין „נאָך אוישוויץ״ שטעלט זיך אָפּ ה. פערלמוטער אויף דער תקופה, ווען די דייטשע האָרדעס האָבן שוין אָנגעהויבן צו ווערן געשלאָגן. ער דער־ציילט וועגן אַ מאָדנעם חלום אין אַ נאַכט פון חודש אַפּריל 1945, אַ חלום — אַ נבואה... „עס האָט זיך מיר באַוויזן מיין טאַטע, אויפגערוימט און פריילעך, יום־טובדיק אָנגעטאָן און זאָגט צו מיר: זיי וויסן הערשל, מיין קינד, אַז עס קומען משיחס צייטן, די „באחרית הימים״. באחרית איז בגימטריא: במלחמות אַדאָלף היטלער רשע יבוא תישבי. און אַ „ח״ איז זיך אָפּטמאָל מתחלף אין אַ „ה״ (היטלער). און די דייטשן האָבן טאַקע באַלד גענומען אַנטלויפן.

די שואה, דער חורבן, איז ביי פערלמוטערן איינגעגעסן אין זיין טאָג־טעגלעכקייט. דער ווייטיק איז טיף פאַרזונקען אין זיין האַרץ. אין זיינע דער־ציילונגען קומט צום אויסדרוק דאָס געשריי פון אַ דור, וואָס ווערט אויפגע־פאָדערט צו ריזן־ליידן און אָפּפער, און פאַר די וואָס האָבן געליטן איז שווער צו געפינען אַ טרייסט און קומען אל המנוחה ואל הנחלה. דאָס איז אַ פּסיכאָלאָ־גיש־מקורותדיקער צוגאַנג צום חורבן, וואָס גלויבט, אַז די „אוישוויץ״־איבער־לעבענישן קען מען נישט שילדערן אָדער פאַרשטיין, נאָר מען קען דערציילן וועגן די נפש־עינויים פון די וואָס זענען נאָך פאַרבליבן און ציען דעם יאָך פון די ליידן, וועלכע זיינען אָן אַ סוף און אָן אַ גרענעץ.

די מענטשן פון זיינע דערציילונגען זיינען אָנגעלאָדן מיט שוידער־זכרו־נות, מענטשן אומגליקלעכע, אָפּגעשוואַכטע, וואָס האָבן ליידער נישט קיין כוח און קיין ווילן זיך קעגנצושטעלן קעגן די כוואַליעס פון לעבן — טיפן פון „חלושים״, וואָס ליידן פון אייביקער פאַראיינזאַמקייט.

שרייבן די געשיכטע פון חורבן און גבורה איז נישט בלויז די געשיכטע פון טויט און לעבן, פון מאָרד און אויפשטאַנד, דאָס איז די געשיכטע פונעם טאָג־טעגלעכן יידישן לעבן אין די געטאָס, פון יידישן לעבן אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, זינט דעם טאָג ווען היטלער־דייטשלאַנד איז געקומען צו דער מאַכט, זינט דעם טאָג ווען זיי האָבן אָקופּירט די אייראָפּעאישע לענדער.

שרייבן די געשיכטע איז אויך אין אַ געוויסער מאָס אַ שטיקל נקמה אין די דייטשע מערדער, וואָס זיינען געגאַנגען פּאַרטיליקן יידן, שלא יזכר שם ישראל ר״ל. זיי האָבן געוואָלט זייערע מעשים תעתועים פּאַרדעקן, פּאַרבאַהאַלטן, און אַ דאַנק דער השגחה זיינען פּאַרבליבן אַזעלכע ווי פּערלמוטער און אַנדערע פּען־מענטשן, וועלכע קומען מיט זייער גאָט־געבענטשטער פעדער, פּאַרפיקסירן דעם חורבן.

„אונזער וועג״, פּאַריז, דעצעמבער 1972.

☆

ל. מאַקאָווסקי

קיין שום פּאָלק אין דער וועלט פּאַרמאָגט נישט אַזאַ מין גרויסע חורבן־ליטעראַטור, ווי מיר. הונדערטער און הונדערטער ביכער אין אַלע שבעים לשונות זענען געשריבן געוואָרן וועגן אונדזער חורבן. אָבער נישט אַלע ביכער זענען געשריבן געוואָרן פון פּראָפעסיאָנעלע שרייבער און גאָט־געבענטשטע דיכטער. די קינדער אַנאַ פראַנק און משה פלינקער, וועלכע האָבן אָנגעשריבן די אַזוי באַרימט־געוואָרענע טאָג־ביכער, זענען נישט געווען קיין שרייבער. אַנדערע צענדליקער ווערק, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט אונדזער געוויסן, זענען געוואָרן געשריבן פון מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל אין לעבן נישט געחלומט צו מאַכן אַ שרייבערישע קאַריערע.

אָבער אונדזער חורבן־ליטעראַטור וואָלט נישט געווען קיין פולע, ווען נישט די־אָ ביכער־באַשרייבונגען און גבית־עדות פון די על פי־נס אָפּגעראַ־טעוועטע קרבנות פון דעם שוידערלעכן גיהנום. זייערע דערציילונגען, אָפטמאָל אין אַ פרימיטיווער שפּראַך, אָן ספּעציעלע קינסטלערישע עפעקטן, דרינגען אַריין טיף אין אונדזערע נשמות און פירן אונדז צוריק אין דעם עמק־הבכא.

אויך ה. פּערלמוטער איז נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער. שרייבן איז ביי אים אַ „האָבי", פּונקט ווי טעאַטער־שפּילן איז נישט ביי אים קיין פאַך, נאָר אַ מין חטאת־נעורים. ער שרייבט, ווייל ער מוז שרייבן, ווייל ער וויל, אַז מען זאָל וויסן ווי אַזוי ער און זיינס גלייכן האָבן געלעבט און געליטן ערב אוישוויץ, אין אוישוויץ און נאָך אוישוויץ.

פּערלמוטער האָט אַ גאָר גרויסע מעלה. ער שרייבט קורץ, קלאָר, פּאַר־שטענדלעך און שוין ביים איבערלייענען די ערשטע פּאָר בלעטלעך, שאַפט זיך דער קאָנטאַקט צווישן מחבר און לייענער. זיינע איבערלעבונגען זענען באַ־שריבן אין אַ קלאָרן סטיל, אָן שום מליצה, דירעקט. זיין יידיש איז פאַרפלאָכ־טן מיט פיל פאָלקס־ווערטלעך און לשון־קודשדיקע שפּרוכן, אָפטמאָל מיט הומאָר.

פונוואַנען האָט זיך ביי פּערלמוטערן גענומען דער הומאָר (בעסער גע־זאָגט: דער גאַלגן־הומאָר) אין אוישוויץ? צי איז דאָס נישט דער בולטסטער באַווייז פון יידישן בטחון, פון יידישער אמונה? אפילו אין די טראַגישסטע מאָ־מענטן דאַרף מען נישט פאַרלירן דעם גלויבן, מען דאַרף האָפן, אַז עס וועט זיך ענדערן לטובה. „מען האָט זיי אין ד'רערד". „מען וועט זיי איבערלעבן" — דאָס איז געווען דער דעוויז ביי די, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן דעם צלם־אלוקים, נישט געוואָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין „מוזלמאַנען". ווייל אויב איז מען דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, איז שוין קיין צוריק מער נישט געווען — און דער איינציקער אויסוועג איז געווען די גאַז־קאַמער.

דער דאָזיקער בטחון האָט דערהאַלטן פּערלמוטערן ביים לעבן און מיטן דאָזיקן בטחון האָט ער באַוויזן אויך אָנצושטעקן עטלעכע פון זיינע ליידנס־ברידער און צוזאַמען מיט זיי האָט ער אויסגעהאַלטן ביזן סוף.

דערציילן דאָ דעם אינהאַלט פון פּערלמוטערס בוך ? אוממעגלעך ! ווי איז דאָס מעגלעך פּאַר אַזאַ איינעם, וואָס איז נישט געווען אין דאָזיקן גיהנום, זיך אַריינצופילן אין דעם וואָס דער מחבר האָט אַדורכגעלעבט אויף זיין אייגע־נער הויט ? און ווי איז עס מעגלעך זיך אַריינצוטיפן אין די חבלי־לידה פון מחבר ביים שרייבן זיין בוך, ווען ער האָט געמוזט צוריק אַריינגיין אין דעם טאָל פון טרערן און בלוט, בכדי אויפצופרישן זיין זכרון אַז זיין ווערק זאָל אַרויס קלאָרער, וואָס אמתדיקער ?

דער טעאַטער־רעפּערטוּאַר פון לאַגער איז באַשטאַנען פון יידישע פאָלקס־לידער, „שטיקלעך" פון יידישע אָפּערעטקעס און מתיקותדיקע חזנישע ניגונים. אויך אונדזערע קלאַסיקער און אַנדערע יידישע שרייבער און דיכטער זענען געוואָרן אַרויסגעפירט אויף דער דאָזיקער אויסטערלישער בינע וואָס האָט געהייסן: לאַגער־באַראַק. דאָס „שפּילן" אין באַראַק איז זיכער, סיי פאַרן אַקטיאָר און סיי פאַרן פּובליקום, געווען דער איינציקער מאָמענט, ווען מען האָט געקענט אַביסל פאַרגעסן די טרויעריקעווירקלעכקייט, אין וועלכער מען האָט זיך געפונען. האָט דאָך אויך אַמאָל פּאַסירט, אַז דער רוצחישער יידישער קאַפּאָ, וועמען דאָס געוויסן האָט נישט געפּייניקט צו דערהרגענען אַן אייגענעם ברודער, האָט בעת אַזאַ „פאָרשטעלונג" געווישט אַ טרער פון אויג...

אויך דאָס טעאַטער־שפּילן אין לאַגער האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון גלויבן, פון בטחון, אַז אפשר וועט מען דאָך זיי איבערלעבן און אויסגעלייזט ווערן פון גיהנום. און אויב ה. פּערלמוטער און נאָך אַנדערע געציילטע מענטשן זענען געבליבן לעבן, האָבן זיי עס טאַקע צו פאַרדאַנקען זייער בטחון און גלויבן, זייער עקשנותדיקן נישט וועלן זיך אונטערגעבן, זייער האָפענונג, אַז מען וועט איבערלעבן.

זיין בוך פירט אונדז צוריק אין דעם עמק־הבכא פון וועלכן מיר אַלע האָבן זיך געראַטעוועט און אין וועלכן אַ טייל פון אונדז האָט שוין פאַרגעסן, אָדער מאַכט זיך פאַרגעסן...

„אַרבעטער־וואָרט, פּאַריז, אָקטאָבער 1972.

„אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ" איז געשריבן מיט זייער אַן אויפריכטיקן און דיסקרעטן טאָן, וואָס איז פאַר אייך אייגן. כ׳וויל האָפן, אַז מען וועט עס לייענען און אויך דערפילן אין דעם דאָס ציטערן פון אייער שפּירעוודיק און ציטערנדיק האַרץ. זאָל דאָס זיין דער דערפאָלג און דער שכר.

מרדכי ליטווין

פּאַריז.

✡

לייענענדיק אייער ספר, גלוסט זיך וויינען און אָפט מאָל ווילט זיך לאַכן מיט טרערן פון אייער אופן פון אַרויסברענגען די אַלע אכזריותן. נישט יעדער קען דאָס. איר פאַרמאָגט, ליבער פּערלמוטער, אַ וווּנדערבאַר יידישן לשון, וואָס מונטערט אויף, דערוואַרעמט דאָס האַרץ. אין אייער שרייבן פילט זיך דער גאָט־געריכטעטער אַקטיאָר, דער טעאַטראַל אַן גענדזן־פיסלעך. נישט נאָר איר שרייבט און באַשרייבט, נאָר איר שפּילט איינציטיק.

לילי בערגער

פּאַריז.

ליבער פריינט פערלמוטער,

איבערגעלייענט אייער „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ״ געשריבן מיט אַ שווער האַרץ און אַ לייכטער פעדער.

הגם מיר וויסן שוין זייער אַ סך וועגן די ליידן אונטער דער נאַצישער הערשאַפט, איז אָבער קיינמאָל נישט איבריק צו לייענען זכרונות פון איינעם, וואָס האָט דורכגעמאַכט דאָס דאָזיקע גיהנום. יעדער איינער לעבט איבער אויף זיין אופן צרות און רעאַגירט אויף זיי אַנדערש.

דעריבער איז טאַקע אינטערעסאַנט פון פסיכאָלאָגישן קוקפונקט צו אָב־סערווירן די רעאַגירונגען פון פאַרשידענע מענטשן.

בנוגע אייך פערזענלעך באַוואונדער איך אייער זכרון, וויאַזוי עס האָבן זיך און אים געהאַלטן שטיקער גאַנצע פון דער יידישער ליטעראַטור.

און וואָס שייך דעם סטיל איז ער אַ פאָלקסטימלעכער, פאָפולערער, ער פאַרמאָגט נאָר צו פיל העברעאישע ווערטער. נישט אַלע יידיש־לייענער פאַר־שטייען זיי און ס׳איז אַ שאָד, זיי זאָלן נישט פאַרשטיין דעם זין פון אייער גע־דאַנק.

אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך אייך מאַכן נאָך איין קליינע באַ־מערקונג, אָדער אייגנטלעך אייך שטעלן אַ פראַגע: נאָך וואָס דאַרפט איר די הקדמה? צי מיינט איר אַז דער בוך אייערער באַקומט מער וואָג צוליב דעם?

בעסער וואָלט געווען, ווען די מחברים פון די הקדמות שרייבן אָן רע־צענזיעס אין זשורנאַלן. פון אַ גוטער הקדמה ווערט אַ שלעכט בוך נישט גוט און אַ גוט בוך קאָן זיך אָן דער הקדמה באַגיין.

נאָך אַמאָל אַ דאַנק פאַרן צושיקן מיר דעם „אַקטיאָר אין אוישוויץ״, וואָס באַווייזט, אַז קונסט לעבט אייביק, אפילו אין טויטן־לאַגער.

אייער נח גריס

פאַריז, דעם 25־טן אָקטאָבער 1972.

„אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ״ האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינ־דרוק. דאָס בוך לייענט זיך מיט אינטערעס און געשפּאַנטקייט. עס איז אייגנ־אַרטיק און גוט געשריבן. דער טויטן־לאַגער געזען מיט די אויגן פון אַן אַק־טיאָר אין אוישוויץ איז פאַר אונדז אין אַ געוויסן זין אַנטפּלעקעריש, עס וואַרפט אַ שיין אין אַן אָרט פון גיהנום, וואָס איז געווען פאַר אונדז כמעט נאָך אומבאַ־קאַנט. דאָס בוך איז נאָך אַ צוגעטראָגענער שטיין צום ריזיקן דענקמאָל לזכר אוישוויץ.

משה שולשטיין

פּאַריז.

☆

איך האָב געלייענט און ממש פאַרשלונגען אייערע קינה־זכרונות. אַ ביז גאָר אויפטרייסלענדיקער דאָקומענט פון אונדזער אַלעמענס טראַגישן עבר. אין די סאַמע חושכדיקע טעג צו דערפרייען פאַרטרויערטע, דערשלאָ־גענע, פאַרצווייפלטע יידן מיט אַ לעבעדיק יידיש וואָרט און אַביסל טעאַטראַ־לישקייט איז אויך גבורה. איז דערפאַר אייער שכר אַ גרויסער.

ד״ר יעקב מייטליס

לאָנדאָן.

☆

אַזאַ בוך ווי אייערס איז אַ דערמאָנונג. אַ נויטיקע דערמאָנונג. איך האַלט עס פאַר גאָר אַ וויכטיקע מגילה פון יידישער מאַרטיראָלאָגיע, וואָס איז גאָר אינטערעסאַנט געשילדערט.

יוסף לעפּטוויטש

לאָנדאָן.

אַ שײן, גוט און טראַגיש בוך. איר האָט בפירוש אויפגעטאָן אַ װיכטיקע זאַך, צוגעבנדיק נאָך אַ דאָקומענט צו אונדזער מאַרטיראָלאָגיע. איך האָב עס געלײענט מיט אַ ציטער.

בנימין שלעווין

פּאַריז.

☆

זײט װיסן אַז דער שכר פאַר אײַער מי איז דאָס, װאָס השי״ת האָט אײַך אַרויסגעראַטעװעט פון גאַז־אויװן, כדי איר זאָלט לדורות באַשרײַבן אוישװיץ, אַזוי װי איר האָט דאָס געזען און איבערגעלעבט. זיכער האָט איר די טעמע נאָכנישט אויסגעשעפּט און איר װעט מוסיף זײַן אַ צװײטן באַנד. זאָל אײַך די השגחה פירן אויפן גלײַכן און מזלדיקן װעג.

ישראל חיים קלינגער

לאָנדאָן.

☆

ס׳װאָלט זיך געקענט דוכטן, אַז װעגן אוישװיץ איז שוין אַלץ געזאָגט און אָנגעשריבן געװאָרן. און קײן נײַעס קען מען שוין נישט אין דעם פּרט אַנט־דעקן. און דאָך האָט איר באַװיזן צו געפינען און אַרויסצוברענגען פרישע אײגנ־אַרטיקע אַספּעקטן און באַשריבן זײ מיט אַזאַ עקספּרעסיװע שילדער־קראַפט, אַז אַלץ זעט מען אַזוי בולט, װי מען װאָלט דערבײַ אַלײן געװען.

לאה ראַטבוים

װראַצלאַװ, פּױלן.

דער עיקר וואָס אַפּעלירט צו מיר אין אייער נייעם בוך, איז די אויסער־געוויינלעכע פּשטות און באַשיידנקייט מיט וועלכער איר באַשרייבט און שיל־דערט די אויפטרייסלנדיקע פּערזענלעכע איבערלעבונגען אייערע אין דעם גיהנום־אוישוויץ. איר מיידט אויס באַוווּסטזיניק צו שילדערן מיט „גרויל־פּאַרבן" די אַזוי אויך שוין שוידערלעכע און דערשיטערנדיקע בילדער און סיטואַציעס, וואָס איר און מיליאָנען אַנדערע אומגליקלעכע יידן און נישט־יידן האָבן דורכגעמאַכט אין אָט דעם גיהנום. דאָס האַלט איך פאַר גאָר אַ גרויסע מעלה פון אייער בוך, וואָס איז געשריבן מיט אַזויפיל צער, מיט אַזויפיל אמת.

לייענענדיק די באַזונדערע קאַפּיטלען, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך געפין זיך לעבן אייך — און איך הער ווי איר דערציילט דאָס אַלץ מיט אייער אייגענעם לשון — אַזאַ נאַטירלעכן, דירעקטן, נישט צוגעטראַכטן, נישט געקינצלטן, אַזוי ווען זיך, וועגן אַנדערע, ווי וועגן דער וועלט.

דאָס זעלבע געפיל האָב איך געהאַט ווען איך האָב געלייענט אייער ערשט בוך „מיין סטערצעוו". איך האָב זייער ליב אייער זאַפטיקן, פאָלקסטימלעכן יידיש, וואָס איז אַזוי זאַפטיק באַרייכערט מיט די טרעפלעכע העברעאיזמען.

איך האָב פעסטגעשטעלט, בעת מיין עפנטלעכן פאָרלייענען אייערע נאָ־וועלן, אַז דער יידישער עולם האָט שטאַרק הנאה פון אייער דירעקטן, פאָלקס־טימלעכן און גלייכצייטיק אַזוי באמת קינסטלערישן אופן פון שילדערן מענטש־לעכע געשטאַלטן — און זייערע איבערלעבונגען — און אַרויסברענגען זייער ספּעציפישן כאַראַקטעריסטישן לשון.

יעקב ראַטבוים

וראַצלאַוו (פּוילן).

A. RUTKOWSKI

H. PERLMUTER, *UN COMEDIEN A AUSCHWITZ* (en yiddish), préface de Stanislaw-Wygodzki. Edition « Hamenora ». Tel-Aviv, 1972, 227 pages.

C'est un livre de souvenirs écrit vingt cinq ans après la Libération. Et pourtant il présente un intérêt, non seulement pour le grand public, toujours avide de mieux connaître la réalité irréelle du monde concentrationnaire nazi, mais également, dans une certaine mesure, pour les historiens du grand Churban.

Le livre de H. Perlmuter fournit la preuve que des témoignages d'anciens détenus des camps, écrits même quelques décennies après les événements confrontés et comparés avec des documents et des souvenirs d'autres détenus, sont très utiles pour reconstituer la réalité concentrationnaire, pour combler quelques lacunes dans notre savoir, et, ce qui est très important, faire revivre l'atmosphère, le climat de ce monde ; les documents allemands, les pièces d'archives n'y contribuent point.

L'auteur, né à Starcew (région de Lodz), habitait avant la dernière guerre mondiale à Sosnowiec (Haute-Silésie), où il avait une petite fabrique de pantoufles. Depuis toujours, il était amoureux de littérature et de théâtre yiddish (Peretz, Scholem Aleïchem, Anski, Leïwik, Gordon, etc.). A Starcew, sa ville natale, il faisait partie d'une troupe d'amateurs qui jouait le théâtre yiddish.

Dans son livre, il raconte sa vie pendant les années 1939-1945. Le livre est divisé en trois parties. La première traite de la période de sa vie avant la déportation au camp d'Auschwitz-Birkenau (« Avant Auschwitz »), la deuxième : de son séjour au camp d'Auschwitz (« A Auschwitz »), et la troisiè-

me : de l'évacuation d'Auschwitz, du séjour au camp de Dachau et de la libération (« Après Auschwitz »). La première partie est consacrée à la guerre polono-allemande de septembre 1939 et à la vie des Juifs à Sosnowiec sous l'occupation allemande. On y trouve des renseignements intéressants sur les premières restrictions et répressions antijuives, le ghetto, le Judenrat avec Moniek Meryn, son président tristement célèbre, le Service d'Ordre Juif, et enfin les déportations à Auschwitz-Birkenau de mai 1942 à janvier 1944, de 24 000 Juifs environ. L'auteur évoque également les rapports polono-juifs à Sosnowiec à cette époque, en apportant des exemples de toutes sortes. Il rappelle avec beaucoup de respect le noble Polonais Jan Baïer qui, au péril de sa vie et celle de sa famille, secourait les Juifs ; d'autre part il stigmatise ceux qui voulaient faire fortune avec les malheurs de ses compatriotes juifs.

Dans la deuxième partie, l'auteur évoque l'arrivée de son convoi à Auschwitz-Birkenau, le triage dramatique, son séjour en quarantaine, raconte l'histoire du commando « Canada », du Sonderkommando et de sa révolte en octobre 1944. Il parle également de ses supérieurs (Allemands, Polonais, Juifs), de ses codétenus, de son travail dans les ateliers de cordonniers. A notre avis, les chapitres les plus intéressants sont ceux où l'auteur relate de nombreux faits de solidarité entre détenus et leur amitié (Herschel et Schlamek) face aux oppresseurs, la vie culturelle juive (observation des fêtes, activités littéraires) et en particulier l'évocation de ses activités de comédien auprès de ses camarades à l'ombre des chambres à gaz et des fours crématoires.

H. Perlmuter récitait et faisait du théâtre yiddish au cours des soirées organisées, à l'improviste, dans divers blocs juifs. C'était des extraits d'œuvres dramatiques ou poétiques classiques. Le plus souvent, il jouait certaines scènes de *Tévié-le-Laitier* (Le violon sur le toit) de Schalom

Aleïchem, du *Dibbouk* de Anski, du *Golem* de Leïwik, etc. Ses auditeurs lui étaient très reconnaissants ; il a gagné grâce à ses exploits dans le domaine des belles lettres et du théâtre yiddish, une grande popularité parmi les prisonniers juifs. On l'avait surnommé « Der Teatral » (le comédien). Il touchait des honoraires plus précieux que l'or dans les conditions de vie au camp de concentration : du pain, de la soupe bien grasse, un morceau de saucisson de cheval, un peu de tabac, quelques cigarettes.

Les activités du « comédien » Perlmuter rappelaient aux détenus un autre monde, un monde meilleur, un monde de liberté et d'humanité. Il leur était donc indispensable à la vie et à la survie, comme l'air, l'eau et la maigre soupe. C'était au camp de Dachau (après l'évacuation d'Auschwitz-Birkenau). Un capo se mit à battre « le comédien » ; un ancien capo d'Auschwitz lui dit : « C'est notre comédien d'Auschwitz, si tu veux survivre, ne lève pas la main sur lui. »

Il valait la peine, à notre sens, d'écrire et de faire publier ce livre de H. Perlmuter, ne serait-ce que pour rappeler au monde qu'un Juif opprimé comme les autres à Auschwitz-Birkenau, un condamné à mort comme les autres, a trouvé le courage de faire revivre devant ses camarades d'infortune, à l'ombre de l'enfer, le monde des grands écrivains et des poètes juifs.

☆

די אויבנגעבראַכטע אָפּהאַנדלונג פון אַדאַם רוטקאָווסקי, איז געדרוקט געוואָרן אין „לע מאָנד זשוויף" — די וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פון „צענ־טער פאַר היינטצייטיקער דאָקומענטאַציע" אין פאַריז.

חשובער פריינט ה. פערלמוטער,

אייער אינטערעסאַנט בוך „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ" האָב איך טאַקע ציטירט, צווישן אַ סך אַנדערע, אין מיין פראַנצויזיש בוך וועגן „די שריפטן פון די צום טויט־פאַרמשפטע", אַלס אַ באַדייטנדיקע און וויכטיקע גביות־עדות וועגן פאַרשידענע קולטור־דערשיינונגען אין די היטלעריסטישע לאַגערן. די דורך אייך באַשריבענע דערפאַרונגען, אילוסטרירן גוט און איבער־צייגנדיק דעם דורשט פון די לאַגערניקעס צו אַ ליטעראַרישן וואָרט. — — — *)

איך בעט אייך אָנצונעמען מיינע בעסטע ווונטשן

מיכאל באַרוויטש

פאַריז דעם 4־טן פעברואַר 1981

*) אַ פראַגמענט

פון יענעם 3

עסייען
אָפּהאַנדלונגען
בריוו

וועגן

„בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער"

לוי שאַליט

„בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער" איז דאָס דריטע בוך פון ה. פּערלמוטער. דער נאָמען איז אַ טרעפלעכער און דאָס בוך — אַ זעלטנס. פּערלמוטערס ערשט בוך איז געווען וועגן זיין שטעטל סטערצעוו. דאָס צווייטע בוך, וועגן אוישוויץ. האָבן מיר, הייסט עס איצט אַ טרילאָגיע, וואָס אַלע דריי ביכער זענען אין אַ גרויסער מאָס געווידמעט יידיש טעאַטער: פאַרן חורבן, בעת דעם אומקום, און נאָך דער באַפרייאונג.

אַ זעלטענע טרילאָגיע אין דער יידישער ליטעראַטור — און אויך אין דער יידישער געשיכטע. דער מחבר האָט אויפגעהויבן דעם פאַרהאַנג פון איין ווינקל אין דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע און עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ גרויסע דראַמע, אַ שטיק פון דער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט איבערן און ביים יידישן פאָלק. דורך זיין טרילאָגיע האָט דער מחבר צוגעטראָגן פאַר דער געשיכטע אַ סך מער, אָן פאַרגלייך מער, ווי ער אַליין האָט

עס אפשר געצילט. און איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ מיטבויער פון דער געשיכטע וועגן יידישן לעבן, אומקום און אויפקום.

דאָס דאָזיקע בוך פון ה. פערלמוטער איז אפשר דער וויכטיקסטער שטיין אין זיין טרילאָגיע־בנין. דאָ האָבן מיר אַן אַרבעט, וועגן אַ שטיק געשיכטע, וואָס וואָלט געוויס פאַרגעסן געוואָרן. על כל פנים, האָט עס קיינער דערוויי נישט דערציילט. און פערלמוטער דערציילט מיט אַלע פּרטים און מיט פולער דאָקומענטאַציע, ווייל ער אַליין איז געווען פון די בויערס־גרינדערס פון דאָזיקן טעאַטער אין דעם לאַגער פעלדאַפינג, אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, פון דעם טעאַטער וואָס האָט זיך גערופן „עמך".

„אידישע צייטונג", יאָהאַנעסבורג.

☆

מ. שוסטער

אין „בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער" דערציילט ה. פערלמוטער, וועגן יידיש טעאַטער נאָכן חורבן. דער גרויסער פאַרדינסט פון מחבר איז דאָס מאָל, וואָס ער באַשרייבט אויף אַ גאָר אינטערעסאַנטן אופן, ווי אַזוי עס ווערט גע־בוירן אַ יידישע אַמאַטאָרן־טרופּע פון קאַצעטלער אין אַ ד.־פּ. לאַגער אין דייטשלאַנד „פעלדאַפינג" (נעבן מינכען) און ווי אַזוי ער באַווייזט מיט באַשיי־דענע מיטלען אָנצובינדן דעם קאָנטאַקט צווישן בינע (אויף חורבות) און דעם עולם, זיינע געפּייניקטע ברידער. דערצו איז אָן ספק נויטיק געווען אַ סך אי־דעאַליזם און ברען, אָבער אין דער ערשטער ריי אומגעהויערע ליבע און פּיע־טעט צום טעאַטער און צום יידישן וואָרט.

און ווען מען האָט אַזאַ ליבשאַפט, ווי דאָס האָט פאַרמאָגט ה. פערלמוטער צוריק מיט דרייסיק יאָר, איז גאָר קיין ווּנדער נישט, וואָס ער און אַזעלכע ווי

ער, האָבן דערגרייכט אויפצושטעלן אַזאַ אַמאַטאָרן־טרופּע ווי „עמך", וואָס האָט פּראָקלאַמירט אין איר ערשטער רעווי־פאָרשטעלונג:

זאָל לעבן עמך, פון אַלע פּאַכן,
דו מעגסט דאָך עמך, פון אַלע לאַכן.
דו האָסט פּיל מעלות, כאָטש האָסט קיין געלט,
פרעג נישט קיין שאלות, לאָך פון דער וועלט.

נאָך אַזאַ ים מיט צרות און פּיין, האָט דער ערשטער געבאָט נישט געקענט זיין עפּעס אַנדערש, ווי אַריינברענגען הייטערקייט, ליכטיקייט און אַביסל פרייד אין די הערצער פון די נעכטיקע קאַצעטלער. מען פאָלגט נאָך מיט גרויס אינטערעס, וואָס און ווי אַזוי עס דערציילט ה. פּערלמוטער. און ער דערציילט ווי ס'איז געגרייט און אויפגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג אַן ערשטע רעווי, און אַ צווייטע און דאַן דער „דיבוק" פון ש. אַנסקי, וואָס איז געשפּילט געוואָרן 56 מאָל און אויך אויפגעפירט אין אַנדערע ד.פּ.־לאַגערן אַחוץ פעלדאַפינג. און דאָס איז דערציילט אויף אַזאַ פשוטן אופן, דערצו נאָך אין אַ מחיהדיק זאַפטיקן יידיש. ה. פּערלמוטער האָט נישט בלויז באַרייכערט דעם מין זכרונות־ביכער, נאָר אויך באַוויזן וואָס אַן אַקטיאָר האָט געקאָנט אויפטאָן ביים אַרויסברענגען אויף דער בינע יידישע שאַפונגען נאָך אונדזער גרויסן חורבן.

„בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער" איז אָבער דער עיקר אַ וויכטיקער דאָקומענטאַלער גבית־עדות פון אַ מענטשן, אַליין אַ ניצול געוואָרענער פון גיהנום, וועלכער האָט געווינען, ווי ער שרייבט „די מלחמה מיטן מלאך המוות" און ווי נאָר „די לעבעדיקע מתים האָבן געקענט שטעלן אַ פוס אויף דער פּאָדלאָגע", האָבן זיי גענומען... שפּילן טעאַטער אויף דער בינע פון די חורבות!

די קאַפּיטלען זענען געשריבן מיט האַרץ און נשמה, אָן מליצה, און זיינען זייער רירנדיק.

„נייע פּרעסע", פּאַריז.

יחזקאל קאַרנהענדלער

די טראַגישע געשעענישן פון 39־45 האָבן ווייזט אויס אויפגעוועקט אי־נעם מחבר דעם דרעמלנדיקן שרייבערישן כוח וועלכן ער האָט געהאַט אַנהיי־בנדיק צו שילדערן און דערציילן וועגן זיין געבוירן־שטעטל א. נ. „מיין סטער־צעווו", מיט וועלכן ער האָט שרייבעריש דעביוטירט אין יאָר 1967. ער איז געקומען אין 1972 מיט זיין צווייט און גאָר וויכטיק בוך, „אַן אַק־טיאָר אין אוישוויץ". אַ ווערק אויף אַ טעמע, וועגן וועלכער קיינער פון די אָפּ־געראַטעוועטע מחברים פון זכרונות־ביכער האָט נישט געשריבן, ווייל מ׳האָט געקאָנט מיינען — וואָס האָט אַן אַקטיאָר געהאַט צו טאָן אין אוישוויץ? און אַן אַקטיאָר האָט אין אוישוויץ געהאַט אויסצופירן גאָר אַ גרויסע ראָלע. מיט אַ זינג־טאָן אַ יידיש לידל, רעציטירן אַ פּאָעמע, אַ פראַגמענט פון אַ קלאַסיש ווערק צי גאָר אַ מאָנאָלאָג, האָט ער אַזוי אַרום ממש מחיה געווען זיינע חברים אַרום, ביי וועלכע ער האָט אויפגעלעבט דעם צעטראַטענעם אָנדענק פון יענע טעג, ווען זיי האָבן געלעבט ווי פרייע קולטורעלע מענטשן.

און איצט דאָס דריטע בוך — „בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער"? אמת, עס איז פון אַ קלענערן פאָרמאַט, עס איז אָבער אַ ווייטערדיקער און לאָגישער שריט, וואָס האָט באַדאַרפן נאָכקומען. נאָך זיינע צוויי פריערדיקע אויבן דער־מאָנטע ביכער.

דאָס איז אַ מין בראשית ברא פון יידישער קולטור־ און קונסט־רענעסאַנס נאָכן גרויסן חורבן. יידיש טעאַטער פון קאַצעטלער פאַר קאַצעטלער וואָס גע־פינען זיך נאָך אויף דער דייטשער ערד. הגם טאָקע שוין אויף דער פריי אָבער פאָרט נאָך אין לאַגערן. צום גליק רק מיט יידן. מען הייבט אָן זינגען פון פרייד. און אויב זינגען איז במילא אויך טעאַטער־שפּיל.

עס איז ביז גאָר אינטערעסאַנט צו לייענען אינעם בוך וועגן דער אַנטשטיי־אונג און דעם ווידערגעבורט פון יידיש טעאַטער נאָך דער היטלער־מגפה, וועגן געוואַלדיק גרויסע אָנשטרענג וואָס ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ דאַנק וועלכער

ס׳האָט זיך צעוואַקסן און אַנטוויקלט דער טעאַטער „עמך״ אונטער דער קינסטלערישער השגחה פונעם מחבר.

בסך הכל אַ וויכטיקער דאָקומענט פאַר קומענדיקע געשיכטע־פאָרשער.

„אונזער וועג״, פּאַריז.

☆

באַרווין פרענקעל

עס ווערט דרייסיק יאָר זייט ה. פּערלמוטער פון סטערצעוו איז באַ־פרייט געוואָרן פון טויטן־לאַגער אוישוויץ. צו דער טרויעריק־שמחה׳דיקער דאַטע איז דערשינען זיין דריט בוך — „בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער״. דאָס איז אַ באַווייז פון אַ וויטאַלן כוח פון וועלכן עס איז ממש צו שטוינען. ווי אַזוי איז מעגלעך געווען אַזאַ מעטאַמאָרפאָזע. כמעט ביי די ראַנדן פון גיהנום צו טראַכטן וועגן ווידערגעבורט פון טעאַטער? זעט אויס, אַז עס איז מעגלעך ביי די, וואָס האָבן געלעבט מיט אַ ניצוץ פון אַן אידעאַל, גלויבן אין בעל כרחו׳דיקן מוז פון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט, וואָס שלימערט אין די טיפענישן פון דער פאָלקס־נשמה.

ה. פּערלמוטער, דער סטערצעווער „עמך פאַר עקסטלאַנס״, געהערט צו דער וויטאַלער קאַטעגאָריע פון פּאָטענציעלע און פאָלקסטימלעכע קינסטלער, וואָס ליגן אונטער דעם דיקטאַט פון זייער שליחות.

שוין אין שאָטן פון די קרעמאַטאָריע־אויוונס האָט ער באַוויזן אויפ־צוהאַלטן דעם פונק פון זיין אַמאָליקן סטערצעוו־פּלאַם שפּילנדיק אָדער רע־ציטירנדיק פאַר זיינע ליידנס־חברים פראַגמענטן פון פּיעסן און פּאָעמען, וואָס האָבן אויף אַ ווײַלע געלינדערט די אַספּעקטן פון דער נאַצישער גי־הנום־ווירקלעכקייט. און דאָס האָט ער אויף אַ רירנדיקן אופן באַשריבן אין זיין גבית־עדות־בוך „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ״.

יעדער קינסטלער איז אין זיין אָנפאַנג אַן אַמאַטאָר. פערלמוטער איז עס געווען אין זיין היימשטעטל סטערצעוו. אַזעלכע אַמאַטאָרן־טרופּן ווי אין סטערצעוו זיינען געווען אין פּוילן און אין דער ליטע, הונדערטער. פון אַט די טויזנטער אַמאַטאָרן האָבן זיך שפּעטער אויסגעפּיקט אַ ברכהדיקע צאָל פון גוטע און אפילו גרויסע אַקטיאָרן. דאָס איז געווען דער בראשית פון יידישן טעאַטער (און נישט בלויז פון יידישן). דעם אַמאַטאָריש־טעאַטראַלן עטאַפּ פון זיין לעבן האָט פערלמוטער געשילדערט אין זיין ערשטן בוך „מיין סטערצעוו", וואָס איז אַ דאָקומענט פון אַ תקופה, וואָס איז ליידער אויף אייביק פאַרשוווּנדן, אָפּגעמעקט געוואָרן פון אונדזער יידישן לעבן.

איך האָב אונטערגעשטראָכן דעם פאָלקסטימלעכן שורש פון פערלמוטערס אַקטיאָרישן מהות... די זעלבע אייגנשאַפט פאַרמאָגט אויך זיין שרייבערישער טאַלאַנט. דאָס זיינען נישט קיין ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען, קיין בעלעטריסטישע דערגרייכונגען, זייער ווערטפולקייט באַשטייט קודם כל אין זייער דאָקומענטאַלן און אויפריכטיקן ווערט. ער שרייבט פּשוט, מיט אַ ניצוץ פון נאַאיוויטעט, וואָס איז נישט קיין חסרון, פאַרקערט, מיר באַקומען אַזוי אַרום אַ בילד פון אַ צייט־אָפּשניט, פון אַ סביבה, און אַ גאַלעריע פון לעבעדיקע געשטאַלטן, וואָס זיינען אַדורך די גיהנום־עטאַפּן. שוין אַליין דערפאַר זיינען זיי באַוויזן פון יידישן מענטשלעכן ווידערשטאַנד און פאַרלייקענען דעם שקר־בלבול פון גיין ווי „קעלבער צו דער שחיטה". דאָס איז געווען אַ גרויסער גייסטיקער ווידערשטאַנד, וואָס איז אפשר נישט ווייניקער העלדיש און נאַציאָנאַל ווערטפול ווי אַן אבן־טוב פון גבורה פאַר אונדזער פאָלקס־קיום.

זיין דריט בוך „בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער" פאַרמאָגט די מעלות פון פשטות און דאָקומענטאַלער גבית־עדות. לאָמיר נעמען למשל אַזאַ פראַגמענט:

„די מלחמה מיטן מלאך־המות האָבן מיר געווינען. מען האָט מיט אים זיך געראַנגלט און פאַרט אים בייגעקומען. מיט וואָסערע נסים — דאָס ווייס איין גאָט און די מעדיצין... ס'האָט אָבער געדויערט טעג און וואָכן, ביז מען איז געווען ביכולת צו שטעלן אַ פוס אויף דער פאָדלאָגע". און טראָץ

דעם האָבן די כמעט לעבעדיקע מתים, נאָכדעם ווי זיי האָבן געשטילט דעם יאָרנלאַנגגען הונגער, זיך גענומען צו זעטיקן זייער גייסטיקן הונגער און דאָס אין דער פאָרם פון שפּילן טעאַטער אין די נייע לאַגערן, ווי למשל „פעלדאַ־פינג". פון קאַצעטלער זיינען זיי געוואָרן „די פיגיקעס" און מיט נומערן אויס־טאַטואירטע אויף זייערע הענט און איינגעפּרעסטע אין זייערע נשמות גע־פּרוווט שטעלן די ערשטע טעאַטראַלע שריט אויף די פּרימיטיווע לאַגער־בינעס, שאַפנדיק דעם טעאַטער „עמך".

אין אַ ריי קאַפּיטלען רעכנט אויס פּערלמוטער אַלע די עטאַפּן פון טע־אַטראַלער געדייאונג, הגם מיר צווייפלען צי די אויספּירונגען זיינען געווען פון אַ טעאַטראַלער דערגרייכונג. אָבער נישט דאָס איז אין דעם פאַל וויכ־טיק. וויכטיק און ווערטפול איז געווען דער אומבויגזאַמער ווילן און באַ־שטרעב אויפצולעבן אויף די דאָזיקע חורבות אַ יידישע בינע אפילו אין איר עמבריאָנישן אויסמעסט. אין דעם באַשטייט דער קערן פון זיג איבערן פאַר־ניכטער.

מיר קאָנען בלויז אויסדריקן אונדזער ווייטיק, אַז דער ביישפּיל פון די קאַצעטלער איז ביי אונדז און אין אַנדערע ישובים נישט ווי געהעריק אָפּ־געשאַצט און ממשיך געוואָרן.

איצטער, דרייסיק יאָר נאָכדעם ווי עס איז דאָס ערשטע מאָל אָרויפ־געצויגן געוואָרן די קאָרטינע פון דעם פּרימיטיוון קאַצעט־טעאַטער „עמך", איז שוין שפּעטלעך (אויב נישט צו שפּעט) צו טראַכטן וועגן אַ יידישער טע־אַטראַלער באַנייאונג.

אין דעם פּרט איז דאָס בוך פון ה. פּערלמוטער אַ וויכטיקער דאָקומענט און אַ מין מאָנונג נישט צו פאַרטאַכלעווען די טעאַטראַלע ירושה, וואָס איז אונדז איבערגעלאָזט געוואָרן פון אונדזערע קדושים אַקטיאָרן און טעאַטראַלן. צי איז עס אָבער נישט אַ מאָל אַ קול קורא במדבר?... מען האָט מורא צו ענטפערן.

„אונדזער שטימע" פּאַריז סעפּטעמבער 1974

טייערער ה. פערלמוטער,

„בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער“. עס האָט מיך אַזוי פאַרכאַפּט. קיין מאָל קען מען זיך נישט זעטיקן מיט דעם תחית־המתים פון די יידן וואָס זיינען גע־ווען און געפּילט דעם טעם פון יידישקייט ביי היטלערן ימח שמו. דאָס איז דער כוח פון יידן. ווייס איך ניט צי עמעצער אַן אַנדערער קען האָבן אַזאַ כוח, ווי יידן. און איר באַשרייבט עס אַזוי פשוט, אַזוי פּאַקטיש, ווי עס איז געווען, באַ־ריכטמעסיק. אַ דאַנק! עס איז אַ קאַפּיטל אין אונדזער געשיכטע, וואָס האָט געענדערט אונדזער געשיכטע. צי קען דאָס יידישע פּאָלק לעבן און שאַפן אָן דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, וואָס איז חרוב געוואָרן? אָט זייט איר שוין אין פּאַריז יאָרן און יאָרן, און צו קיין „עמך“ איז ניט דערגאַנגען. דאָס האָט געקענט זיין נאָר ביי די יידן אין תחום און מער ניט.

אברהם גאָלאָמב

לאָס אַנדזשעלעס, 17־טער אָקטאָבער 1974.

נשיא מדינת ישראל

ירושלים, י׳ באדר תש״ה, 21־טער פעברואַר 1975.

לכבוד מר ה. פערלמוטער,

איך האָב געלייענט מיט אינטערעס דאָס בוך „בינע־מאַסקעס ביי קאַ־צעטלער״, וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט. אַ וווּנדערבאַר פּאָלק זענען מיר. אפילו אין די שווערסטע שעהן איגנאָרירט עס נישט די גייסטיקע ווערטן. ווי נאָר די גרעאַטעוועטע האָבן זיך באַפרייט פון די שוידער־לאַגערן — און שוין וועגדן זיי זיך ווידער צום טעאַטער, צו קונסט, צו באַשעפטיקונג מיט דברים העומדים ברומו של עולם.

דערמיט איז אונדזער כוח און זייט געבענטשט פאַר ברענגען דערפון אַ שיינעם אויסדרוק.

אפרים קציר

נשיא מדינת ישראל

ירושלים, י' באדר תשל"ה
21 בפברואר 1975

לכבוד
מר ה. פערלמוטער
מנטון
צרפת

מר פערלמוטער הנכבד,

קראתי בעניין רב את הספר "בינע-מאסקעס ביי קאצעטלער", אשר הואלת לשלוח לי. אכן, עם מופלא הוא עמנו, אשר גם בשעותיו הקשות ביותר איננו מתעלם ואיננו פונה עורף לערכים שברוח. אך נשתחררו הניצולים ממחנות האימים - וכבר פונים הם שוב לתיאטרון, לאמנות, לעיסוק בדברים העומדים ברומו של עולם.

בזה כוחנו, ותבורך על שנתת לכך ביטוי נאה בספרך.

בהוקרה רבה,

אפרים קציר

כ׳דאַנק אייך פאַר די צוויי ביכער וואָס כ׳האָב דערהאַלטן מיט עטלעכע טעג צוריק. איבריק צו זאָגן, אַז כ׳האָב זיי געלייענט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם: פאַראַן אינעווייניק אַזויפיל אמת, אַזויפיל ווייטיק — יעדעס בילד, יעדע שורה רייסן ביים האַרצן. ס׳קומט אייך — פון אַלע אייערע לייענער — אַ גרויסער יישר־כוח.

אלי וויזעל

ניו־יאָרק, 26־טער דעצעמבער 1974.

THE CITY COLLEGE
OF
THE CITY UNIVERSITY OF NEW YORK
NEW YORK, N. Y. 10031

[illegible]

מיין זייער טייערער הערש!

ס׳איז אַ וווּנדערבאַר וויכטיק בוך. און מען מוז זאָגן: אַז ס׳איז אַ גליק וואָס עס געפינט זיך אין אונדזערע רייען אַ פּערלמוטער, וואָס האָט די פאַר־שטענדעניש, קוראַזש און נאַטירלעך אויך די פעאיקייטן און מעגלעכק טן צו פאַראייביקן אונדזער ביסל פאַרגאַנגענהייט אַלס אַקטיאָרן פון „עמך״־טעאַטער אין פעלדאפינג, וואָס האָבן אַזויפיל געלייסטעט פאַר די יידישע קולטור און קונסט אין פינסטערן דייטשלאַנד לשמה!

בעת אַנדערע האָבן געהאַנדלט, געוואַנדלט און טאַקע געמאַכט אַ סך געלט אויך, האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן מיט דער הייליקער אַרבעט לטובת הכלל באמונה.

פאַרדינסט דעריבער דעם גרעסטן יישר כוח פון מיר גופא און פון אַלע אַנדערע חברים פונעם קאָלעקטיוו, צו וועלכע דאָס בוך איז דערגאַנגען און האַלטן עס ווי אַן אבן טוב.

כ׳בין זיכער, אַז אויך בכלל די יידישע וועלט וועט עס ווײסן ווי געהעריק אָפּצושאַצן, אַלס איינציקן דאָקומענט פון יענער תחית־המתים־תקופה. חזק ואמץ טייערער חבר!

אברהם יאַכימאָוויטש

(הויפּט־אַקטיאָר פון „עמך״)

מאָנטרעאַל.

☆

דערהאַלטן דיין ווּנדערבאַר בוך. אַ גרויסן דאַנק דיר! איך האָב עס געלייענט מיט פאַרגעניגן. אַ פיינע פּאַלקס־שפּראַך, אַן עפּילאָג נאָך אוישוויץ און אַ שטיק טעאַטער־געשיכטע פון פּאַריז, וואָס איז מיר באַזונדערס נאָענט.

לעאָן שפּיגעלמאַן

אייער שיין בוך „בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער״ געלייענט און ווידער געפּילט אַ חשק נאָכאַמאָל אַלץ איבערצולייענען. מען מוז זאָגן אַז די פאָטאָגראַפיעס אַזוי ווי די אַנדערע דאָקומענטן וואָס אילוסטרירן די אַלע פאַר־שידענע עפּיזאָדן און געשעעניש פון אייער דאָרטיקער טעאַטער־טעטיקייט, גיבן דעם בוך אַן אַנדער פּנים, מאַכן פון אים אַ היסטאָרישן יש.

דאָס בינטל זכרונות זייט אייער באַפרייאונג פון די טויט־לאַגערן, וועט זיכער בלייבן ווי אַ גרויסער צושטייער פאַר זאַמלער, פאָרשער און געשיכטע־שרייבער פון יידישן טעאַטער נאָכן גרויסן חורבן. בפרט נאָך אַז די זכרונות זענען פאַר אונדז לעבעדיקע און נאָענטע, ווי מיר אַליין וואָלטן אין זיי אַנטייל גענומען. דערפאַר אַ האַרציקן דאַנק!

אהרן גרונדמאַן

ליל.

☆

אַ גרויסן האַרציקן דאַנק פאַר דער שיינער ווערטפולער מתנה „בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער״. קודם כל וויל איך אייך זאָגן, אַז איך און אַלע אַרום מיר חברים און פריינט זענען געווען זייער צופרידן און אפילו גליקלעך, וואָס איר זייט ניצול געוואָרן פון די נאַצי־גיהנומס. און הגם נאָך אַ פיזיש דער־שעפּטער דאָך גייסטיק אַ באַלאַדנטער, האָט איר זיך באַלד נאָך דער באַפריי־אונג גענומען צו דער הייליקער אַרבעט צו שאַפן לטובת דער פאַרפייניקטער דורך רשעים יידישער קולטור און קונסט, ווי מען לייענט עס אין אייער בוך. ווי פּרעכטיק ס'איז אַלץ באַשריבן, מיט אַ שפּראַך וואָס רעדט פשוט צו דער נשמה און היילט דאָס געמיט. היינט אייער טעאַטער־טאַלאַנט?

דאָס בוך איז אויך באַשיינט און באַקריינט מיט די וווּנדערבאַרע שיינע פאָטאָגראַפיעס און אַנדערע וויכטיקע דאָקומענטן פאַר דער געשיכטע, וואָס וועלן בלייבן אַן אַנדענק אויף שטענדיק!

מאַניע בירנצווייג

בועגאָס איירעס.

טייערער הערשעלע!

דאָס איז דער ערשטער בריוו מיינער געשריבן אין 1981 יאָר. ס'איז אַ האַרבסטיקער — אין ישראל, אַ ווינטערדיקער — טאָג מיט אַ „פּוילישן" רעגן. אַ לאַנגזאַמער און פוילער ציט ער פונעם פינצטערן הימל און ווירקט שווער אויפן געמיט.

כ'האָב היינט ווידער באַטראַכט דעם פאָטאָ פון מילבערגער'ס גלענצנדע סקולפּטור — דיין פּאָרטרעט דערמאָנט מיר אַלעמאָל די טראַגישע צייטן וואָס מיר האָבן געמיינזאַם איבערגעלעבט.

וויפל יאָרן זענען שוין פאַרביי? ס'איז נישט לייכט צו מאַכן אַ חשבון הנפש, ווייל אָפטמאָל פרעגט זיך צו וואָס דאָס אַלץ, און נאָך וואָס?

זיי מיר מוחל דעם נישט פריילעכן בריוו, געשריבן אויף דער שוועל פון נייעם יאָר. אפשר וועט 1981 זיין פאַר מיר, פאַר אונדז אַלע אַ גליקלעך יאָר, מיט פרייד און געזונטהייט.

זיי מיר געזונט און שטאַרק, ליבער פריינט מיינער — דיין:

וויגאָדזקי

גבעתיים, 5־טן יאַנואַר 1981.

Paris, le 11 mars 1981

Mon cher ami Perlmutter,

Le premier devoir d'un rescapé des camps a été et reste de témoigner, de faire connaître au monde ce que furent le calvaire mais aussi l'héroïsme de la génération d'Auschwitz.

Vous vous y êtes attaché dans vos livres.

De plus, vous avez tenu à évoquer nos grands prosateurs et poètes. Vous avez voulu aussi servir le théâtre yiddish.

Pour tout cela, soyez remercié.

Henri BULAWKO
Président de l'Amicale
des Anciens Déportés Juifs de France

ליבער ר׳ הערשל פערלמוטער,

כ׳בין זיך מודה, אַז ווען כ׳לייען אַזעלכע ביכער ווי „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ״ און „בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער״, דערפיל איך זיך קליין, שוואַך און אָרעם אין ווערטער אָקעגן דעם גרויסן כח פונעם שרייבער. די גבורה אין שטילן דערציילן איז פיל גרעסער ווי אין שטורעמען פעסטונגען.

אין אייער באַשיידנקייט בעט איר מחילה ביי אַן־סקין פאַרן רעציטירן אַ פראַגמענט פון „דיבוק״ ביי יענע פינצטערע באַדינגונגען. כ׳מיין אָבער, אַז קיין שום אַקטיאָר און קיין שום פובליקום האָבן נאָך נישט איבערגעלעבט אזא טיף די גרויסקייט פון קינסטלערישן וואָרט, ווי איר אין יענעם באַראַק ביים באַרג יידיש אַש. כ׳בין זיכער, אַז איר זייט דעמאָלט געווען אַזוי עכט ווי אין אייער שרייבן וועגן דעם, נאָך צענדליקער יאָרן און דאָס געהער דערפאַר צו איי־גנאַרטיקסטער שעפערישקייט אין דער וועלט.

מיט די איינפאַכסטע ווערטער רופט איר אַרויס די אינטואיציע פון לייע־נער צו זען דעם גרויל אַ סך גרויליקער ווי איר דערציילט. אין אַ האַלבער שורה זאָגט איר מער ווי מ׳קען בכלל זאָגן און אגב מאַכט איר פון לייענער אַ מיט־שעפער. מיר דערפילן דאָס אַלץ, וואָס איז באַהאַלטן הינטער די ווערטער און בילדער, דאָס וואָס מ׳וועט שוין קיינמאָל נישט קענען דערזאָגן. און דאָך פילט מען עס אַזוי מוראדיק און עס הערט נישט אויף דער ציטער און אונז, בלויז פון וועלכן עס שלאָגט דער אומבאַשרייבלעכער גרויל און עס שיינט גלייכצייַ־טיק די דערהויבנקייט פון נישט פאַרלירן דעם צלם אלוקים אין פינצטערסטן טאָל פון אומקום.

ס׳איז גוט, וואָס איר צאָלט נישט קיין שטייער דער הויכער קונסט, נאָר רעדט מיט די פשוטסטע ווערטער און אַזוי שטיל, אַז ס׳צויבערט, היפּנאָטי־זירט צוצולייגן ס׳אויער און לאָזן זיך מיטשלעפּן מיטן מסוכנעם אומבאַגרייפ־לעכן אונטערשטראָם וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט לאָזן דעפינירן, ווי מ׳וועט שוין קיינמאָל נישט באַנעמען דעם גרויס פון אונדזער אומקום. מ׳מוז אויך באַוווּנדערן דעם אומגעהויערן כוח, די גרויסע גייסטיקע ענערגיע צו נע־מען זיך, נאָך יאָרן שווייגן און אויסטראָגן אוישוויץ, דערציילן כאָטש איינצעלנע עפּיזאָדן פון יענעם וויסטן פּלאַנעט, ווידער אַריינקוקן אין יענע חשכות.

כ׳זע אייער געראַנגל מיט די אוישוויץ־וויזיעס און איר האָט אוודאי נישט איינמאָל אָוועקגעשאַרט פון זיך די פאַרשריבענע זייטלעך, אָבער זיי האָבן אייך קיין רו נישט געגעבן, ווייל וואָס איז דען מער געבליבן פון אונדזער גאַנג ווי אָט דאָס פאַרשרייבן כאָטש טראָפּנס פונעם שוידער און פון דער קדושה וואָס פירט צוריק צום מענטש. דערפאַר פריי איך זיך מיטן אָנזאָג פון דערשיינען פון אייערס אַ ניי בוך.

זייט האַרציק געגרוסט:

אייער שמעון קאַנץ

חשובער פריינד ה. פערלמוטער,

כ׳האָב אויפמערקזאַם איבערגעלייענט די דריי ביכער אייערע, וועלכע איך האָב פון אייך באַקומען. אַ דאַנק. זיי האָבן ביי מיר אַרויסגערופן אַ באַזונדערן אינטערעס. אין אונטערשייד פון פיל אַנדערע שאַפונגען פון דער צייט און פון אַן ענלעכן אינהאַלט, פאַרמאָגן זיי גענויטלעכקייט, בטחון און האָפנונג, כאָטש די מענטשן, וועלכע איר ברענגט אַרויס אין אייערע זכרונות פון „מיין סטערצעוו״ זענען אין די גרעסטע פיינען אומגעקומען אין פלאַמען, די באַשרייבונגען פון „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ״ זענען פול מיט גרויל און מענטשלעכער אכזריות און די „בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער״ זענען אַרומגענומען פון דערמאָנונגען פון דער נישט ווייטער מאַקאַברישער פאַרגאַנגענהייט.

דאָס אייגנאַרטיקע און אפשר אפילו דאָס איינציקאַרטיקע פון אייערע שאַפונגען איז דאָס רואיקע שילדערן געשפענסטיקע פאַסירונגען פון אַ קוידערישער וועלט, ווי זיי זאָלן געהערן צו אַ נאָרמאַלן לעבנס־שטייגער. איר זענט אַן עד־ראיה פון גיהנום און איר דערציילט וועגן דעם לעבן דאָרט בניחותא, רואיק און באַדאַכט. זעט עס אויס פשוט און אומהיימלעך, נאַטירלעך און מאַקאַבריש.

דער דאָזיקער אויסנאַמלעכער כאַראַקטער פון אייער שרייבן שטאַמט, מיין איך, פון צוויי עיקרדיקע סיבות. ערשטנס, אייער קוואַליקע יידישע שפּראַך מיט איר נאַטירלעך פאָלקסטימלעכן הומאָר און מיט איר צוגעפּאַסטע אין משך פון דורות אויסדרוקן פאַר די איבערלעבענישן, געפילן און מחשבות פון יידישן פאָלקסמענטש. די נייע גרויזאַמע אינהאַלטן אויסגעדרוקט אין זעלבן לשון באַקומען דעריבער מילדערע קאָלירן.

צווייטנס, איז דאָס אייער נייגונג צו טעאַטראַלישער אויסלעבונג, וועלכע האָט זיך פאַרוואַנדלט מיט דער צייט אין אַ ליידנשאַפטלעכער ליבע, וועלכע איר האָט קיינמאָל נישט פאַרראַטן, אַפילו אין אַנבליק פון טויט. אַ דאַנק דער

דאַזיקער ליבע האָט איר געקענט אין שאול־תחתיה פאַרקערפערן אין לעבעדי־קע בילדער אייער בענקשאַפט נאָך פרייהייט, שיינקייט און אמת און אויך זיך פילן זיכערער אין קרייז פון אומקום, ווי אַ מענטש אין אַ שטאָק־פינצטערניש, ווען ער טראָגט אַ לאָמטערן אין דער האַנט.

אין שיין פון דער דאַזיקער ליבע האָט איר לעבן זיך געקאָנט דערזען אויך אַנדערע מענטשן אין זייער אומגליק און צייטנווייז אויך דאָס מענטשלע־כע אין זיי, נישט געקוקט אויף די אַרומיקע אוממענטשלעכע באַדינגונגען.

איך ווינטש אייך געזונט און כוח ווייטער אָנצוגיין אין זעלבן נוסח מיט אייערע רירנדיקע דערמאָנונגען און פיינע באַשרייבונגען, כדי נישט צו לאָזן איינדרימלען די מענטשלעכע וואַכזאַמקייט, אַז עס זאָלן מער אַזעלכע גרוי־זאַמקייטן נישט געשען.

אייער מיט פריינטשאַפט :

דוד ספאַרד

פאַריז דעם 10־טן מערץ 1981.



The Jewish Review BY AND FOR LIBERATED JEWS IN GERMANY

Editorial-Office · Schriftleitung:
MARBURG-LAHN
FRANKFURTER STRASSE 42
Postscheck-Kto.: Frankfurt-M. 146273

Jüdische Rundschau ILLUSTRIERTE ZEITSCHRIFT
Lizenz-Nr. US - W - 1028 der Nachrichtenkontrolle der Militärregierung
Bankkonto: Marburger Volksbank Nr. 4391, Marburg-L. · Telefon Nr. 2882

⑯ ~~Marburg-L.~~ Feldafing, den 21 April 1946

א בריוו צו ה. פּערלמוטער פון שעף רעדאַקטאָר פון „די יידישע רונדשוי" אין פראַנקפורט — ישראל בלומענפעלד, נאָך זיין באַזוכן די פּרעמיערע „דיבוק" אויפגעפירט דורכן טעאַטער „עמך". רעזשיסער ה. פּערלמוטער.

דער קאָלעקטיוו פון „עמך״־טעאַטער נאָך אַ מאַניפעסטאַציע זומער־צייט 1946.



דער מחבר, בעתן רעציטירן אין מינכענער „שוישפיל־הויז״ גלייך נאָך דער באַפרייאונג.

דער דיכטער ה. לייוויק נאָך זיין רעפעראַט אין קולטור־היים (פעלדאַ־פינג) און פראָפעסאָר י. אפרת, וועלכע האָבן אויך באַזוכט די פאָר־שטעלונג פון „דיבוק" געשטעלט דורכן טעאַטער „עמך".



דער מחבר, בעתן רעציטירן אין טעאַטער־זאַל (פעלדאַפינג).

די פאַרוואַלטונג פונעם טעאַטער „עמן״. פון לינקס אויף רעכטס: ראבי, קירשנבלאַט, פערלמוטער, פינגערהוט, שטיינברעכער, אַפּטער, קלעטשעווסקי, יאַכימאָוויטש און אַבראַמאָוויטש.

דער מחבר, און זיין קאָנצערט־גרופּע צו באַדינען די יידישע ישובים אין בייערן. פון רעכטס אויף לינקס: די פּיאַניסטין (פון ווילנער פיל־האַרמאָניע) שרה גראָסמאַן, דער מחבר, די קאָלאָראַטור־סאָפּראַן־זינגערין ריינע סימאָן, דער אַקאָרדעאָניסט יעקב גראָסמאַן.

דער דיכטער אברהם סוצקעווער און ה. פערלמוטער בעת אַ באַזוך אין
„בצלאל־מוזיי״ ירושלים דעם 10־טן מאַי 1946. פאָטאָ סאַמי פעדער.

„מזל־טוב־כוס” נאָך דער חופּה אויף דער חתונה פון רינה סוצקעווער דעם 8־טן מאַי 1966 ל״ג בעומר. פֿון רעכטס אויף לינקס: אליעזר פינעס, פריידקע סוצקעווער, הערשל פערלמוטער, אברהם סוצקעווער, רינה סוצקעווער, פרוי ווייסגאַל, יעקב זרובבל און מאיר ווייסגאַל.

„ביים רבינס טיש” אויף רינה׳ס חתונה, פון לינקס אויף רעכטס: אברהם סוצקעווער, משה גראָס צימערמאַן, א. לוצקי, (נישט זיכער) אהרן צייט־לין, יחיאל האָפער, פרוי האָפער, ה. פערלמוטער, בינעם העלער און הדסה קעסטין.

רעכטס (אויבן און אונטן) : מסיבה ביי די פערלמוטערס לכבוד דעם גאַסט פון וואַרשע, דער שרייבער סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי, פּאַריז, אָקטאָבער 1966. עס זענען אָנוועזנד די משפחות ד״ר חיים סלאָוועס, מרדכי ליטווין, משה שולשטיין, בורשטין־פינער, שמואל בלום מאַלער.
לינקס (אויבן און אונטן) : שבת־סעודה ביי משפחה סוצקעווער, תל אביב, דעצעמבער 1966. צווישן די פאַרבעטענע געסט : די משפחות משה גראָס־צמערמאַן, יעקב זרובבל, יוסף פּאַפּיערניקאָוו און ה. פערלמוטער.

פון זעלבן מחבר:

מ י י ן ס ט ע ר צ ע ו

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב

תשכ"ז — 1967

אַ ן אַ ק ט י אָ ר א י ן א ו י ש ו י ץ

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב

תשל"ב — 1972

ב י נ ע - מ אַ ס ק ע ס ב י י ק אַ צ ע ט ל ע ר

יידיש טעאַטער נאָכן חורבן

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב

תשל"ד — 1974

H. PERLMUTER

FON ZIH UN FON YENEM

© Copyright by H. Perlmuter
PARIS 1981
Printed in France.
Imprimerie IM.PO., 65, rue du Fg-St-Denis, 75010 Paris